STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08682

DI SHEHNE ARABELLA

Catulle Mendes

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא שעהנע
ארא־בעלא.

ראמאן

— פון —

קאטול מענדעס.

פרייז 25 סענט.

היברו פאבלישינג קאמפאני.
83־85־87 קאנאל סטריט, נויארק.

HEBREW PUBLISHING COMPANY,
83-85-87 Canal Street, New York.

די שעהנע אראבעלא

1.

דער טייפעל.

זי איז געווען די איינציגע טאָכטער פון א פראנצויזישען גוטס־בעזיצער מיט'ן נאָמען גוזעביאוס. גוזעביאוס אליין איז געווען א מאַן מיט א צו־דרעהטען מוח, א פאנטאסט, א האלב משוגענער, א מענש וואָס האָט שטענדיג געטראכט פון נייע משונה'דיגע ערפינדונגען, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט ערפונדען... זיין ווייב איז ביי איהם געשטאָרבען און האָט איבערגעלאָזט דאָס אכט יאָהריגע קינד אראבעללא.

אראבעללא איז געוואקסען א יתומה'לע אָהן א מאַמעס אויגען, אָהן א מאַמעס לאַסקעס, געוואקסען ווי א ווילדע ביימעלע אויפ'ן פרייען פעלד...

איהר פאָטער, וועלכער האָט א צווייטען מאָל ניט געהייראַטעט, האָט אויסער זיינע חלומות ליעב געהאַט זיין קליין טאָכטערל, און אמאָל אין די ווינטער־אבענדען, זיצענדיג ביים ברענענדיגען קאַמין, פלעגט ער זי אויף די קניע נעהמען און איהרע לאַנגע רויטע לאָקען, וואָס זיינען איבער איהרע אַקסלען צושאָטען געווען, גלעטען, און איהר דערצעהלען וועגען זיינע טרוימען, וועגען זיינע געוואַלדיגע ערפינדונגען, וואָס ער געהט מאַכען. און זי פלעגט זיצען, די אויגען גרויסע און העלע, אויסגעגלאָצט אויפ'ן וואַנד, ניט הערענדיג און ניט זעהענדיג איהם, דאכט זיך, אין גאַנצען...

פון יואָס זי האָט געטראכט, די אכט־יאָהריגע אראבעללא, אין וואָס פאַר א קינדערשער וועלט איהר פאַנטאַזיע האָט געשוועבט — איהר צוטראַגענער פאַטער האָט עס קיינמאָל ניט געוואוסט.

צייטענווייז פלעגט די קליינע אראבעללא זיך צושטיפען, אזוי אונ־ערוואַרטעט ווי דאָס אויפברויזען פון א שטורם; דעמאָלט פלעגט זי אויף די בוימער קלעטערן, די בלומען מיט'ן וואָרצעל אויסרייסען און די שפּיעגלען פלעגט זי ברעכען דערפאַר, ווייל, אוועקשטעלענדיג זיך נעגען א שפּיעגעל מיט

אן אויסגעשטעלטע צונג, פלעגט פון שפיגעל ארויס איהר א צווייטע מיידעלע, אויך מיט רויטע לאָקען, און אויך ארויסשטעלען א צונג... זי פלעגט וועלען א קלאפּ טהון יענע מיידעלע צי מיט אן אייזען, צי מיט אנאנדער שווערע זאך, און פלעגט דעם שפּיעגעל צוברעכען.

אין דער זעלבער צייט האָט איהר פאטער זיינע טרוימען געוועבט: גרויסע געשעפטען געמאכט, וואָס האָבען איהם אין זיין פאנטאזיע פאר דעם גרעסטען מיליאָנער געמאכט; פיער פערשיעדענע לופט־שיפען האָט ער אויסגעטראכט, און ער האָט שוין אויף זיי די רייזע פון פראנקרייך נאָך אמעריקא געמאכט... און שפּעטער האָט ער זיך איינגערעדט, אז מען קען אויסלערנען די אפּפען, די אָבעזיאָנעס, די ערד צו בעארבייטען, דאן וואָלט מען געקענט איינשפּאָרען א סך מענשליכע ארבייט, און — נאָך אזוינע משונה'דיגע קינדערייען, האָט ער זיך אין קאָפּ אריינגענומען.

אין וועלכער צייט פון טאָג מען פלעגט ניט קומען צו איהם אין הויף אריין, שטענדיג פלעגט מען איהם טרעפען, וואנדערנדיג איבער זיין גארטען פאר'ן הויז אין אן אָבגעטראָגענעם פערשטויבטען רעקעל, אין צוריסענע הויזען, מיט צופּאטעלטע האָאר און באָרד, און מאכענדיג מיט זיין שטעקען איבער'ן זאמד פערשיעדענע פיגורען. דאָס האָט ער מוסטערן פון זיינע ערפינדונגען אויפ'ן זאמד געמאָהלען — און איז געווען גליקליך!...

אזא מענש איז געווען אראבעללא'ס פאטער, און זי האָט געוואקסען ווילד און פערלאָזען. זי האָט אין גאָרטען געהאט איהרע קיהלע, שאטענדיגע ווינקעלעך, דאָרט פלעגט זי פערברענגען זומער־צייט שטונדען גאנצע און געצעהלט די צווייגען פון די בוימער און די בלעטלעך פון די בלומען.

און אין איהר איז פערבאָרגען געווען א שרעקליכער גייסט, אין איהרע אויגען האָט א פייער געדרעמעלט און עס איז ניט געווען, ווער עס זאָל דאָס בעמערקען.

ווען זי איז אלט געווען צעהן יאָהר, האָט דער דאָזיגער שרעקליכער גייסט אין איהר צום ערשטען מאָל ערוואכט. אן אלטע דיענסט זייערע, וואָס האָט זי איינמאָל דערזעהען שפּעט אין גאָרטען, האָט איהר געזאָגט, אז ווען זי וואָלט געווען איהר טאטע, וואָלט אראבעללא ביי איהר שמיץ געקראָגען דערפאר, וואָס זי שלעפט זיך ארום אזוי שפּעט.

דערפאר האָט אראבעללא איהר דאן געענטפערט מיט די נעגעל: האָט

זיך אַרויפגעוואָרפען אויף דער אַלטער מיט די נעגעל און אַרויסגעריסען אַ קאַם גרויע האָאר פון דעם אַלטען קאָפּ. און שפּעטער, ווען די אַלטע, קומענ־דיג צו זיך, האָט זי גוט אָנגעפּאַטשט דערפאַר, האָט זיך אַראַבעללאַ, פיהלענדיג זיך בעזיעגט, אויף דער ערד געוואָרפען, האָט זיך געקייקעלט און אַרומגעוואָרפען און פאַר כעס געצופּט און געריסען פון זיך דאָס פלייש ביז בלוט...

אין יענער צייט איז זי געווען אַ מיידעלע מיט אַ בלייך פּנים, רויטע האָאר און מיט אויגען, וואָס האָבען צייטענווייז אויפגעבליצט מיט פייערלעך. זי האָט געהאַט דיקע און האַרטע גליעדער און אַ ברייטע געוועלבטע ברוסט. וואָלט זי אַ אינגעל געווען, וואָלט פון איהר געקענט אַרויסקומען אַ גוטער אַטלעט.

און אין איין שעהנעם טאָג האָט זי זיך אַריינגעגנב'עט אין דעם צימער, וואו עס האָט זיך געפונען די ביבלאָטהעק. אויף אַלטע פערשטויבטע פּאָליצעס זיינען דאָרט געשטאַנען און געלעגען אַרום טויזענד ביכער, אין וועלכע די מילבען האָבען זייערע נעסטען געהאַט. דען איהר פאַטער גוזעביאוס, מיט זיינע פאַנטאַזיען פערנומען, האָט קיין בעדירפניס צו לעזען ניט געפיהלט.

צו די דאָזיגע ביכער האָט זי זיך צוגעכאַפּט און דעם גרעסטען טהייל פון איהר צייט האָט זי אין דעם צימער געגומען פערברענגען. אַמאָל זאָגאַר פלעגט זי זיך אַריינ'גנב'ענען אַהין אין מיטען נאַכט אַ באָרפוסע, אין איין העמד, און געלעזען, און געלעזען.

די ערשטע צייט האָט זי ניט פערשטאַנען, וואָס זי לעזט, שפּעטער אָבער האָט זי גענומען פערשטעהען אַלץ קלאָרער און קלאָרער. די גאַנצע ביבליאָטהעק, די אַלע פערשיעדענע ביכער האָט זי מיט איהר יונגען קאָפּ פערשלונגען, אָהן אַ סיסטעם און אָהן אַ סדר. מיט דעם זעלבען ברען האָט זי איבערגעלעזען די מיסטישע, די רעליגיעזע ביכער, און די אפּיקורסישע, די אַלטע פּאָעזיע און די מאָדערנע, די פילאָזאָפען און די געשיכט־שרייבער און די ראָמאַנען פון די אַלטע און די נייע שרייבער.

פאַר אַ העלען און געזונדען גייסט, וואָלט אַזאַ פערשיעדענאַרטיגעס לעזען געווען אַ מין גייסטיגער האָניג; פאַר איהר אָבער איז עס געווען גיפט. אַזאַ טרוימערין ווי איהר פאָטער, מיט נאָך אַ מעהר היציגער פאַנטאַזיע,

פלעגט זי זיך פֿארשטעלען, בעת זי האָט די פערשיעדענע ראָמאַנען געלעזען, אז זי אַליין איז די העלדין פון דעם ראָמאַן. און צו פיערצעהן יאהר האָט זי זיך געזעהן דאָ אַלס אויסגעלאַסענע פרוי אין עגיפּטען און גריעכענלאַנד, דאָ אַלס מאַטראָנע אין רוים, א פּאַטריציערין אין ווענעדיג, אַלס קייזערין דאָ, אַלס פּויערין דאָרט...

אָפט האָט מען זי געזעהען וואנדערנדיג איבער'ן פעלד מיט אַן ארונטער געלאָזטען קאָפּ; ווינד און רעגען האָבען זי ניט אָבגעהאַלטען, און אין די נעכט האָט זי זיך ארומגעוואָרפען אין שמערצליכע טרוימען. געקלאַמערט זיך מיטביידע הענד נאָך רוהם, נאָך דער קרוין פון א קעניגין, נאָך דער ליעבע פון א פּרינץ, נאָכ'ן שעהנעם הימעל, נאָך דער העלער, גאָלדענער זון, נאָך די עדעלסטע און שעהנסטע טהאַטען און נאָך די שענדליכסטע און שרעקליכסטע פערברעכען, — געקלאַמערט און געריסען זיך צו דעם מיט איהר גאַנצער נשמה, מיט אַלע איהרע גליעדער, פון ליידענשאַפט פערצעהרט. אין אַזוינע מאָמענטען פלעגט זי אָפט אויפשפּרינגען פון איהר געלעגער און, פיהלענדיג אז זי ווערט דערשטיקט, אז דער אַטהעם פעהלט איהר אויס, פלעגט זי זיך צום פענסטער א וואָרף טהון, געעפענט עס און געזויגען די לופט מיט'ן גאַנצען לונגען; און אז זי פלעגט דאָ פאַר זיך דערזעהען די פינסטער ניס, ווי פערשיעדען זי איז פון איהרע ליכטיגע טרוימען, פלעגט זי נעהמען שילטען די איינזאַמקייט פון דער נאַכט...

זי האָט געבענקט נאָך עפּעס, עס האָט זי געצויגען און געריסען צו עפּעס, צו וואָס? בעשטימט האָט זי נאָך אַליין ניט געוואוסט...

און איינמאָל, א זומער פאַרנאַכט, — זי איז דעמאָלט אַלט געווען זעכצעהן יאהר — האָט זי שפּאַציערט צווישען די בוימער פון וואַלד... פּלוצלונג האָט זי דערהערט א שטילען שעפּצען און א קושען פון הינטער די נאָהענטע בושעס. זי האָט זיך אָבגעשטעלט. א קוק געטהאָן אין דער ריכטונג, פון וואַנען דאָס שעפּצען און דאָס קושען האָט זיך געטראָגען, און איז געבליעבען שטעהן א פערגאַפטע, מיט גרויסע, גרויסע אויגען. דאָרט איז געלעגען זייער שטאָל־קנעכט מיט א יונגער דאָרפישער מיידעל... אראבעללא האָט דערפיהלט ווי א הייסע, זודיגע כוואַליע האָט איהר א זעץ געטהאָן פון רוקען אין קאָפּ און אין איהרע אויגען האָבען זיך פייערדיגע פלאַמען אָנגעצונדען. זי האָט זיך ניט געקענט אָברייסען פון יענעם בילד,

או וואָס לענגער זי האָט פּער׳גנב׳עט געקומט אהין, אַלץ הייסער און שטורמ־דיגער האָט אין איהר געקאָכט...

און ווען זי איז שפּעטער אהיים געקומען, האָט זי שוין בעשטימט געוואוסט, וואוהין עס ציהט זי און נאָך וואָס זי בענקט. ניט נאָך דעם גלאַנץ פון א בעריהמטען נאָמען, ניט נאָך דער קרוין פון א קעניגין אין א רייכען פּאַלאַץ, נור נאָך עטוואָס אזוינס, וואָס זי האָט געקענט קריגען, און איז זאָגאַר בערייט געווען צו קריגען ביי זיי אין הויף אויך... דער טייפעל, וואָס איז אין איהר ביז איצט געשלאָפען, האָט זיך אויפגעכאַפּט און גענומען צו איהר רעדען מיט א פייערדיגע צונג און שטויסען און שלעפּען זי צום טיפען אָבגרונד... זי האָט דערפיהלט, אז זי פערליערט איהר פערשטאַנד. זי פערליערט זיך אין גאַנצען... דאַן האָט זי זיך א כאַפּ געטהאָן: וואָס איז מיט איהר? וועגען וואָס טראַכט זי, צו וואָס ציהט זי?! און זי האָט בעשלאָסען צו בעקעמפּפען אין זיך דעם טייפעל, און זי האָט זיך געזאָגט: „איך וועל אין אָבגרונד ניט פאַלען!"...

זי האָט זיך דאַן א נעהם געטהאָן צו מוזיק. אין די טענער פון הימעלשע אַקאָרדען האָט זי זיך געוואָלט פערגעסען, און דאָס שפּיעלען אויף דער פּיאַנאָ איז געוואָרען איהר ליידענשאַפט. זעקס מאָנאַטען נאָכ־אַנאַנד האָט זי טאָג און נאַכט געשפּיעלט אויף דער פּיאַנאָ און זיך אויס־געבילדעט א זעלטענע מוזיק־קינסטלערין. זי האָט געשמייכעלט מיט הייהד׳ן, געזונגען מיט מאָצאַרט׳ן, געזיפצט מיט שאָפּין׳ען און האָט זיך גע׳טובל׳ט מיט ענטציקונג אין דער געהיימניספולער נשמה פון בעטהאָווען.

האָט זי דער פרייערדיגער טייפעל דאַן פערלאָזען? ניין! פערקעהרט, דורך די טענער פון דער מוזיק האָט ער זי גערופען צו לעשען איהר פייער, צו זינדיגען און צו בעפריעדיגען איהר ליידענשאַפט... מיט די פאַרבען פון מוזיק האָט ער געמאָהלען פאַר איהר אזוינע ברענענדע בילדער, ווי זי האָט דאַן געזעהען אין וואַלד... עס זיינען געווען אַקאָרדען, וואָס האָבען זי בערוישט, ווי א צו־שנעל געטאַנצטער וואַלצער; עס זיינען געווען מאָטיווען פון וועלכע זי האָט זיך געצאַפּעלט פון קאָפּ ביז די פיס; עס זיינען געווען מעלאָדיען, פון וועלכע עס האָט זי געוואָרפען פון קעלט אין היץ און פון היץ אין קעלט. די מוזיק האָט אויסגעדריקט דאָס, וואָס דער טייפעל אין איהר האָט געשעפּצעט...

און איינמאָל, ווען איהר פאטער איז צו איהר אריינגעקומען, האָט ער זי געפונען שטעהענדיג אויף די קניע ביי דער פיאַנאָ, אָהן בעוועגונג, כמעט א גע׳חלש׳טע, מיט׳ן קאָפּ געזונקען אויף די שטומע נאָטען. ווען דעם פאטערס קול האָט זי צו זיך געבראכט, האָט זי איהם געזאָגט:

— איך לעב צו אומזיסט. די מענשען פון דער געגענד זיינען גערעכט, אונזער הויז איז פער׳ כשופ׳ט... פאטער, איך זעה געשפּענסטער, זיי פער־פאָלגען מיך, זיי ווילען מיך אונגליקליך מאכען! פאטער, ווען איך וועל זעהן מענער און פרויען, ווען איך וועל מענשען זעהען, וועל איך מעהר קיין געשפּענסטער זעהן. מיין צימער איז א גיהנום, אויף מיין בעט רוהט א קללה, איך וויל ניט פערלאָרען געהען אין אַבגרונד, איך וויל ניט!... אה, פאטער, לאָז מיך אויפ׳ן ווינטער אוועקפאָהרען אין טולאָן צו דער מוהמען, אפשר וועל איך דאָרט קענען הייראטהען!

און זי איז אוועקגעפאָהרען אין טולאָן.

אלזאָ, זי איז אוועקגעפאָהרען אין טולאָן מיט דער אבזיכט צו הייראטהען. זי איז געוועזען שעהן, זעהר שעהן: א הויכע, א שלאַנקע, מיט א ביוסט פול כשוף, פול רייץ, מיט א פּנים ווי פון ווייסען מארמאָר אויס־געטאַקט, מיט א קאָפּ, וואָס די נאטור האָט מיט א רויטער קרוין בעציערט... די מענער, וואָס זי האָט אָבער אין טולאָן געטראָפען, האָבען זיך פאר איהר געשראָקען; פאר דעם אונגעוועהנליכען גלאַנץ אין איהרע אויגען האָבען זיי זיך געשראָקען. אייניגע פון זיי וואָלטען זי געוואָלט פאר זייער געליעבטע מאכען, קיינער אָבער פון זיי האָט זי ניט געוואָלט פאר א פרוי נעהמען. אין איהרע אויגען און אין איהר גאַנצען וועזען איז עטוואָס געלעגען, וואָס האָט גערעדט צום מענשען: „היט זיך פאר מיר!“

דאן איז זי ווידער געבליעבען אַזוי עלענד, אליין, ווי פריהער, און זי האָט זיך געמוזט צוריקקעהרען אַהיים נאָך מעהר פערצווייפעלט, ווי דאן, ווען זי האָט איהר פאטער׳ס הויז פערלאָזען.

אמת טאַקע: אין טולאָן האָט זיך איינער אין איהר פערליעבט. דאָס איז געוועזען איהר פעטער סעבאַסטיאַן, א זיעבצעהניעהריגער סטודענט. ער האָט זיך מיט איהר געטראָפען ביי איהר מוהמע ארמאַנדע. אראבעללא, וועלכע איז דאן אלט געוועזען אכטצעהן יאהר, האָט זיך פריהער דערפרעהט מיט דער ליעבע און פאר א געוויסע צייט האָט זי זיך געהאַלטען פאַר

גע..שעוועט. די ליעבע, די פריעדליכע, רוהיגע, ריינע ליעבע — קען זי ראַטעווען פון איהרע זינדיגע געפיהלען, פון דעם פייער וואָס האָט זי פערצעהרט אין גאַנצען, פון דעם טייפעל, וואָס האָט זי אין אַבגרונד געשלעפּט. זי וועט זיין געליעבט און וועט ריין בלייבען. די ליעבע איז די רעטונג פון דער אויסגעלאַסענהייט. דען אין דעם שעהנעם גוף פון דער דאָזיגער יונגער מיידעל האָט געלעבט די נשמה פון אַן אויסגעלאַסענער...

א מאָנאַט צייט האָט זי איהם געלאָזט זיך ליעבען און האָט איהם אליין געליעבט. שפּעטער אָבער האָט אראבעללא א טראַכט געטהאָן: „ווי לאַנגוויילִיג איז מיר מיט איהם!"

ער איז געווען אַזוי ווייך, אַזוי זאַנפט און אַזוי בלייך, און זי האָט געבענקט נאָך א שטאַרקען, שטאַרקען מאַן, נאָך א כאַראַקטער, נאָך א פּערזענליכקייט...

אָבער דער ווייכער, זאַנפטער, סעבאַסטיאַן האָט זי געליעבט מיט זיין גאַנצער יונגער צאַרטער זעעלע, און ווען זי איז אַהיים געפאָהרען, איז ער אויך מיט איהר געפאָהרען.

און אַהיים געקומען, האָט זי ניט געוואוסט וואָס צו טהון, אום צו רעטען זיך פון זיך אַליין... זי האָט געפיהלט, אַז דער טייפעל אין איהר ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, בעהערשט זי אין גאַנצען; אַז קיין קרעפטען זיינען ביי איהר ניטאָ צו שטרייטען געגען איהם. זי האָט דערפיהלט, אַז איהר ריינקייט איז אַבהענגיג נור פון א צופאַל, און זי איז געוואָרען אונרוהיג.

און צייטענווייז, בעת דער טייפעל פלעגט נעהמען רעדען אין איהר מיט ווערטער פלאַם־פייער, פלעגט זי זיך ארויפזעצענדיג רייטענדיג אויף א פערד און פלעגט אויף איהם זיך אוועקיאָגען איבער פעלד און וואַלד, איבער באַרג און טהאָל, און בעת דעם פלעגט זי זיך פאַרשטעלען אַז זי טראָגט זיך אין לופטען מיט א שטאַרקען, שטאַרקען מאַן אין א לופט פול ברענענדער ליעבע, און זי פלעגט דאַן צו־וואַרפען איהרע רויטע האָאר איבער די שולטערן, און דאָס בלוט פלעגט זיך אין איהר אָנצינדען, און די אויגען זיך צוברענען, ווי ביי א ווילדער קאַץ, און זי פלעגט פליהען און יאָגען זיך אַלץ ווייטער און ווייטער ביז זי פלעגט דערפיהלען א מיעדקייט און פלעגט זיך צוריקקעהרען אַהיים דורכ'ן וואַלד.

די פויערים, וואָס האָבען איהר פּאַטערס לאַנד בעאַרבייטעט, ווען זיי פלעגען זי דערזעהען פון ווייטען פליהען אויף איהר פערד, פלעגען זאָגען: „דער רויטער טייפעל פליהט!“...

און איינמאָל, בעת זי איז אַזוי געפלויגען אויף איהר פערד איבער'ן דונקעלערן וואַלד, האָט איהר געטראָפען יענער צופאַל, פאַר וועלכען זי האָט די גאַנצע צייט אַזוי מורא געהאַט...

צווייטער קאַפּיטעל

ד ע ר פ ר ע מ ד ע ר.

און פּאַסירט האָט עס אין אַ הייסען אויגוסט נאָכמיטאָג.

אויפ'ן פעלד, אַ פּאָר מייל פון גוזעביאוס הויף, האָבען פויערים און פויערטעס געאַרבייט. האָבען געשניטען די גאָלדענע קאָרנזאַנגען און זיי געבונדען אין גאָלדענע סנאָפּעס. לינקס פונ'ם פעלד האָט אַרויסגעקוקט אַ דונקעלער, אַלטער וואַלד, רעכטס — איז געלאָפען פון גוזעביאוס הויף אַ גלייכער, ברייטער זאַמדיגער וועג, וועלכער האָט זיך פערלאָרען ווייט־ווייט אין דעם בלויען האָריזאָנט און וועלכער איז אָבגעטהיילט געווען פונ'ם פעלד דורך אַ ברייטער, זעהר ברייטער קאַנאַווע.

דער הימעל איז געווען קלאָר און בלוי, די פויערים און די פויערטעס האָבען, אַרבייטענדיג, אין כאָר געזונגען אַ ליעד, וועלכעס האָט פרעהליך און מעלאָדיש אָבגעקלונגען ווייט־ווייט איבער פעלד און טהאָל, אונטער דעם הערליך־בלויען הימעל.

פּלוצים האָט זיך אויפ'ן וועג בעוויזען אַ הויכער, שלאַנקער מאַן. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און קוקענדיג אויף די אַרבייטער אויף יענער זייט קאַנאַווע, האָט ער אויסגעשריען:

— העי, איהר זינגט דאָך גאָר שעהן! קען איך אפשר ביי אייך אַרבייט קריגען? איך בין אַ גוטער שניטער און זוך אַרבייט...

מיט זייערע ברוינע פון דער זון אָבגעברענטע געזיכטער האָבען די פויערים און די פויערטעס אָנגעקוקט דעם אונבעקאַנטען מאַן.

דער מאַן, וואָס איז געשטאַנען דורך דער ברייטער קאַנאַווע פון זיי אָבגעטהיילט, איז געווען זעהר אַ שטאַרקער מאַן, אַ יאָהר פינף און צוואַנציג

אלט, ברייט און שלאנק און לעבעדיג, ווי א יונגער זשערעבעץ. ער האט געטראגען א היטעל מיט א נייעם לעדערנעם קאזיראק איבער זיינע אויגען, וואס האבען געברענט מיט א גאלדענעם פייערל, ווי ביי א קאץ, א ברוינעם רעקעל און א רויטען האלזטוך. קענטיג אז ער איז ניט געווען קיין פויער. קיין ארבייטער האט ער אויך ניט אויסגעזעהן, דען זיינע הענד, הגם גרויסע און שטארקע, זיינען געווען ווייס און צארט. א גוטע אויג וואלט גלייך אין איהם דערקענט א געפעהרליכען מענשען — א שטאדטישען גנב, אדער אפשר גאר א מערדער...

די יונגע מיידלעך און די פרויען אבער, וואס האבען אויפ'ן פעלד געארבייט, איז ער שטארק געפעלען געווען. עפעס איז אין איהם געלעגען, וואס האט ארויסגערופען א הארץ־קלאפעניש. ער האט ארונטערגענומען דאס היטעל פון קאפ, וועלכער איז געווען אין גאנצען בעדעקט מיט שווארצע געקרויזטע האאר ביז די ברעמען. א בערדעל האט ער אויך געטראגען א שווארצען און געקרויזטען. און האט ער געשמייכעלט, האט ער ארויס־געשטעלט שעהנע, ווייסע און שארפע צייהן, ווי ביי א יונגען טיגער...

דער איינדרוק, וואס ער וואלט אויף א מענשען מיט א גוטער אויג געמאכט, וואלט געווען דער: אז ער איז א מאן פון ווילדער שעהנהייט, אפשר אין גאנצען א ווילדער, מיט אזא טעמפעראמענט, וועלכער וועט זיך פאר קיין זאך ניט אבשטעלען, ווען עס זאל זיך האנדלען וועגען בעפריעדיגען זיך. דאס שרעקליכסטע אין דיזער יונגער בעסטיע איז געווען, וואס זי איז געווען פריי, ניט פערשפארט.

— נו, איהר פערשטעהט מיך? — האט ער זיך ווידער געווענדעט צו די ארבייטער — איך בין הונגעריג און האב קיין געלד ניט. איך וויל ארבייטען. קענט איהר מיר געבען ארבייט?

— פריהער פאר אלעם, ווער ביזטו? — האט איינער פון די פויערים זיך אבגערופען.

דאן האבען די אנדערע פויערים איהם גענומען שטעלען פראגען: פון וואנען ער קומט. קיינער קען איהם ניט. אפשר איז ער א פשוט'ער וואגא־בונד, דאן זאל ער זיך בעסער אבטראגען, א ניט ווען מען איהם ארעסטירען און אין געפענגניס פערשיקען.

דער פרעמדער האָט עס אַלעם אויסגעהערט מיט אַ מינע פון פעראַכטונג, האַלטענדיג פערלעגט אַ האַנד איבער אַ האַנד אויף דער ברוסט.

דאַן האָט אַרויסגעטראָטען איינע פון די אינגסטע און פון די שטאַרקסטע מיידלעך אין אַ רויטען קלייד און אַ געלע העמד, אונטער וועלכע די יונגע ברוסט האָט זיך כשופ׳דיג בעוועגט, און זי האָט איהם אַזוי געזאָגט:

— ווי אָבער קענסטו צום פעלד צוקומען ? גלויבסטו, אַז דו וואָלסט די טיעפע קאַנאַווע געקענט אריבערשפּרינגען ?

— וועט איהר מיר געבען אַ קוש, ווען איך וועל די קאַנאַווע אריבער־שפּרינגען ?

— דו וועסט זיך האַלז און נאַקען צוברעכען ! — האָט דאָס מיידעל געענטפערט און זיך פרעהליך צולאַכט.

—וועט איהר מיר געבען אַרבייט, ווען איך וועל אריבערשפּרינגען ? — האָט דער פרעמדער וויעדער געפּרעגט.

— יאָ. — האָבען די פּויערים געענטפערט אַלע אין איין קול, מיינענדיג אַז ער מאַכט שפּאַס.

ער איז צוגעגאַנגען צום ברעג פון דער ברייטער, טיעפער קאַנאַווע, האָט צוגעדריקט אַ פוס צו אַ פוס, האָט זיך איינגעבויגען און מיט איין מעכטיגען שפּרונג איז ער אריבערגעפלויגען די קאַנאַווע און אַזוי לייכט, אַז קיין גרעזעלע האָט זיך ניט אַ שאָקעל געטהאָן אונטער זיינע פיס. די פּויערים זיינען געבליבען שטעהן פערגאַפט.

— דאָס איז אַ פּאַפּיאַל ! — האָט אויסגעשריען דאָס יונגע מיידעל, וואָס האָט פריהער פון איהם געלאַכט.

פּאַפּיאַל הייסט אין דער סויט־פראַנצויזישער פאָלקס־שפּראַך : שמעטער־לינג, פערדרעהט פון דעם פראַנצויזישען וואָר „פּאַפּילאָן“.

— ווען דו קענסט אַזוי גוט שניידען, ווי שפּרינגען, וועט אונזער אַלטער הערר גוזעביאָוס דיך אָנשטעלען אַרבייטען אויפ׳ן גאַנצען סיזאָן און דו וועסט קענען פערדינען צוואַנציג סו אַ טאָג.

— גוט ! —׳ האָט דער פרעמדער אויסגעשריען.

— ווי הייסטו ? — איז צו איהם צוגעגאַנגען דאָס יונגע מיידעל.

— פּאַפּיאַל. — האָט ער געענטפערט.

— דאָס איז ניט דיין נאָמען.

— דו האָסט מיר איהם געגעבען און אזוי וועל איך זיך פון היינט אָן רופען. דו ביזט א בלום און איך בין א פאפיאָל. (א שמעטערלינג.)

און געזאָגט דאָס, האָט ער זי קרעפטיג ביי דער טאליע אָנגענומען, און איהר א קוש געטהאָן אויף די ליפען און נאקען.

זי האָט זיך העלל צולאכט און זיך געלאָזט פון איהם קושען. און פלוצלונג, ווען ער האָט איהר געוואָלט נאָך אמאָל א קוש טהון, האָט ער דערפיהלט א האק אונטער'ן פלייצע. ער האָט זיך לאנגזאם א קעהר געטהאָן און אָננעהמענדיג א פאָזע פון אַן אמעריקאנישען פייטער, האָט ער אויס־געשטעלט זיינע פויסטען געגען דעם פערטהיידיגער פון דעם מיידעל און, א פאָהר געטהאָן מיט איין אָרעם, האָט ער יענעם אויסגעזעצט צוויי פאָדערשטע ציינער.

די פויערים האָבען גענומען פאטשען אין די הענד און לאכען. דער פערוואונדערטער אליין האָט, ווי אַן עכטער פראנצויז, אויסגעשפייט זיינע צוויי ציינער און האָט זיך געמאכט, אקוראט, ווי די געשיכטע וואָלט איהם אליין אויך אמוזירט. און די הוהן, פאר וועלכע די צוויי העהנער האָבען זיך געשלאָגען האָט נאטירליך בעוואונדערט דעם זיעגער.

— דו קומסט פון ווייט? האָט זי איהם געפרעגט.

— פון ווייט גענוג.

— די רייזע האָט דיך פיעל געלד געקאָסט?

— זי האָט מיך גאָרנישט געקאָסט.

— דו ביזט געגאַנגען צו־פוס?

— אָה, ניין, איך בין געפאָהרען.

דאָס מיידעל האָט ניט געקענט פערשטעהן און איז אנשווייגען געוואָרען די איבריגע ארום האָבען אויך געשוויגען. עפּעס האָבען זיי אַלע פלוצלונג דערפיהלט, ווי א ווילדע חיה וואָלט אין זייער מיטע געקומען...

דאָס מיידעל האָט אויך דערפיהלט אַן אינסטינקטיווע אונרוהיגקייט, און ווען זי האָט זיך איינגעבויגען, אום איהר שנייד־מעסער צו נעהמען, דאַן האָט זי בעמערקט, ווי די גאָלדענע פייערלעך פון זיינע אויגען, אויף איהר ברוסט אויסגעגלאָצט, האָבען גענומען פינקלען ווי ביי א קאַץ, בעת זי דערזעהט א מויז, און זי האָט א ציטער געטהאָן און אויפגעצויגען די שנירלעך פון איהר העמד, ניט וויי־ל זי האָט זיך געשעהמט, נור וויי־ל זי האָט זיך

עפעס געשראָקען פאַר איהם... און דאָך האָט קיינער נים געוואָגט איהם צו זאָגען „גיה!“ און ער איז געשטאַנען און געגעסען מיט זיינע ווילדע אויגען דאָס יונגע מיידעל.

דריטער קאַפּיטעל

אין דונקלען וואַלד...

פלוצלונג האָט אין דער ארומיגער שטילקיים אָבגעהילכט דאָס שנעלע גאַלאָפּירען פון א פערד.

— דער רויטער טייפעל פאָהרט, די טאָכטער פון אונזער הערין! — האָט דאָס מיידעל זיך אָבגערופען, סטאַרענדיג זיך מיט די דאָזיגע ווערטער צו פערשטיקען איהר אונרוה.

פּאַפּיאַל האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט דערזעהן א רייטערין מיט צופלאַטערטע האָאר און קלייד, פליהענדיג אויף א פערד אין דער ריכטונג וואו די פּויערים האָבען געאַרבייט. דאָס איז געוועזן אַראַבעללאַ. צוגעפלויגען צו דעם פּלאַץ, וואו די פּויערים האָבען געאַרבייט, האָט זי דאָס פערד אָבגעשטעלט, אום זיי צו גריסען.

פּאַפּיאַל האָט זיך איינגעגעסען מיט זיינע אויגען אין איהרע, וועלכע האָבען געבליסשצעט מיט א ניט-געזונדער ליידענשאַפט. ער איז געשטאַנען פערגאַפט פון איהר שעהנהייט, פון דעם הויכען ביוסט איהרען, פון איהר געזיכט, ווי פון מאַרמאָר אויסגעשניצט, און פון איהרע רויטע האָאר, וועלכע האָבען אויף אַלע זייטען געפלאַטערט, ווי די פלאַמען פון ברענענדיגען שטרוי. זי האָט אויסגעהאַלטען זיין בליק וואָס איז געוועזן ווי פון א ווילדען, הונגעריגען יאַסטרעב אויף א טויב. זי איז אָבער אויך ערשטוינט געוואָרען פון זיין אויסזעהען, פון זיין שעהנהייט און קראַפט, און אין זיינע אויגען האָט זי אינסטינקטיוו דערפיהלט דעם פייער, וואָס האָט אין איהר אַליין געברענט...

אָבער פאַר וואָס קוקט ער אויף איהר אזוי? אפשר קוקט ער נור אויף די נאַלדענע קייט, וואָס איז אין צווייען ארומגעדרעהט אויף אַראַבעללאַ׳ס

וויסען האלז. אזוי האָט אראבעללא טאקע געמיינט, און א קוק געטהאָן אויף איהם מיט פעראכטונג, האָט זי א שמיץ געטהאָן דעם פערד און איז אװעקגעפלויגען װייטער מיט׳ן ברייטען זאמדיגען וועג.

פּאַפּיאַל האָט געשיקט אויסגעפרעגט די ארבייטער וועגען דער פריילײן.

און זיי האָבען איהם דערצעהלט, אז זי איז צומישט, ווייל זי קען זיך קיין מאַן ניט קריגען, און אז יעדען טאָג פליהט זי אזוי רייטענדיג אויפ׳ן פערד, ביז זי ווערט איינגעמאטערט און דאַן פאָהרט זי צוריק אהיים.

— אליין? — האָט ער געפרעגט.

— אימער אליין. — האָט מען איהם געענטפערט.

— און אויף וועלכען וועג פאָהרט זי צוריק? — האָט ער ווייטער געפרעגט.

— דורך יענעם וואלד.

— דורך יענעם וואלד? — האָט פּאַפּיאַל איבערגעפרעגט און א טראַכט געטהאָן:

— אויב אזוי, דארף מען געהן אין וואלד. מיר וועלען זעהן, וואָס וועט די בעקאַנטשאַפט מיט יענער שעהנהייט אונז געבען?... מורא דארף איך ניט האָבען... כאַפּ נאָכדעם דעם ווינד אויפ׳ן פעלד!!

און ער האָט ווייטער ניט געפרעגט. די ארבייטער האָבען ווייטער געארבייט, און ער האָט גענומען זוכען מיט די אויגען ארום זיך א שטריק...

ער האָט באלד דערזעהן פון ווייטען א גרויסען שטריק ליעגענדיג צווישען די צונויפגעשטעלטע סנאָפּעס.

— העי! — האָט ער אויסגעשריען — וועט איהר מיר די שטריק געבען?

— וואָס דארפסטו די שטריק? — האָט מען איהם געפרעגט.

— איך האָב איבערגעלאָזט אין יענעם וואלד א קאָרב סחורה, דען איהר דארפט וויסען, אז איך בין א פעדלער. — האָט ער ערקלערט — וויל איך די קאָרב ארומבינדען.

און אזוי ווי די פויערים האָבען געוואָלט פון איהם פּטור ווערען, האָבען זיי איהם געזאָגט, ער מעג יענע שטריק נעהמען.

און דאָ האָט פּאַפּיאַל זיי ווידער א קונץ בעוויזען: ער האָט זיך א וואָרף געטהאָן אויף די הענד מיט׳ן קאָפּ ארונטער צו דער ערד און מיט די

פיס ארויף און האָט זיך גענומען בעוועגען אויף די הענד צו די שטריק צו. דאַן האָט ער זיך איבערגעדרעהט אין לופטען עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד, איז אַזוי צוגעפלויגען צום שטריק און האָט זי מיט די פיס אויפגעהויבען.

די פויערים האָבען ווייט געעפענט מויל און אויגען און האָבען זיך ניט געקענט אָבוואונדערן פון איהם.

— אַ טייפעל! — האָבען אייניגע געזאָגט.

— מסתמא אַן אַקראָבאַט פון אַ צירקוס! — האָבען אַנדערע געטראַכט.

— און איצט, מיינע ליעבע לייט, — האָט פאַפּילאָן זיך ווידער געווענדעט צו זיי, צונויפלעגענדיג די שטריק אונטער'ן פאַכווע — איך האָב אייך געוויזען אַ קונץ, דערפאַר גיט מיר אַ שטיקעל ברויט מיט אַ טאָמייטאָ.

מען האָט איהם אָבגעשניטען אַ גרויס שטיק האָבערנעם ברויט און מען האָט איהם געגעבען צוויי טאָמייטאָס. ער האָט עס אריינגעשפּאַרט אין קעשענע און איז אַוועק מיט'ן פעלד צום וואַלד צו, פייפענדיג אין גאַנג אַ פרעהליך ליעדעל.

ער איז געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם, אַקוראַט ווי אויף אַ שפּאַציער, און האָט פון צייט צו צייט זיך אומגעקוקט אויף די פויערים, ווי ער וואָלט געוואָלט זיך איבערצייגען ווי ווייט זיי זיינען פון איהם.

— ווען זי וועט שרייען — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן — וועט מען ניט הערען...

אַ קליין ווינטעלע האָט זיך אויפגעהויבען און האָט זיך געשפּיעלט מיט די קאָרנזאַנגען, וואָס האָבען זיך געשפּיעלט ווי כוואַליעס אין אַ גאָלדענעם ים.

עס האָט איהם גענומען אַ קנאַפּע שטונדע, ביז ער איז צוגעקומען צום וואַלד. דער וואַלד איז געווען אַן אַלטער, אַ דונקעלער און אין מיטען איז געלאָפען אַ שמאָלער גלייכער וועג צו גוזעביאוס הויף.

— אויף דעם וועג, הייסט עס, וועט די רויטע שעהנהייט באַלד דורכפאָהרען — האָט ער אַ טראַכט געטהאָן.

ער האָט זיך ארומגעקוקט, גענומען זיין שטריק, איז צוגעגאַנגען צו אַן אַלטען דעמב, וואָס איז געשטאַנען נעהנטער ביים וועג און האָט אַן איהם אַנגעבונדען איין עק פון שטריק און דעם אַנדערן ברעג האָט ער אַנגעבונדען

אַן אַ צוווייטען בוים, וואָס איז געשטאַנען אויף דער אַנדער זייט וועג, און אויף אַזאַ אופן האָט ער דעם וועג פאַרשטעלט...

דאַן איז ער אוועק אַביסעלע ווייטער. דאָרט איז געווען אַ קליין בערגעלע, אין גאַנצען בעוואַקסען מיט מאָך. פּאַפּיאַל האָט אַ טראַכט געטהאָן:

— אַ חייך בעט איז אויף פאַרהאַן!...

ער האָט זיך געזעצט אויפ'ן בערגעלע, אַרויסגענומען זיין ברויט מיט די טאָמייטאָס און גענומען עסען. אַרום איז געווען דונקעל און שטיל, די פייגעלעך נור האָבען ערגעץ געפּייפט און געשוויסצעט און די אַלטע בוימער האָבען זיך צו זיי צוגעהערט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם.

און פּאַפּיאַל האָט דערווייל געגעסען. דאָס ברויט איז אפילו געווען גאַנץ האַרט, אַבער פּאַפּיאַל האָט געהאַט צייהן פון אַ יונגען וואָלף און האָט געשלונגען די שטיקלעך ברויט, איידער ער האָט זיי אפילו גוט צוקייט. ביי אַ רוהיגען געוויסען האָט מען אַ געזונדען מאָגען, און פּאַפּיאַל'ס געוויסען איז קיינמאָל ניט געווען רוהיגער ווי איצט...

אז ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט'ן עסען, האָט ער אַרויסגענומען אַ קליינע פּיפּקע פון קעשענע, אָבער ער האָט ווענינ טאַבאַק געהאַט, נור אַביסעלע אין אַ צוקנייטשט פּאַפּירעל, האָט ער אויפגעהויבען פון דר'ערד אַ רויטעם, טרוקענעם בלאַט פון אַן אייכענבוים, האָט עס אוועקגעלעגט אויפ'ן לאַדאָן און עס צוריבען מיט די פינגער צוזאַמען מיט דעם טאַבאַק, און דאַן מיט דעם אָנגעשטאָפּט זיין פּיפּקע.

דאַן האָט ער פעררויכערט זיין פּיפּקע, און זיך אויסגעצויגען אויפ'ן רוקען און גערויכערט לאַנגזאַם, פויל און מיט טעם, אַקוראַט ווי אַ טערק.

פּלוצלונג איז ער אויפגעשפּרונגען. ער האָט דערהערט דאָס גאַלאָפּירען פון אַ פערד. ער האָט גלייך פערלאָשען זיין פּיפּקע, אָבער די אויגען זיינע האָבען זיך אָנגעצונדען העלער, ווי דאָס פריהערדיגע פייער אין דער פּיפּקע. ער האָט זיך געשטעלט הינטער אַ בוים, מיט די אויגען אויסגעגלאָצט אין דער ריכטונג פון וואַנען דאָס גאַלאָפּירען האָט זיך געהערט.

און באַלד האָט ער דערזעהען דעם פערד טראָגענדיג זיך מיט דער מיידעל מיט די צופלאַטערטע האָאר און מיט די צוברענטע באַקען און אויגען

און דאַן... טראַ־אַך! דאָס פערד מיט דער רייטערין זיינען געפאַלען מיט אַ שווערען דומפּפען פאַל איבער דעם שטריק...

פּאַפּיאַל איז אַרויסגעלאָפען פון הינטער׳ן בוים, איז צוגעלאָפען צו יענעם אָרט. אַראַבעללאַ איז געלעגען אויפ׳ן מאָך ניט ווייט פון איהר פערד, וועלכעס איז געלעגען מיט׳ן קאָפּ און די פיס פערפּלאָנטערט אין דעם שטריק און האָט שווער געסאָפּעט.

— איך האָף אַז איהר האָט זיך ניט צושלאָגען, פריילין? — האָט זיך פּאַפּיאַל געווענדעט צו איהר העפליך.

זי האָט אויפגעהויבען די אויגען און האָט איהם גלייך דערקענט.

— אַה, איך פערשטעה, — האָט זי זיך אָבגערופען מיט אַ שטימע פול פעראַכטונג — איהר האָט עס געטהאָן, אום מיך צו בערויבען.

זי האָט אַרונטערגענומען די קייט פון איהר האַלז און איהם דערלאַנגט.

— נעהמט זי, עס איז אַ גאָלדענע. איך האָב נאָך עטליכע פראַנק אין קעשענע, אַז איהר ווילט.

פּאַפּיאַל האָט גענומען די קייט און דאָס געלד און אַרונטערגעלאָזט אין קעשענע פון זיין רעקעל.

— און איצט העלפט מיר אויפהייבען מיין פערד. — האָט זי געזאָגט, אויפשטעלענדיג זיך פון אָרט — מיין פאַטער וועט דאָרט וואַרטען אויף מיר מיט׳ן עסען, ער וועט זיין אונרוהיג.

פּאַפּיאַל האָט זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין איהר. זי איז געוועזען אַזוי שעהן, אַזוי הויך און אַזוי שלאַנק. אין דיזער צייט האָט די פערגעהענדע זון אַרויסגעקוקט פון צווישען די דונקעלע בוימער אַ רויטע און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער רויטער קאָפּ אַראַבעללאַ׳ס איז אויך אַ טהייל פון דער רויטער זון. פון דעם פאַל האָבען עטליכע קנעפּלעך פון איהר בלוזע געפּלאַצט און איהר רייצענדער בוזים האָט מיט אַ בערוישענדען צויבער איצט פרייער אַרויסגעקוקט.

— איהר אַליין זייט אויך גאָלד. — האָט פּאַפּיאַל געזאָגט.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן צושראָקען, איז אָבגעלאָפען אָן אַ זייט און אויסגעשטעלט אויף איהם גרויסע, צושראָקענע אויגען.

— לאָזט מיך אַהיים פאָהרען! — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט, פיהלענ־דיג ווי עס שווינדעלט איהר פאַר די אויגען.

און ער האָט געקוקט אויף איהר, גרייט זיך אַרויפצואוואַרפען אויף איהר, מיט פלאַמענדע אויגען, מורא׳דיג און ווילד.

— דו געפעלסט מיר! — האָט פּאַפּיאַל זיך ווידער אָבגערופען מיט אַ הייסען אָטהעם.

און ער איז צו איהר ווידער צוגעאַנגען.

— דער אָבגרונד! — האָט זי מיט שרעק אַ טראַכט געטהאָן, און אַ כאַפּ געטהאָן איהר בייטש, האָט זי איהם צוויי מאָל אַ שמיץ געטהאָן.

— איך דאַנק דיר! — האָט פּאַפּיאַל געזאָגט, ארויסרייסענדיג פון איהרע הענד די בייטש, וועלכע ער האָט אוועקגעוואָרפען.

אין קאָפּ האָט זיך איהר נאָך מעהר גענומען דרעהען און איהרע אויגען שטאַרע, אויסגעגלאָצטע, האָבען געקוקט אויף איהם, ווי מען קוקט אויף אַ אָבגרונד, וועלכען מען דערזעהט פּלוצים פאַר זיך אָדער — אויף אַ ווילדע חיה.

פּלוצים האָט פאַר איהרע אויגען אָבגעלעבט יענעם בילד, וואָס זי האָט אַמאָל געזעהן אין וואַלד צווישען די קוסטעס, און אַ הייסע כוואַליע האָט איהר אין קאָפּ אַ זעץ געטהאָן, און זי האָט זיך אין גאַנצען אָנגעצונדען.

זי האָט מיט איהר גאַנצען וועזען דערפיהלט זיין פערלאַנג, און איז פער־שכור׳ט געוואָרען אַליין.

דאָך ווען ער האָט זי אַ כאַפּ געטהאָן פאַר דער טאַליע און צוגעדריקט איהר שטייפען, פעסטען בוזים צו זיינעם, האָט זי זיך נאָך געפּרובט אָביסעלע וועהרען, אקוראַט ווי דאָס ריינע און געזונדע אין איהר וואָלט זיך געראַנגעלט געגען דעם, ער איז אָבער געווען זעהר שטאַרק, און אַ הויב טהוענדיג זי אין דער לופטען, האָט ער זי צום מאַכינען בערגעלע צוגעטראָגען און זי ארונטער־געלאָזט.

— לאָזט... אום גאָטעס ווילען! — האָט זי געשעפּצעט, רייסענדיג זיינע אייזערנע הענד פון זיך. אָבער ער האָט מיט געוואַלט, מיט ווילדער קראַפט זי געבראָכען אין זיינע הענד, און זי, פערליערענדיג צום סוף די לעצטע פונקען פון איהר ווילען, האָט זיך מעהר ניט געוועהרט, אונטערוואַרפענדיג זיך זיין קראַפט מיט אַ ברענענדיגען וועהטאָג און מיט אַ פיינליכען פערגניגען.

און שפּעטער האָט זי זיך שטיל צוואויינט, און דאָך האָט זי זיך מיט איהר גאַנצען וועזען געריסען צו דעם אונבעקאַנטען מאַן, ווי פער׳כשופ׳ט

פון איהם, און ווען זי האָט זיך איהם ווידער אָבגעגעבען, האָט זי איהם געקושט און גערופען מיט די צערטליכסטע נעמען.

דער אָבגרונד, וואָס האָט זי זיינט יאָהרען און יאהרען געצויגען, האָט זי אויפ'ן סוף פערשלונגען !...

פינפטער קאַפּיטעל.

אראבעללא'ס פערצווייפלונג.

עס איז שוין געווען גאַנץ שפּעט, ווען אראבעללא האָט זיך ארויסגעריסען פון פּאפּיאָל'ס אָרימס. פּאפּיאָל האָט זי, ווי אַן עכטער דזשענטלמאַן, ארויפגעזעצט אויפ'ן פערד און האָט זיך העפליך פאַר איהר פערנייגט.

— איך האָף, — האָט ער געזאָגט — אז איהר וועט מיך ניט פערגעסען.

זי האָט גאָר ניט געענטפערט און אַ טרייב געטהאָן דאָס פערד.

אין דער נשמה ביי איהר האָט איצט געברענט אַ שרעקליכער גיהנום וואָס איז דאָס געווען ?... גאָט, וואָס אזוינס האָט מיט איהר פּאַסירט ?! זי איז פערלאָרען, פערלאָרען... ווי אַזוי וועט זי איצט קענען לעבען ?... און מיט ווער ? מיט עפּעס אַ רויבער, אַ וואַגאַבונד, וועלכער האָט זיך אפילו געאיילט אויף איהר קייטעל און עטליכע פראַנק... זי קען איצט ניט לעבען, זי קען נים ! אין אַזאַ טיעפען אָבגרונד געזונקען !...

די פריהערדיגע פייערדיגע ליידענשאַפט איז איצט שוין אויסגעלאָשען געווען אין איהר. זי האָט איצט געפיהלט נור שאַנדע פאַר פריהער און שרעק פאַר שפּעטער...

דער אבענד איז געווען אַ שעהנער, אויף דעם דונקלען וואלד האָט ארונטערגעקוקט אַ שעהנער הימעל מיט מיליאָנען שטערנדלעך ; אבער ארבעללא'ן האָט דער אבענד געשראָקען. עס האָט זיך איהר געדאַכט ווי די בוימער פונ'ם וואַלד, די שטערנדלעך פון הימעל און אַלעס, אַלעס ארום איהר און אין איהר שעפּצען צו איהר. „אראבעללא, וואָס האָסטו עס געטהאָן ? אין אָבגרונד האָסטו זיך אריינגעוואָרפען, אין אָבגרונד, אין אָבגרונד !...“

זי איז געווען שרעקליך פערצווייפעלט. ווען זי וואָלט געהייראַטע

וואָלט עס ניט געקענט טרעפען. זי וואָלט דאַן געקעמפפט, זי וואָלט דאַן כח געהאַט צו קעמפפען. און דער דאָזיגער געדאַנק האָט אַרויסגערופען ביי איהר אַ האַס צו די אַלע מענער, וואָס זי האָט אין טולאָן געטראָפען, און נאָך עפּעס אַ מין צו־וועהטאָגטען, צו׳להכעיס׳דיגען געפיהל...

— נו, האָב איך זיך אָבגעגעבען צו דעם ערשטען בעסטען וואַגאַבונד. — האָט זי געטראַכט מיט האַס און ביטערנים, אַקוראַט ווי זי וואָלט זיך גערייצט אין איהרע געדאַנקען מיט אַלע יענע מענער, וואָס האָבען מיט איהר ניט געוואָלט חתונה האָבען — נו, אַזוי האָב איך געוואָלט, אַזוי האָב איך געוואָלט !...

און זי האָט אַ טרייב געטהאָן שנעלער דאָס פערד.

אַז זי איז אַהיים געקומען, האָט זי בעגעגענט סעבאַסטיאַן אויפ׳ן גאַניק פון הויז, און ער האָט זיך אָבגערופען מיט אַ ווייכער שטימע :

— איהר זייט דאָ ? איך בין געווען זעהר אונרוהיג. איך האָב געוואַרט אויף אייך.

זי האָט איהם אָנגעקוקט און אַ טראַכט געטהאָן מיט האַס :

— ווען ער וואָלט כאָטש געווען ניט אַזאַ איינגעל !...

און דאַן האָט זי אויסגעשריען מיט אויפרעגונג אין קול :

— ווער האָט אייך געבעטען צו וואַרטען אויף מיר ? בין איך ניט פריי צו געהן און פאָהרען וואוהין און ווען איך וויל ? הערט אויס : הערט אויף צו פערפאָלגען מיך ווי אַ שאָטען ! איהר דערעסט מיר ! איהר האָט מיך געזוכט, הא ? וואו האָט איהר מיך געזוכט — אפשר אין וואַלד, הא ? רעדט : האָט איהר מיך אין וואַלד געזוכט, אָדער ניט ?

דער אָרימער סעבאַסטיאַן, מיט וועמען זי פלעגט אַזוי רעדען גאַנץ פריינדליך, האָט זיך דערשראָקען פאַר איהר צאָרן, האָט אַרונטערגעלאָזען די אויגען, און גאָר ניט געענטפערט.

און זי האָט ווייטער גערעדט :

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז איך ליעב אייך ניט. צופריעדען. איך בין ניט קיין קליין מיידעלע. קוקט מיך אָן : אויס ווי אַן אונשולדיג מיידעלע ?

און, שטעהענדיג אויפ׳ן הויכען גאַניק, אָהן אַ דאַך, און בעלויכטען, איז זי געווען שעהן, גרויזאַם שעהן, מיט איהרי

און מיט איהרע לאנגע, צופאטעלטע האאר, אין וועלכע עס האבען זיך געפלאנטערט שטיקלעך פון דערנער און בלעטער פון ביימער.

סעבאסטיאן האט בעמערקט די בלעטער און דערנער אין איהרע האאר.

— וואס איז עס? — האט ער זיך א כאפ געטהאן צושראקען — איהר זייט פונ'ם פערד ארונטערגעפאלען?

— פונ'ם פערד? — אך, געהט! פון א סך העכער! — האט זי אויס־געשריען מיט א ביטערען געלעכטער — איהר זעהט דארט יענעם שטערנדעל אויפ'ן הימעל, יענעם ריינע, אונשולדיגע שטערנדעל, וואס ווינקט פון דארט אזוי אונשולדיג ריין? אט פון יענעם שטערנדעל בין איך ארונטערגעפאלען, און אין א טיעפען אבגרונד, זעהר א טיעפען, פון וועלכען מען קען קיינמאל ניט ארויסקריכען. אבער וואס הארט עס אייך? איך האב געטהאן, וואס איך האב געוואלט! אנדערע זינקען ביסלעכווייז און שטעלען זיך אב אויפ'ן האלבען וועג, און איך — איך בין פאר איין מאל ארונטערגעזונקען, אין איין אטהעם, ביז'ן טיעפסטען אבגרונד! און אזוי איז עס בעסער. פריהער אדער שפעטער האט עס געמוזט געשעהן. איצט איז עס געשעהן. איך האב שוין ניט מעהר וואס צו פערליערען. עס איז גוט אזוי. איצט האב איך שוין ניט וואס מורא צו האבען. מען האט מיך געגנוג דערעסען מיט'ן רעספעקט, איצט מעג מען מיך בעליידיגען, בעשמוצען, מיך הארט עס ניט, עס קימערט מיך ניט, איך לאך איצט פון דער גאנצער וועלט! איך וויל לעבען און וויל געניסען!...

זי האט געזאגט דאס און נאך א סך אנדערע זאכען שנעל, אהן א צוזאמענהאנג, אונטערברעכענדיג זיך אפט מיט אזא מין געלעכטער, וואס איז עהנליך געווען צו א פערשטיקטען שלוכצען, און אין הארצען האט איהר געקלעמט, און איהרע אויגען האבען ווילד געפלאמט.

— אראבעללא! אראבעללא! — האט סעבאסטיאן געשעפטשעט, אויסשטרעקענדיג צו איהר זיינע ביידע הענד, אקוראט ווי ער וואלט זי געבעטען, זי זאל ניט פון זינען אראב...

דאן האט ער די אויגען פון איהר אבגעקעהרט, ווייל ער האט דערזעהן, אז איהר ווייס העמד זעהט זיך ארויס דורך דער אפענער בלוזע.

— אראבעללא, — האט ער ארויסגעשעפטשעט — אייער בלוזע איז אפען.

אראבעללא האט זיך הויך צולאכט.

— יא, אפען; און וואס ווייטער?

און, אבשטופענדיג איהם מיט א כארכלענדיג געלעכטער אן א זייט, איז זי מיט א וואנקעדיגען טריט אוועק איבער די טרעפ צו זיך אין צימער.

זעקסטער קאפיטעל.

דער ליעבענסווירדיגער פאפיאל.

אויף מארגען איז אראבעללא ניט ארוים צום פריהשטיק. זי האט געשיקט זאגען, אז זי פיהלט זיך ניט גוט. איהר פאטער גוזעביאוס האט זיך געזעצט צום טיש מיט סעבאסטיאנען.

ביים עסען האט גוזעביאוס איהם גענומען דערעצהלען וועגען א נייע לופט־מאשין, וואס ער האפט צו ענטדעקען. ער האט פאר איהם פונאנדער־געלעגט יעדע איינצעלהייט פון זיין בלומרשט'דיגע ענטדעקונג, האט איהם מיטגענומען מיט זיך אויף דער לופט־מאשין, האט מיט איהם א רייזע געמאכט אזש צום נארד־פאל און אזוי ווייטער.

פלוצלונג, אין מיטען ערקלערען, האט דער אלטער גוזעביאוס זיך אונטערבראכען. פון גארטען האט זיך דערהערט א טומעל און געפילדער פון א סך שטימען, און באלד האבען זיך די טהירען פון שפייז־צימער געעפענט, און עס איז אריינגעקומען א דיענער פון הויף, בעגלייט פון א המון פויערים, בעוואפענטע מיט העק און גראבליעס.

— געכאפט א גנב! — האט געזאגט איינער פון די דיענער.

און די פויערים האבען אונטערגעכאפט אין כאר מיט א ברומען:

— א גנב! א גנב! האלט איהם פעסט! לאזט איהם ניט איין, דעם הונד!

גוזעביאוס האט זיך א כאפ געטהאן פון ארט.

— א גנב? וואו? ווער?

אלע האבען גענומען שרייען אויף איינמאל:

— אט דער! אט דער!

און אַלע האָבען אַנגעוויעזען מיט די הענד אויף אַ הויכען שטאַרקען מאַן, וועלכען איינער פון די פויערים האָט געהאַלטען פאַר אַן ארבעל.

דער הויכער, שטאַרקער מאַן איז געווען פאַפּיאַל אַליין.

ער האָט מיט איין רוק פון זיין שולטער אָבגעשטויסען פון זיך דעם פויער, איז אַרויסגעטראָטען פאַר גוזעביאוס, האָט זיך ניעדריג פאַר איהם פערנייגט און געזאָגט מיט אַ שטאָלצער שטימע:

— דער גנב בין איך, מיין הערר!

הערר גוזעביאוס האָט זיך אַנידערגעזעצט, געהייסען סעבאַסטיאַנען זיך אויך זעצען נעבען איהם, און מיט אַ וויכטיגער מינע פון אַ ריכטער האָט ער זיך דאַן געווענדעט צו דעם פויער, וועלכער האָט פריהער געהאַלטען פאַפּיאַל'ן.

— ברענגט פאָר אייער קלאַגע.

— גנעדיגער הערר, — האָט דער פויער אָנגעהויבען — איך האָב מיינע פערד געפיהרט טרינקען און וועהרענד די פערד האָבען געטרונקען...

— זייט איהר אויך אוועק טרינקען... — האָט פאַפּיאַל איהם אונטער־בראָכען.

— וואוהין? אין שענק? — האָט זיך דער אַלטער גוזעביאוס אריינ־געמישט.

— געוויס אין שענק, גנעדיגער הערר, — האָט פאַפּיאַל געענטפערט — אין קירכע, ליידער, קריעגט מען ניט צו טרינקען.

— אַלזאָ, ווייטער! — האָט גוזעביאוס אַ קעהר געטהאָן זיך צום פויער.

— איך האָב שוין געוואָלט פערלאָזען דעם שענק, — האָט יענער ווידער אָנגעהויבען — ערשט דיזער מאַן, וועלכען איך האָב פריהער קיינמאָל אויף מיין לעבען ניט געזעהען, איז צוגעגאַנגען צו מיר און פאָרגעשלאָגען, איך זאָל מיט איהם טרינקען.

— איך האָב ליעב די ריכטיגע שכורים! — האָט פאַפּיאַל זיך אריינ־געמישט — איך האָב געזעהן, ווי ער האָט אין אַ קורצער צייט אויסגעטרונקען צוויי פלעשער וויסען וויין, האָט זיך מיר פערוועלט מיט איהם אַ מעסט טהון.

— האָבען מיר גענומען טרינקען, — האָט דער פויער דערעצהלט ווייטער

— פלוצים האָט דער טויגעניכטס מיך גענומען צורעדען, איך זאָל מיט איהם אין קאָרטען שפּיעלען.

— א גוטער שכור דארף זיין א גוטער קארטענשפיעלער. — האָט פּאַפּיאַל אריינגעוואָרפען.

— דו שווייג! — האָט דער פויער אויף איהם א געשריי געטהאָן — דו האָסט אפילו געכאַפּט קושען די דיענסטמיידעל אויך.

— ווען דו וואָלסט געוועזען א שעהן דיענסטמיידעל וואָלט איך דיך אויך געקושט — האָט פּאַפּיאַל איהם אונטערבראָכען, און גענומען זינגען:

„א גלעזעלע, א שפּיעלכעלע, און א מיידעלע דערצו!" — האָט ער אויסגעזונגען.

— מאַכט שנעל! — האָט גוזעביאוס א געשריי געטהאָן.

— נאָך צוויי, דריי קאָנען האָב איך בעמערקט, אז ער האָט מיך בעטראָגען. — האָט דער פויער גערעדט ווייטער.

— בעווייזע! — האָט פּאַפּיאַל א געשריי געטהאָן.

— ער האָט ביי מיר יעדעס מאָל געוואונען. — האָט דער פויער גע'טענה'ט.

— דאָס איז קיין בעוויז. — האָט פּאַפּיאַל זיך אָבגערופען — דער גרויסער נאַפּאָלעאָן האָט געוואונען אַלע זיינע שלאַכטען, און דאָך האָט קיינער איהם ניט בעשולדיגט, אז ער שפּיעלט פאַלש. דער גנעדיגער הערר, וועלכער איז א קלוגער מאַן, וועט געוויס ניט צומישען זשעניאַליטעט מיט איינפאַכען בעטרוג.

— איהר האָט מיך בעטראָגען. — האָט דער פויער געשריען — וואָרום איך בין געבליעבען אָהן א פּעני.

— און דערפאַר האָט איהר ביי מיר געוואָלט אוועקנעהמען מיין געלד?

— געוויס!

— איהר זייט אונגערעכט. — האָט דער אַלטער גוזעביאוס, וועלכער איז שטאַרק צופריעדען געוועזען פון פּאַפּיאַל'ס ליעבענסווירדיגקייט, זיך געווענדעט צום פויער מיט א שטרענגען טאָן — דאָס שפּיעלען אין קאָרטען איז א מיאוס'ע געוואָהנהייט, און יענע וואָס שפּיעלען, מוזען פאַרבערייטעט זיין צו פערשפּיעלען אויך. איהר האָט פערלאָרען, האָט איהר געדאַרפט שווייגען.

— און שמייכלען! — האָט פּאַפּיאַל אונטערגעכאַפּט — אָבער וואָס האָט ער געטהאָן? ער האָט זיך ארויפגעוואָרפען אויף מיר, אונטערשטיצט

פון דעם שענקער און דער דיענסטמיידעל, און איידער איך בין געקומען צו זיך, האָבען זיי פון מיר אוועקגענומען ניט נור מיין גאַנץ געלד, נור אויסערדעם נאָך עפּעס, וואָס איז ביי מיר זעהר טהייער. ווי איהר זעהט, גנעדיגער הערר, בין איך דער בערויבטער און ניט זיי... גנעדיגער הערר, איך בעקלאַג זיך פאַר אייך, אַז רויבער און לומפּען, און שופטען, און גנבים, און טויגעניכטסען, און הינד זיינען מיך בעפאַלען אין מיטען העלען טאָג.

ווי פרעך ער איז! — האָט דער פויער אויסגעשריען — אָט דאָס האָבען מיר געפונען ביי איהם אין קעשענע.

און ער האָט געוויזען אַ לאַנגע, גאָלדענע קייטעל, וואָס ער האָט ארויס־גענומען פון דער וועסט־קעשענע.

— דאָס איז עס! — האָט פּאַפּיאָל אָבגערופען — איך דערקען דיזע קייטעל און איך בעט דעם גנעדיגען הערן, מען זאָל עס מיר צוריקגעבען. דיזע קייטעל איז מיר זעהר טהייער.

גוזעביאוס האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט.

— אָבער דאָס איז דאָך מיין טאָכטער׳ס קייטעל! — האָט ער אויס־געשריען.

— אהאַ! — האָט אויסגעשריען דער פויער.

— אהאַ! — האָבען אונטערגעכאַפּט די אנדערע.

— פּאַפּיאָל איז בלייך געוואָרען, האָט זיך אומגעקוקט ארום, אַקוראַט ווי ער וואָלט געזוכט אַ וועג, ווי און וואו צו אנטלויפען. באַלד אבער איז ער געקומען צו זיך און גענומען שמייכלען.

— איז אייער טאָכטער אַ בלאָנדע יונגע מיידעל מיט רויטע האָאר, איז אַ בלויען רייט־קלייד? אויב אזוי, בין איך זיך מודה, אז דאָס קייטעל בעלאַנגט צו איהר. — האָט זיך פּאַפּיאָל אָבגערופען.

ער האָט עס ארויסגערעדט אין אזאַ רוהיגען טאָן, אַז גוזעביוס און די איבריגע זיינען געבליעבען שטעהן, ווי פערשטיינערטע.

— שיקט מיר אריין אראַבעללאַ׳ן! — האָט זיך דאַן גוזעביאוס אָבגערופען — זאָל זי גלייך קומען!

סעבאַסטיאַן איז אוועקגעלאָפען נאָך איהר.

— וואָס טהו איך איצט? — האָט פּאַפּיאָל אַ טראַכט געטהאָן — נור

ניט פערלאָרן זיך! איך גלויב ניט אַז זי וועט אַלעמען דערצעהלען, וואָס צווישען אונז האָט פּאַסירט...

אַראַבעללאַ איז אַריינעקומען, הויך, בלייך, אין אַ ווייסען מאָרגען־קלייד. נאָך איהר סעבאַסטיאַן. און ווי נור זי איז אַריינגעקומען, אַזוי האָט זי פּאַפּיאַל'ן דערזעהען און איז געבליעבען שטעהן, ווי אַ סטאַטוע, מיט די אויגען אויסגעגלאָצט אויף איהם.

— אַראַבעללאַ, — האָט זיך אָבגערופען איהר פאָטער — דו זעהסט אויס טאַקע קראַנק. אפשר האָב איך דיך ניט בעדאַרפט רופען. אָבער דאָ האָט מען געכאַפּט אַ מאַן מיט אַ זאַך, וואָס בעלאַנגט צו דיר.

אַראַבעללאַ האָט איהם, דאַכט זיך, ניט געהערט. מיט ווייט־געעפענטע אויגען, פול שרעק, האָט זי געקוקט אויף פּאַפּיאַל'ן, וועלכער האָט פון זיין זייט געקוקט אויף איהר און האָט זי ווי היפּנאָטיזירט.

— דיזע קייטעל איז דיינע, — האָט איהר פאָטער גערעדט ווייטער — ווי קומט עס צו איהם?

אַראַבעללאַ האָט געשוויגען.

— מיין גאָט! — האָט זיך פּאַפּיאַל פּלוצים אַ כאַפּ געטהאָן — איך וועל עס אייך ערקלערען אנשטאָט דער גנעדיגער פריילין.

אַראַבעללאַ האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער, ווען זי האָט דערהערט זיין קול. זי האָט אַ טראָט געטהאָן אין פאָראויס און אויסגעשטרעקט די האַנד, אַקוראַט ווי זי וואָלט וועלען איהם פערבאָטען צו רעדען. זי האָט אָבער ניט געקענט אַ ריהר טהון מיט דער צונג. און ווען פּאַפּיאַל האָט ווידער גענומען רעדען, האָט זי זיך ווידער אַ צאַפּעל געטהאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער.

פּאַפּיאַל האָט דערפיהלט זיין מאַכט איבער אַראַבעללאַ'ן און ער האָט אָנגעהויבען מיט זיכערהייט אין קול:

— עס איז זעהר אונאָנגענעהם צו לויבען זיך אַליין; עס איז זעהר אונאָנגענעהם צו דערצעהלען וועגען די אייגענע העלדישקייט; אָבער פער־פאַלען, איך בין אין אַזאַ לאַגע, ווען איך מוז זיך אַליין ריהמען! אָט ווי איהר קוקט מיך אָ, בין איך אַן עהרליכער און אנשטענדיגער יונגערמאַן, אַרבייט זעהר שווער אויף מיין שטיקעל ברויט. איך בין אַ פּעדלער, טראָג מיין פּאַק סחורה פון דאָרף צו דאָרף, און נעכטען האָט מיך אַן אונגליק געטראָפען.

אין וואַלד זיינען מיך רויבער בעפאַלען און האָבען פון מיר אוועקגערויבט מיין גאַנצען פּאַק סחורה. זוך איך אין וואַלד און טראַכט וועגען מיין ביטערען שיקזאַל. פּלוצים דערזעה איך: עס פלעהט אַ צואַווילדעטער פערד און אויף איהם אַ רייטערין מיט צופלאַטערטע האָאר און די רייטערין שרייט מיט צושראָקענע קולות... איז עס ניט אמת, גנעדיגע פריילײן, אַז איהר זייט געווען זעהר אויפגערעגט און צושראָקען, ווען איך בין צו אייך צוגעלאָפען? — האָט ער זיך אַ קעהר געטהאָן צו אַראַבעללאַ'ן.

אַראַבעללאַ האָט זיך געפיהלט, ווי אין אַ טשאַרד, און האָט געענטפערט צושטערט:

— עס איז אמת.

— אַז איך האָב עס דערזעהען, — האָב פּאַפּיאָל גערעדט ווייטער — האָב איך בעשלאָסען איינצושטעלען מיין לעבען...

— איך פערשטעה, איך פערשטעה — האָט איהם זעהר ווייך און פריינדליך אונטערבראָכען דער אַלטער גוזעביאוס — איהר האָט אייער לעבען איינגעשטעלט און אָבגעהאַלטען דעם צואַווילדעטען פערד און מיין טאָכטער האָט אייך דערפאַר, ווייל איהר זייט געווען איהר רעטער, געשענקט איהר קייט פון האַלז. זי האָט ריכטיג געטהאָן, מיין טאָכטער. און איך, איהר אַלטער פאַטער, דריק אייך אויך דערפאַר די האַנד.

ער האָט אָנגעכאַפּט פּאַפּיאָל'ס האַנד און האָט זי וואַרם געדריקט.

— בראַוואָ, יונגערמאַן, בראַוואָ! איהר זייט אַ העלד! אַן אמת'ער פּראַנצויז!

— איך האָב מיין פליכט געטהאָן, מיין מענשליכע פליכט. — האָט פּאַפּיאָל געענטפערט זעהר בעשיידען, און אַ קוק טהוענדיג אויף אַראַבעללאַ'ן מיט זיינע ברענענדיגע אויגען, האָט ער צוגעלעגט:

— ניט אמת, מיין גנעדיגע פריילײן?

אַראַבעללאַ האָט אַרונטערגעלאָזט ניעדריג, זעהר ניעדריג דעם קאָפּ, ניט קעקענדיג אויסהאַלטען זיין פייערדיגען בליק. און זי האָט אויסגעהויכט:

— יאָ!...

די פויערים האָבען זיך פערוואונדערט אומגעקוקט איינער אויפ'ן אַנדערן, און דער פויער, וועלכער איז פריהער געווען דער קלוגער, האָט זיך שטילערהייט אַרויסגערוקט פון צימער.

סעבאסטיאן איז אויך צוגעגאנגען צו פּאפּיאַל'ן און האָט איהם וואַרם געדריקט די האנד.

— אבער וואָרום האָט אראַבעללאַ מיר גאָר נישט וועגען דעם דער־צעהלט? — האָט דער אַלטער גוזעביאוס זיך דאַן אָבגערופען.

— זי האָט אייך מסתמא ניט געוואָלט פערשאַפען קיין פערדרוס. — האָט סעבאסטיאן זיך אריינגעמישט.

— גאַנץ ריכטיג, — האָט דער אַלטער געזאָגט — מסתמא דערפאַר. זי וועט אָבער שוין מעהר אַליין ניט רייטען! — האָט ער צוגעלעגט — פון איצט אָן וועט זי אימיצער מוזען בעגלייטען יעדעס מאָל, ווען זי וועט ארויס־פאָהרען.

די פויערים האָבען זיך דערווייל ארויסגערוקט פון צימער איינער נאָכ'ן אנדערען.

פּאפּיאַל האָט שוין אויך געוואָלט ארויסגעהן, אבער דער אַלטער גוזע־ביאוס האָט איהם אָבגעשטעלט.

— יונגערמאַן, אַנטלויפט ניט. זאָגט מיר, וואָס קען איך פאַר אייך טהון? איהר מוזט קריגען אייער בעלוינונג.

אראַבעללאַ האָט אַ וואַנק געטהאַן אויף איהרע פיס; סעבאסטיאן האָט זי צוגעפיהרט צו אַ שטוהל, אויף וועלכען זי האָט זיך אַ צומישטע אנידער־געזעצט.

— מיין טאָכטער איז ניט אימשטאַנד אייך אין דיזער מינוט אויסצו־דריקען איהר דאַנקבאַרקייט — האָט דער אַלטער ווידער זיך אָבגערופען — איהר זעהט אַליין, ווי זי איז שוואַך און צומישט. זי איז נאָך ניט געקומען צו זיך פון דעם נעכטיגען שרעק. זאָגט, וואָס קען איך פאַר אייך טהון, יונגערמאַן?

— יאַ, מיין הערר, רעדט, וואָס אַ'ן ערך וואָלט איהר געוואונשען, מען זאָל טהון פאַר אייך. — האָט סעבאסטיאן זיך אויך געווענדעט צו פּאפּיאַל'ן — הערר גוזעביאוס וועט אַלעס טהון פאַר אייך.

פּאפּיאַל, וועלכער האָט שוין זייט איינינע מינוטען ארומגעטראַכט, וואָס אַזוינס צו בעטען ביי דעם אַלטען גוזעביאוס, האָט זיך ענדליך אַ קראַץ געטהאַן הינטערן אויער און געזאָגט מיט זעהר אַ בעשיידענער מינע:

— גנעדיגער הערר, אויב איהר ווילט טאַקע עפּעס טהון פאַר אַן אָרעמען,

אבער עהרליכען יונגענמאַן, וועל איך וואַגען... איהר פערשטעהט, איך בין אַ'ן אָרימער פעדלער, וועלכער וואַנדערט דורך טאָג און דורך נאַכט איבער דערפער, פעלדער און וועלדער מיט אַ שווערען פּאַק אויף די פּלייצעס. איך בין שוין מיעד פון דעם דאָזיגען וואַנדערן; איך וואָלט שוין געוואָלט אביסעלע אויסרוהען. קיין געלד האָב איך ניט, און קיין סחורה אפילו ניט. און דערפאַר, אויב זיי ערלויבען, וועל איך וואַגען ביי אייך צו בעטען...

פּאַפּיאַל האָט דערביי אַ שמייכעל געטהאָן צו אַראַבעללאַ'ן, וועלכע האָט זיך מיט אונרוהיגע אויגען צוגעהערט צום געשפּרעך.

— רעדט אַרויס, יונגערמאַן, שעהמט זיך ניט! — האָט דער אַלטער גוזעביאוס געזאָגט.

— גנעדיגער הערר, — האָט זיך פּאַפּיאַל דאַן געווענדעט צום אַלטען מיט אַ גנב'ישען קול — איהר האָט פריהער געזאָגט, אז פון איצט אָן און ווייטער וועט אייער טאָכטער, די גנעדיגע פריילין, אימער אַרויספאָהרען מיט אַ בעגלייטער, וואָלט איך אייך געבעטען, איהר זאָלט מיך אָנשטעלען אַלס שטאַל־קנעכט, און דאַן וועל איך אייער טאָכטער בעגלייטען אויף איהרע שפּאַציער־פאַהרונגען.

— ניין! דאָס איז אונמעגליך! — האָט אַראַבעללאַ פּלוצלונג אויס־געשריען, אויפשפּרינגענדיג פון אָרט.

— אַראַבעללאַ האָט רעכט, — האָט זיך סעבאַסטיאַן אַריינגעמישט — עס וואָלט געווען אַן אונרעכט אָנצושטעלען פאַר אַ קנעכט אַ מענשען, וועמען מען האָט צו פערדאַנקען פאַר איהר לעבען.

— און אזוי בין איך דען ניט קיין קנעכט? — האָט זיך אָבגערופען פּאַפּיאַל — אזוי בין איך אַ קנעכט ביי דער גאַנצער וועלט; עס וועט דאָך מיר לייכטער זיין צו זיין אַ קנעכט ביי איהר אַליין, ניט אמת, פריילין? — איז ער צוגעגאַנגען צו איהר נאָהענט, און אַ בריה־טהוענדיג זי מיט זיינע אויגען אזוי, אז זי האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער, האָט ער צוגעלעגט מיט אַ געבעט אין קול:

— זייט ניט דאַגעגען, גנעדיגע פריילין.

ביי אַראַבעללאַ'ן האָט דער לשון אָבגענומען פון זיין נאָהענטקייט נעבען איהר; איהרע קניע האָבען זיך אונטערגעבויגען, און זי האָט זיך ווידער געמוזט אַרונטערלאָזען אויף אַ שטוהל.

— גוט, — האָט דאַן געזאָגט איהר פאטער — איך נעהם אייך אָן אַלס שטאַל־קנעכט.

פאפיאַל האָט זיך פערנייגט, שטראַהלענדיג אין גאַנצען.

— איך האָף, אַז איהר וועט זיין צופריעדען פון מיר. — האָט ער געזאָגט — בעזאָנדערס די גנעדיגע פרייליין. איך קען לעזען און שרייבען און קען נאָך אַנדערע זאַכען.

— איהר וועט נור דארפען בעגלייטען מיין טאָכטער. א יא, אַראַבעללאַ?

— פאטער, — האָט אַראַבעללאַ אויסגעשעפטשעט — איך פיהל ניט גוט. איך וועל געהן אין מיין צימער.

— געה, געה, מיין קינד. סעבאַסטיאַן, בעגלייט זי צו איהר צימער.

אַראַבעללאַ האַלטענדיג זיך קוים אויף די פיס, האָט זיך אָנגעשפארט אויף סעבאַסטיאַן׳ס אָרעם און האָט מיט איהם פערלאָזען דאָס צימער.

פאפיאַל האָט זי בעגלייט מיט זיינע פייערדיגע אויגען.

— ווי הייסט איהר? — האָט זיך צו איהם געווענדעט דער אַלטער גוזעביאוס.

— מיין נאָמען איז דאָמיניק. — האָט פאפיאַל געענטפערט.

— נו, גוט. אַלזאָ, דאָמיניק, קומט, איך וועל אייך ווייזען אייער וואָהנונג. זי איז אפילו ניט זעהר שעהן: א גערעט איבער׳ן שטאַל, אבער דערפאר וועט איהר דאָרט וואוינען צווישען בוימער אויף דער פרישער לופט.

— דאָס וואָס איך האָב ליעב, גנעדיגער הערר! — האָט פאפיאַל בעמערקט.

— וואַרט, איך וועל נור נעהמען די שליסלען. — האָט דער אַלטער געזאָגט און האָט איילענדיג פערלאָזען דאָס צימער.

בלייבענדיג אַליין אין שפייזע־צימער, האָט פאפיאַל שנעל א קוק געטהאָן אויפ׳ן טיש, וואו עס זיינען נאָך געלעגען די זילבערנע געשיר פון פריהשטיק, האָט א כאַפּ געטהאָן א זילבערנע לעפעל, וואָס איז געלעגען נעהנטער צו איהם אויפ׳ן טיש, און האָט זי שנעל אריינגעלעגט אין קעשענע.

— קומט, דאָמיניק! — האָט ער דערהערט דעם אַלטען׳ס קול פון א צווייטען צימער — מיר וועלען ארויסגעהן דורכ׳ן קאָרידאָר.

פאפיאַל האָט זיך א כאַפּ געטהאָן און איז ווי א קאַץ ארויסגעלאָפען אויף די שפּיץ פינגער.

זיעבענטער קאַפּיטעל.

אַראַבעללאַ'ס קאַמפּף.

ווי נור זי איז אַרויף די טרעפּ, וואָס האָבען געפיהרט צו איהר צימער, אַזוי גלייך האָט זיך אַראַבעלאַ אין העכסטער אויפרעגונג צושיידט מיט סעבאַסטיאַן. זי איז אַריינגעלאָפען אין איהר צימער, פערשלאָסען הינטער זיך טהיר און פענסטער און זיך אַ וואָרף געטהאָן אויף איהר בעט.

זי האָט איהם ווידער געזעהן! און וואו? ביי איהר פאטער אין הויז! מען האָט איהם ווי אַ פערברעכער אין איהר פאטער'ס הויז געבראַכט, און דיזער פערברעכער, דיזער פערברעכער... גאָט, עס האָט געמוזט זיין אַ חלום. אין דער ווירקליכקייט האָט עס ניט געקענט פּאַסירען!... ניין, ניין, דאָס האָט ניט פּאַסירט אין דער ווירקליכקייט... וואַרט, וואַרט... וואָס, ווי אַזוי? זי איז געפאָהרען דורכ'ן וואַלד... דאָס פערד איז געפאַלען, זי... דאַן אַ מאַן... דער מאַן... גוטער גאָט, דאָס איז אמת, אמת! דיזע הענד האָבען זי בעריהרט, דיזע אָרעמס האָבען זי געדריקט, דיזע ליפּען האָבען זי געקושט!

אַראַבעללאַ האָט אַריינגעדריקט דעם קאָפּ אין די קישען, אום איהר פער־צווייפעלטען געשריי צו דערשטיקען.

די קליידער אויף איהר האָבען זי געברענט און געשטיקט. זי איז אויפ־געשפּרונגען פון בעט און אַרונטערגעריסען פון זיך דעם קראַגען, די בלוזע און דאָס קלייד.

אומזיסט!

זי האָט זיינע לאָסקעס און זיין ברענענדיגען אָטהעם געפיהלט אויף איהר גאַנצען קערפּער, און זי האָט זיך געטרייסעלט פון קאָפּ ביז די פיס. זי וואָלט שטיקער פלייש פון זיך געריסען, אבי ניט צו פיהלען דאָס, וואָס זי האָט געפיהלט, אבי צו קענען זיך פערגעסען.

זי האָט אָבער געפיהלט, אַז זי וועט איהם ניט קענען ביישטעהן אפילו איצט אויך ניט. זי וועט ניט קענען, זי וועט ניט קענען!

ער איז ניט געוועזען קיין צופעליגער מאַן, וואָס האָט זי אין וואַלד געטראָפען, פון היינט אָן איז ער מיט איהר אין איין הויז, און זי וועט זיך מיט איהם טרעפען היינט, מאָרגען, וואָכען און חדשים לאַנג, וועט דעם פלאַם פון זיינע אויגען אויף זיך פיהלען און אפשר זיין הייסען ברוישענדען אָטהעם.

וואס זאל זי טהון? זי מוז זיך ארויסרייסען פון די נעגעל פון שאנדע! זי וועט זיך ארויסרייסען פון דיזען אבגרונד, זי מוז זיך ארויסרייסען! זי וועט וויסען, ווי צו אנטלויפען פון דעם אונגליק, וואס פערפאלגט זי. זי וועט זיך בעהאלטען. עס זיינען פאראן טונקעלע ערטער, וואו צו בעהאלטען זיך. זי וועט די טהירען האלטען פערשלאסען, זי וועט איהם אויסמיידען. אבער ווי אזוי? ווי וועט זי עס קענען טהון?

זי האט זיך אנגעכאפט פאר'ן קאפ.

— איך וועל משוגע ווערען! — האט זי ארויסגעשעפטשעט, איז צוגעגאנגען צום שפיגעל א האלב־נאקעטע, האט איהר קערפער בעטראכט, האט איהם געפונען שעהן און האט זיך צוכליפעט.

און ווען זי האט זיך אויסגעוויינט, איז איהר לייכטער געווארען. זי האט אבגעצויגען דעם אטהעם.

זאל זי אפשר מיט איהר פאטער רעדען, ער זאל איהם אוועקשיקען? יא, אפשר. אבער וואס פאר אן אויסרייד געפינט מען פאר דעם? זי וועט אבער זיך ווייזען פאר איהר פאטער אלס אונדאנקבאר; ער איז דאך געווען איהר רעטער! דער פאטער וועט איהר געוויס זאגען: „מיין קינד, איך קען איהם ניט אוועקשיקען, ווייל ער האט דיין לעבען גערעטעט.“ און ער וועט בלייבען, נעבען איהר בלייבען, א שמייכלענדיגער, א העפליכער, א העסליכער.

א העסליכער? ניין. ער איז שעהר, זעהר שעהן, א שעהנער טייפעל! זי האט זיך אליין געגעבען א פאטש אין באק.

זי וועט גאר פערלאזען דאס הויז. זי וועט אוועקפאהרען צו איהר מוהמען אין טולאן. זי וועט זאגען, אז זי האט ערהאלטען א בריעף פון איהר מוהמען, וועלכע בעט זי קומען צו איהר אויף א קורצע צייט. יא, דאס וועט זי זאגען. אט גלייך טאקע געהט זי און זאגט.

זי האט געוואלט שוין ארויסגעהן, פלוצים האט אימיצער אנגעקלאפט אין איהר טהיר.

זי האט זיך א כאפ געטהאן.

— ווער איז דארט? — האט זי אויסגעשריען.

— גנעדיגע פריילין, אפשר פערלאנגט איהר עפעס? — האט זי דערהערט פאפיאל'ס שטימע פון הינטער דער טהיר.

זי האָט זיך אַ ציפּעל געטהאָן פון קאָפּ ביז די פיס.

— אוועק ! — האָט זי אַ געשריי געטהאָן כמעט היסטעריש און אַ טופּע געטהאָן מיט'ן פוס.

זי האָט געהערט ווי פּאַפּיאַל גנב'עט זיך דאָרט אוועק פון טהיר, און זי האָט זיך ווידער אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן בעט מיט אַ פערצווייפעלטען קרעכצען :

— שטאַרבען ! שטאַרבען !

דאָס ביי־טאָגיג ליכט, וואָס איז געפאַלען דורכ'ן פענסטער אין צימער, איז דערווײלע געוואָרען דונקעלער און דונקעלער ; דאַן האָט אין פענסטער אָבגעשלאָגען אַ ראַזעווע שיין, נאָכדעם גאַנץ גרויע שטראַהלען, און ביסלעבּווייז האָט אריינגעטראָטען אין צימער די פינסטערע נאַכט.

און אין גאַנצען אויסגעמאַטערט איז אַראַבעללאַ געלעגען אויפ'ן בעט, געקוקט מיט די אויגען אין די אַרומיגע פינסטערנים און האָט זיך געמוטשעט.

— גוטע נאַכט, מיין טאָכטער — האָט זי דערהערט איהר פּאָטער'ס קול, וועלכער איז פאַרבייגעגאַנגען איהר טהיר.

— גוטע נאַכט, פאָטער ! — האָט זי געענטפערט, איז אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט, צוגעלאָפען צום טהיר און האָט זי פערשלאָסען דאָפּעלט. זי האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער קומען. ווער ? ער, דער מאַן ; יענער, וועלכער האָט געקענען קומען. אפשר גלויבט ער גאָר, אַז ער האָט אַ רעכט צו קומען. געוויס מיינט ער עס. ער האָט זיך דערפאַר פערדונגען אין דעם הויז, ווייל ער האָט אַ רעכט צו קומען צו אַראַבעללאַ'ן.

דיזע געדאַנקען האָבען זי געמוטשעט. און די שטונדען זיינען געלאָפען. די גאַנצע נאַכט האָט זי פערבראַכט אין שרעקליכער מורא. עס איז געוואָרען טאָג. די פייגעל אויף די בוימער האָבען אָנגעהויבען צו סוויטשערען. זי האָט מורא געהאַט די פענסטער צו עפענען. זי האָט זיך געשראָקען פאַר'ן מינדעסטען שאָרך, אפילו פאַר דעם בליאַסק פון דעם שפּיגעל האָט זי זיך געשראָקען.

עס האָט זיך דער הערט אַ שטימע פון הינטער דער טהיר.

— גנעדיגע פריילין, מען ערוואַרטעט אייך צום פריהשטיק.

עס איז ווידער געווען פּאַפּיאַל'ס שטימע.

אין הארצען האָט איהר אַ זעץ געטהאָן, און זי האָט ווידער גענומען ציטערען פון קאָפּ ביז די פיס.

זי האָט ניט געענטפערט.

— פריילין, איהר הערט ?

זי האָט אַלץ געשוויעגען. ער איז אוועק. דאַן איז איהר פאטער געקומען און זי געבעטען געהען עסען פריהשטיק. זי איז ארונטער, האָט זיך געזעצט ביים טיש און געפריהשטיקט. פּאַפּיאַל האָט זי בעדיענט, און יעדעס מאָל ווען ער איז פאַרביינעגאַנגען, האָט זי אויפגעציטערט מיט'ן גאַנצען קערפּער.

סעבאַסטיאַן, וועלכער האָט בעמערקט איהר ציטערען, האָט זיך געווענדעט צו גוזעביאוס'ן און געזאָגט :

— מען דאַרף אַ דאָקטאָר רופען פון טולאָן.

דער אַלטער גוזעביאוס האָט אבער געענטפערט :

— זי וועט גאַנץ זיין. זי האָט אַ ביסעלע פיעבער. עס וועט אבער פאַראיבערגעהען. אַלע יונגע מיידלעך האָבען פיעבער אין געוויסע צייטען. עס וועט פאַראיבערגעהען.

זי איז ווידער אוועק צו זיך אין צימער און זיך ווידער פערשלאָסען. די דיענער האָט זי געלאָזט וויסען, אז זי קען ניט ארונטער. זי איז ארומגעגאַנגען איבער'ן צימער הין און צוריק און זיך געמוטשעט און געמאַטערט. און ווען די נאַכט איז ווידער געקומען, האָט זי פּלוצלונג דערפיהלט, ווי עס שלעפּט זי ווידער צום אַבגרונד מיט אַן אוננאַטירליכער קראַפט. זי האָט זיך אין בעט אריינגעוואָרפען, געריסען אויף זיך דאָס פלייש און געברענט אין גאַנצען.

דאַן איז זי, ווי אין חלום, פון בעט ארונטער, איז צוגעגאַנגען צו דער טהיר און האָט זי אַבגעשלאָסען.

זי האָט זיך ווידער אוועקגעלעגט אין בעט און זיך גענומען צוהערען צו דער ארומיגער שטילקייט מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטהעם...

וועט ער קומען ?

ארום איז געווען שטיל און פינסטער. אראַבעללאַ האָט זיך צוגעהערט צו דעם קלאַפּען פון איהר הארצען און ווידער אַ טראַכט געטהאָן :

— וועט ער קומען ? !

פון קאָרידאָר האָבען זיך דערהערט שטילע טריט, אזוי ווי א קאַץ וואָלט זיך דאָרט גע'גנב'עט...

זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ פון קישען, זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין די פינסטערניס און האָט זיך נאָך שארפער צוגעהערט. דאָס הארץ אין איהר ברוסט האָט גענומען קלאַפּען שטארקער און העפטיגער.

— ווער איז דאָ? — האָט זיך ביי איהר ארויסגעריסען געגען איהר איינענעם ווילען.

קיין ענטפער, נור די שטילע, קעציישע טריט גנב'ענען זיך צו איהר אַלץ נעהנטער און נעהנטער.

און דאַן האָט זי דערהערט א שווערען סאָפּען און דורך דער פינסטערניס האָט א בלישצע געטהאָן אויף איהר א פּאָאר ברענענדיגע אויגען.

זי האָט זיך א צאַפּעל געטהאָן אויפ'ן בעט און ארויסגעלאָזען א פער־שטיקטען געשריי.

— ששש! שווייגט! —האָט זי דערהערט א פערשטיקטען שעפּטשען— איך ליעב דיך!

און צוויי שטארקע הענד האָבען זי א כאַפּ געטהאָן פון בעט, אויפ־געהויבען זי אין דער הויך און זי צוריק ארונטערגעלאָזט.

און ווידער האָט זי זיך איצט געפּרופט ווערען; ווידער האָט זיך אין איהר אויף א מאָמענט ערוועקט די עהרע און שטאָלץ און זי האָט גענומען שעפּצען מיט שרעק:

— אוועק! אוועק! איך וועל אויפהייבען א געשריי!

גאָלד, גאָלד, ווירקליכעס גאָלד! — האָט זיין קול היים אָבגעהילכט אין איהרע אויערן און פון זיין מויל האָט געשלאָגען פלאמען אויף איהר קאָפּ, אויף איהרע האָאר און אונטער איהרע האָאר...

— מיין ליעבער! — האָט זיך דאַן ביי איהר ארויסגעריסען א ברענענ־דיגער קרעכץ, און זי האָט זיך פערגעסען...

אויף מאָרגען איז זי ווידער ערשיענען צום פריהשטיק. דאָמיניק אָדער פּאַפּיאָל האָט זי ווידער בעדיענט מיט א מינע פון טיעפען רעספּעקט, זי האָט זיך שוין אָבער מעהר פאר איהם ניט געשראָקען. נאָך דריי טעג זיינען אוועק. זי האָט ווידער אָנגעהויבען ארויסצופאָהרען, איצט יעדעס מאָל אין דער בעגלייטונג פון דאָמיניק, וועלכער האָט איהר נאָכגעריטען אויף

א קליינעם פערדעל. און אזוי ווי זי האָט שוין מעהר ניט אויסגעזעהן בלייך און צוטראָגען און האָט שוין מעהר ניט געציטערט, האָט סעבאַסטיאַן א טראכט געטהאַן:

— דער אַלטער איז גערעכט געווען: איהר פיעבער איז טאַקע פאַראיבער־געגאַנגען. הפנים ביי יונגע מיידלעך טרעפט זיך עס!

אכטער קאַפּיטעל.

די מאַכט פון ליידענשאַפט.

זי איז געפאַלען אַלץ ניעדריגער און ניעדריגער... די שוואַכקייט פון איין מאָמענט איז געוואָרען דאָס פערברעכען פון שטונדען און טעג. זי איז געווען פערלאָרען: די געליעבטע פון איהר אייגענעם דיענער איז זי געוואָרען. דאָמיניק האָט איהר געזאָגט „דו". דאָמיניק האָט זי בעהערשט. דאָמיניק האָט געפאָרעדרט פון איהר, און אַלעס וואָס ער האָט געפאָרדערט פון איהר, האָט זי געטהאַן. זי האָט איהם געמוזט פאָלגען; זי האָט קיין כח ניט געהאַט איהם ניט צו פאָלגען, האָט ער געמעגט אפילו פון איהר פערלאַנגען די שענדליכסטע און העסליכסטע זאַך...

און זי האָט זיך גענומען פערטהיידיגען. איז עס איהר שולד, וואָס זי איז ניט עהנליך צו אנדערע פרויען? ווען זי איז אַן אונגעוועהנליכע פרוי? ניט זי האָט זיך אַזוי געמאַכט, ווי זי איז געווען; גאָט האָט זי אַזוי בעשאַפען. קיינער אויף איהר אָרט מיט אַזאַ נאַטור, ווי איהרע, וואָלט ניט בעסער געווען. וואָרום האָט מען זי ניט פערהייראַט? זי וואָלט געווען א גוטע און געטרייע פרוי. מען האָט זי איבערגעלאָזען מיט די שטורמדיגע געפיהלען אין הארצען. וואָלט כאָטש דער אינגעל, סעבאַסטיאַן, געווען אַן אַנדערער, דאַן וואָלט ער זי געקענט ראַטעווען. ווען ער וואָלט זי געליעבט ניט מיט זיין קינדערשע פאַנטאַזיע, נור מיט דער ליידענשאַפט פון א מאַן. זי וואָלט איהם דאַן אויך געליעבט; זי וואָלט זיך איצט ניט דאַרפען אַזוי שטיקען מיט איהר זינדיגער און שענדליכער ליעבע צו דאָמיניק'ן. אָבער אפשר וועט זי זיך נאָך קענען אַרויסרייסען פון דיזער שאַנדע? יאָ, געוויס, ווען זי וועט נור וועלען!

— וועלען? וויל זי דען ניט צורייסען מיט דאָמיניק'ן? ווערט זי דען ניט דערשטיקט פון דער שאַנדע, וואָס זי איז זיין געליעבטע?

— ער איז שעהן, אַזוי שעהן! — האָט זי געשעפּטשעט מיט ברענענדיגע ליפּען — זיינע אויגען, ווי זיי גליהען! און ער אין גאַנצען, אין גאַנצען, וואָס פאַר אַ קראַפט, וואָס פאַר אַ ווילדע, ברויזענדע נאַטור!...

זי האָט זיך גענומען צו געוועהנען צו איהר שענדליכען לעבען; עס האָט זי שוין אויפגעהערט צו מוטשען. זי האָט זיך געפיהלט בערוישט און פער'שכור'ט פון זיינע און איהרע געפיהלען, און ווען ער האָט זיך אַמאָל פערשפּעטיגט ביינאַכט, האָט זי איהם אויסגערעדט:

— ווי שפּעט דו קומסט!

נור איין מאָל איז זי אויפגעבראַכט געוואָרען אויף איהם און איז געגען איהם ארויסגעטראָטען, ווען ער האָט פון איהר געפאָדערט זעהר אַ שענד־ליכע זאַך. דאַן האָט זי זיך אַ כאַפּ געטהאָן: וואָס טהוט זיך עס מיט איהר? ווי ניעדריג זי איז געפאַלען, ווען ער האָט געוואַגט פון איהר אַזוינס צו פאָרדערן.

— דו שטאָל־קנעכט! — איז זי דאַן ארויסגעטראָטען געגען איהם מיט פייערדיגע אויגען — ווי וואַגסטו? איך וועל גלייך הייסען פעריאָגען דיך פון דאַנען, דו העסלישע בעשעפעניס!

ער האָט זיך צולאַכט, געוויזען איהר זיינע ווייסע, שאַרפע ציינער און האָט פערלאָזען איהר צימער.

דאַן האָט זי בעשלאָסען זיך אין די הענד אריינצונעהמען. אַ סוף, אַן עק, זי פאָהרט אין טולאָן צו איהר מוהמען און פון דאָרט וועט זי שרייבען איהר פאָטער, ער זאָל דאָמיניק'ן אוועקשיקען. ער וועט זאָגען, דערצעהלען? זאָל ער! איהר לעבען איז סאַי־ווי־סאַי אַ שאַנדע!...

און זי האָט זיך גענומען פאַרבערייטען צו דיזען רייזע. איהרע זאַכען האָט זי שוין איינגעפּאַקט און איז געגאַנגען זאָגען איהר פאָטער, אַז זי פאָהרט. דער פאָטער איהרער איז אָבער אין הויז ניט געווען, איז זי אוועק איהם זוכען אין גאָרטען. דאָס איז געווען פאַרנאַכט אין חודש יולי. די זון האָט זיך אַ רויטע פערקייקעלט הינטער דעם וויטען, בלויען האָריזאָנט. אין גאָרטען איז איהר פאָטער ניט געווען, איז זי אוועק איהם זוכען אַרום די אַנדערע געביידעס.

פארבייגעהענדיג דעם שטאַל, האָט זי פּלוצים בעמערקט, ווי דאָמיניק איז דאָרט אריין אין שטאַל, מיט דער יונגער, שעהנער דיענסט מאַריעטטאַ'ן. זי האָט אַ ציטער געטהאָן, האָט זיך אָבגעשטעלט, און איהרע אויגען האָבען געקוקט אַהין גרויסע, גרויסע און פערוואונדערטע.

זי האָט זיך צוגע'גנב'עט הינטער'ן שטאַל און פער'גנב'עט אריינגעקוקט אַהין דורך אַ שפּאַרינג. זי האָט זיך אין גאַנצען אָנגעצונדען און דער אָטהעם האָט איהר פערכאַפּט.

דאַן איז זי אוועקגעלאָפען צוריק אין איהר צימער, האָט זיך אויפ'ן בעט געוואָרפען און גענומען בייסען די קישען און קרעכצען, קרעכצען.

איצט האָט זי גענומען מוטשען די אייפערזוכט צו דער דיענסט... אונגליקליכע אַראבעללאַ, דער ערשטער פעהלער האָט זי אַלץ ווייטער און טיעפער געשטופּט אין דעם אָבגרונד פון שאַנדע!

זי איז שוין ניט געפאָהרען צו איהר מוהמע. און ווען דאָמיניק איז צו איהר יענע נאַכט ניט געקומען, האָט זי זיך אויפגעהויבען פון בעט אין אין נאַכט־העמד, האָט זיך פון צימער ארויסגע'גנב'עט, איז אין דרויסען ארויס און האָט גענומען קוקען אויפ'ן דאַך־שטיבעל איבער'ן שטאַל, וואו דאָמיניק האָט זיך געפונען. אום צום שטיבעל צוצוקומען, האָט מען געדאַרפט אויפ'ן לייטער קריכען וואָס איז געשטאַנען דאָרט. אַראבעללאַ איז צוגעגאַנגען צום לייטער און גענומען קלעטערן.

די נאַכט איז געווען אַ העלע, אַ ליכטיגע. די לבנה, אַ זילבערנע, האָט געשוואומען איבער'ן בלויען הימעל. פונ'ם וואַלד האָט זיך געהערט אַ מורא' דיגער וואָיען פון וועלף. אַראבעללאַ איז געקראָכען אַלץ העכער און העכער אויפ'ן לייטער ארויף צום דאַך־שטיבעל איבער'ן שטאַל, און אין איהר נאַכט־העמד מיט די צולאָזטע רויטע האָאר אונטער די מאַטאָווע שטראַהלען פון דער לבנה, האָט זי אויסגעזעהען ווי אַ ווייסער געשפּענסט, וואָס קלעטערט אין דער הויך. באַלד איז זי פערשוואונדען אין דער טהיר פון דעם דאַך־שטיבעל.

דאָרט איז געלעגען פּאַפּיאַל אויף אַ בעטעל און האָט זיך געמאַכט ווי ער שלאָפט. ער האָט זיך געמאַכט ווי ער שלאָפט, דען זיין שאַרפער געהער האָט נאָך פריהער דערהערט אַ קלעטערן אויפ'ן לייטער, דאַן האָט ער פאַר־זיכטיג אַ קוק געטהאָן דורכ'ן פענסטער און ווען ער האָט דערזעהן אַראבעללאַ'ן, האָט ער מיט נצחון אַ שמייכעל געטהאָן, האָט זיך צוריק אריינגעלעגט אין

בעט און זיך געמאכט ווי ער שלאָפט, טראכטענדיג דערביי וועגען זיין גרויסען זיעג.

אראבעלאַ האָט זיך אָבגעשטעלט ביים אריינגאנג נעבען טהיר און האָט אנגעשטעלט איהרע ברענענדיגע אויגען אויף איהם. די לבנה האָט אריינגעקוקט דורכ'ן פענסטער און פערגאָסען דאָס צימער מיט איהר העלען כשוף־ליכט.

אראבעללא האָט געטהאָן עטליכע טריט צו איהם, און איהם שטיל א רוף געטהאָן:

— דאָמיניק! דאָמיניק!

ער האָט זיך ניט א ריהר געטהאָן.

אראבעללא האָט נאָך עטליכע טריט א טראָט געטהאָן צו איהם.

— דאָמיניק! דאָמיניק!

ווידער קיין ריהר און קיין ענטפער.

דאָן איז אראבעללא צוגעגאנגען צו איהם נאָהענט, און ארויפלעגענדיג איהר זודיגע האנד אויף זיינע געקרויזטע האאר, האָט זי ארויסגעשעפטשעט:

— דאָמיניק, שטעה אויף!...

— דו, מאריעטטא? — האָט דער כיטרער פאפיאָל ארויסגעשעפצעט כלומר'שט פון שלאָף.

אראבעללא האָט זיך א צאפּעל געטהאָן מיט'ן גאנצען קערפּער. ווען זי האָט דערהערט דעם נאָמען פון איהר קאָנקורענטין, ארויסגערעדט פון זיין מויל, און זי האָט ארויסגעשעפטשעט ברענענדיג אין גאנצען:

— ניין, ניין! שווייג, שווייג! איך בין עס, דאָמיניק, איך!...

ער האָט זיך א כאפּ געטהאָן פון בעט.

— וואָס טהוט דאָ די גנעדיגע פריילין? — האָט ער ארויסגערעדט קאלט.

— פערצייהה מיר, דאָמיניק. איך ליעב דיך. — האָט זי ארויסגעשעפטשעט.

— די גנעדיגע פריילין ליעבט מיך ניט. — האָט ער זיך אָבגערופען — די גנעדיגע פריילין קען ניט ליעב האָבען דאָמיניק'ן. איהם ליעב האָבען קען נור מאריעטטא. און זי האָט איהם טאקע ליעב. אָך, ווי מאריעטטא האָט איהם ליעב!...

— שווייג! שווייג! — האָט אַראַבעללאַ אויסגעשריען מיט געבעט.

— די גנעדיגע פרייליין קען אַזוי ניט ליעבען ווי מאַריעטטאַ!

— איך ליעב דיך נאָך מעהר, איך ליעב דיך משוגע! מאָרגען יאָג איך זי אַרוים פון הויז! — האָט זי פּלוצלונג אַ געשריי געטהאָן.

— ווען די גנעדיגע פרייליין וועט אַרויסיאָגען מאַריעטטאַ'ן, וועל איך אויך געהן מיט איהר. — האָט פּאַפּיאָל געזאָגט.

— דאָמיניק! — האָט אַראַבעללאַ אויסגעשריען ווידער מיט געבעט.

— און איידער איך וועל דאָס הויז פערלאָזען מיט מאַריעטטאַ'ן, וועט אייער אַלטער פאַטער וויסען וואָס און ווען... איהר פערשטעהט דאָך?...

— דאָמיניק, אָבער זאָג: וואָס זאָל איך טהון, אום דו זאָלסט מיך ווידער ליעבען, ווי פריהער? — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט הייס און הייזעריג, צוגעהענדיג צו איהם נאָהענט, זעהר נאָהענט און איינעסענדיג זיך אין איהם מיט איהרע ברענענדיגע אויגען.

— בעט פערצייהונג!

— פערצייהע מיר!

— אויף די קניע!

זי האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר איהם אויף די קניע, און איהרע ברענענדיגע אויגען האָבען געקוקט אויף איהם אי פערשטערט, אי מיט געבעט.

— ווילסטו איצט מיך פאָלגען?

— וואָס?

— אַלעס! דאָס וואָס דו האָסט פריהער ניט געוואָלט?

זי האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און געשוויגען.

— נו? — האָט ער אַ געשריי געטהאָן און ברוטאַל צוגעדריקט איהר קאָפּ צו זיין קניע — נו?

— איך קען ניט... עס איז צו ליכטיג! לאָזט אַרונטער די שטאָרע איבער'ן פענסטער!

— טאָ געה!

און ער האָט אָבגעשטופּט איהר קאָפּ פון זיין קניע.

דאַן האָט זי זיך אַ כאַפּ געטהאָן מיט ווילדע אויגען, ווי ביי אַ משוגענע.

— גוט, איך וועל דיך פאָלגען!...

און אזוי איז זי געווארען זיין שקלאפין, האט געזוכט זיין ליעבע און איז אייפערזיכטיג געווען צו דער דיענסט.

ער האט טריאומפירט.

אבער מאנכעס מאל פלעגט זי זיך א כאפ טהון, דאן האט זי אויף זיך די האאר געריסען, געשטעלט זיך פאר'ן שפיעגעל און האט מיט פעראכטונג און האס געשפייט אויף איהר אבבילד, געהאסט זיך, געהאסט איהם און דאס גאנצע לעבען.

דיזע חרטה פלעגט אבער ניט לאנג דויערן! די נאכט פלעגט קומען און צוזאמען מיט דער דונקעלהייט פלעגט קומען צו איהר די תואה. די ליידענשאפט. דאן פלעגט זי אויפ'ן לייטער קלעטערן און ביז טאג פלעגט זי פערברענגען ביי פאפיאל'ן.

און וואס ווייטער אלץ מעהר האט זי זיך צוגעוועהנט צו פאפיאל'ן, ווי א שיכור צו אלקאהאל, און די חרטה האט זעלטענער אין איהר אויפגעוואכט...

ניינטער קאפיטעל.

א שידוך פאר אראבעללא'ן.

איינמאל האט סעבאסטיאן ערהאלטען א בריעף פון אראבעללא'ס מוהמע ארעמאנדע פון טולאן, אז הערר זשינערס, א באנקיער אין טולאן, וואלט וועלען הייראטהען אראבעללא'ן.

דעם בריעף האט סעבאסטיאן ערהאלטען ביינאכט. גלייך ווי ער האט איבערגעלעזען די ערשטע ציילען, האט זיך איהם פערדרעהט דער קאפ. אראבעללא זאל חתונה האבען מיט אנאנדער'ן, דאס וואלט געווען זיין טוידט. דען ער האט ניט אויפגעהערט צו ליעבען אראבעללא'ן און ער האט געפיהלט, אז איהם וואלט לייכטער געווען זיך אבצוזאגען פונ'ם לעבען ווי פון דער האפנונג, אז זי וועט אמאל זיין זיינע.

געוויס, אראבעלא איז צו איהם שלעכט. זי רעדט זעלטען מיט איהם, קוקט אויף איהם, ווי אויף א שטיק מעבעל, וועלכען זי איז געוועהנט צו זעהען פאר די אויגען... דאך ער אליין פיהלט צו איהר אזוי פיעל געדולדיגע צערטליכקייט, איז אזוי פיעל איבערגעבען איהר, אז ער האט געהאפט, דער ארימער אינגעל מיט'ן נאאיווען הארצען, אז סוף כל סוף וועט זי בעמערקען, ווי טיעף ער ליעבט זי און ווי טיעף ער ליידעט פאר איהר, און

דאַן, האָט ער געגלויבט, וועט זי מיטלייד האָבען מיט איהם. אַזוי אפשר טראַכט אַ צאַרטע בלום, וואָס דער פוס פון אַ שעהנער פרוי טרעט אויף איהר.

און דיזער בריעף האָט איהם איצט גאָר צומישט.

ער האָט זיך צוּוויינט, דער אָרימער איינגעל, און ארויסגעשעפּצעט:

— דאָס האָב איך גאָר ניט ערוואַרטעט! דאָס האָב איך גאָר ניט ערוואַרטעט!...

און נאָכדעם איז ער געפאַלען אויף אַן איינפאַל: קיינער ווייסט דאָך ניט אַז ער האָט אַזאַ בריעף ערהאַלטען, וועט ער קיינעם וועגען דעם ניט דערצעהלען. ער וועט ענטפערן ארמאנדע׳ן, אַז אַראַבעללאַ וויל ניט הייראַטהען זשינערס׳ן. ער וועט שוין אויסגעפינען אַ תירוץ פאַרוואָס. קורץ, עס וועט איהם קיין תירוץ ניט פעהלען. עס האָט זיך איהם גערעכט אַזוי נאַטירליך, אַז אַראַבעללאַ זאָל ניט וועלען זשינערס׳ן! יאַ, יאַ, ער וועט אַזוי טהון. גוזעביאוס וועט וועגען דעם ניט וויסען, אַראַבעללאַ אויך ניט. שפּעטער, ווען ער, סעבאַסטיאַן, וועט זיין אַראַבעללאַ׳ס מאַן, וועט ער עס איהר דער־צעהלען, זי וועט דאַן זעהן, ווי שטאַרק ער האָט זי ליעב געהאַט.

דאָך דער עהרליכער אינגעל האָט זיך באַלד אַ כאַפּ געטהאָן, אַז עס איז ניט עהרליך אַזוי צו האַנדלען. ער דאַרף וועגען דעם זאָגען אַראַבעללאַ׳ן. אפשר וועט זי רעכענען, אַז הערר זשינערס איז אַ גוטער שידוך פאַר איהר. וואָרום יענער איז זעהר רייך, און אַראַבעללאַ וועט ביי יענעם קענען לעבען אין לוקסוס און פערגניגען. אויב אַראַבעללאַ קען ניט זיין גליקליך מיט איהם, סעבאַסטיאַן, זאָל זי זיין גליקליך מיט אַנאַנדער׳ן. ער האָט קיין רעכט ניט צו שטערען איהר גליק נור דערפאַר, ווייל ער ליעבט זי. נאָך מעהר: אויב ער ליעבט זי, דאַרף ער וועלען, זי זאָל זיין גליקליך.

אַזוי האָט געטראַכט סעבאַסטיאַן און ער האָט בעשלאָסען צו טהון זיין פליכט: געבען אַראַבעללאַן לעזען דעם בריעף.

טיעף אין הארצען האָט ער נאָך געהאָפט, אַז אַראַבעללאַ וועט זאָגען ניין, וועט זיך אָבזאָגען פון דעם שידוך מיט זשינערס׳ן, ווייל מיט אַ פּאָאַר יאהר צוריק האָבען אַלע צייטונגען געקאָכט מיט זשינער׳ס אַ ברודער, וועלכער איז בעגאַנגען אַ גרויסע פעלשונג און וועלכען מען האָט פער׳משפט צו פיעלע יאהרען געעפענגניס. סעבאַסטיאַן האָט בעשלאָסען, אַז די שטאָלצע אַראַבעללאַ וועט ניט וועלען חתונה האָבען מיט אַ ברודער פון אַ פעלשער.

ער איז אוועק זוכען אראבעללא'ן. אין איהר צימער איז זי אָבער ניט געווען.

— אראבעלא! — האָט ער זי גערופען מיט א ציטערדיגער שטימע. קיין ענטפער.

— אפשר איז זי אין גאָרטען? האָט ער א טראכט געטהאָן. און איז אוועק זי זוכען אין גאָרטען.

אין גאָרטען איז געווען שטיל און איינזאם. ער איז דורכגעגאנגען אלע אלעען, האָט זי געזוכט אין אלע ווינקעלעך, אומעדום איז געווען שטיל און רוהיג, אראבעללא איז דאָרט ניט געווען. וואו קען זי זיין? פון דער זייט פון שטאל האָט א שוואכע שיין ארויסגעבלישצעט דורך די בוימער. ער איז אוועק אהין. די שיין האָט ארויסגעבלישצעט פון פאפיאָל'ס פענסטער.

— דאָמיניק שלאָפט ניט; איך מוז איהם פרעגען, אויב ער ווייסט, וואוהין אראבעללא איז אוועק — האָט ער א טראכט געטהאָן.

ער איז צוגעגאנגען צום לייטער, וועלכער איז צוגעשטעלט געווען צו פאפיאָל'ס דאך־שטיבעל.

— דאָמיניק! — האָט סעבאסטיאן א רוף געטהאָן מיט א פערשטיקטע שטימע.

קיין ענטפער.

— ער הערט מיך ניט. אפשר איז ער איינגעשלאָפען און פערגעסען צו פערלעשען דעם לאָמפ.

ער האָט גענומען קלעטערן אויפ'ן לייטער. פלוצים האָט ער דערהערט פון אויבען איבער זיין קאָפּ א שעפצען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט. ניין, ער האָט ניט קיין טעות: ביי דאָמיניק'ן אין דאך־שטיבעל רעדט מען. ווער קען דאָרט זיין?

— גרויסער גאָט! אראבעללא'ס שטימע. ביי סעבאסטיאנען האָט זיך דער קאָפּ פערדרעהט...

— ניין, ניין, דאָס קען ניט זיין! עס איז אונמעגליך! איך בין פון זינען ארונטער! וואָס וועט זי דאָ טהון ביי דעם מאן?! עס איז דערפאר, ווייל איך טראכט וועגען איהר אזוי פיעל, דאכט זיך עס מיר... זי איז מסתמא אוועק ערגעץ שפאציערען. זי געהט אָפט ארויס שפאציערען ביינאכט, ווען זי קען ניט שלאָפען. אָדער זי איז נאָר אין איהר צימער, איך האָב שטארקער

געדארפט אין טהיר אָנקלאַפּען! אבער עס איז דאָך פאַרט איהר שטימע. איך קען דאָך איהר שטימע. אַך, גוטער גאָט, זיי קושען זיך!!

ער איז אַרונטערגעפאַלען פון דעם לייטער.

— אַך, עס מוז זיין אַ חלום. — האָט ער ווייטער געטראַכט פערצווייפעלט — איך ליעג אין מיין בעט. עס איז נור אַ קאָשמאַר, וואָס פאַר אַ שווערער קאָשמאַר! אַראַבעללאַ ביי דעם קנעכט אין מיטען נאכט! אַראַבעללאַ קושט זיך מיט איהם! אַראַבעללאַ איז פערליעבט אין איהר שטאַלקנעכט! אַ חלום! אַ חלום! איך וויל ערוואַכען. עס איז ניט אמת, אַלעס איז אַ חלום, אַלעס: אי דער בריעף, אי די שיין דאָרט אויבען אין פענסטער, אי די שטימען, אי דאָס קושען זיך. מען דאַרף אויפשטעהען, ערוואַכען!

און סעבאַסטיאַן איז אַזוי איבערצייגט געווען, אַז דאָס חלום'ט זיך איהם אַלץ, אַז ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט, און האָט געמאַכט עטליכע טריט, פאַרשטעלענדיג זיך, אַז ער קריכט אַראָב פון בעט. פּלוצים האָט זיך זיין רעכטער פוס אַרונטערגעגליטשט ערגעץ, און עפּעס האָט איהם אַ כאַפּ געטהאָן ביים פוס ווי מיט אייזערנע צוואַנגען. ער וויל אַרויסכאַפּען דעם פוס, עס געהט ניט, עס דריקט נאָך פעסטער און מיט וועהטאָג.

דער שאַרפער וועהטאָג אין פוס האָט איהם צו זיך געבראַכט. עס איז איהם קלאָר געוואָרען אַז ער שלאָפט ניט, אַז ער האַלט דעם בריעף אין האַנד און אַז אויבען אין דאָך־שטוב רעדט מען.

ער איז אַריינגעפאַלען אין אַ וואָלף־פאַסטקע, וועלכע פּאַפּיאַל פלעגט יעדען אָוועג אַוועקשטעלען נעבען שטאַל...

סעבאַסטיאַן האָט געהאַט דעם פוס אין דער פּאַסטקע און די שטימען אין די אויערן. די קערפּערליכע וועהטאָגען האָבען איהם ניט וועניגער און ניט מעהר געמאַטערט ווי די מאָראַלישע שמערצען. די שאַנדע אויבען און דער וועהטאָג אונטען — דאָס איז געווען צופיעל. ער איז געווען געבראָכען. אַראַבעלאַ האָט געקושט דאָמיניק'ן. סעבאַסטיאַן האָט דערפיהלט אַ שאַרפען מעכער אין הארצען און אין פוס האָבען זיך אויך ווי שאַרפע צייהן איינגעגעסען. אפשר זיינען עס געווען די שטימען פון אויבען, וואָס האָבען ווי שאַרפע צעהן געריסען זיין פלייש? ער האָט געפיהלט ווי צו שרייען. אבער ווי צומישט ער איז ניט געווען, האָט ער דאָך ניט געקענט

פערגעסען, אז ווען ער הייבט אָן צו שרייען, דאַן לויפען זיך צוזאַמען די דיענער און די דיענסטען פון הויף, און אפשר דער אַלטער גוזעביאוס אַליין אויך, און דעמאָלט טרעפען זיי אראַבעללאַ׳ן אויבען, און זי איז פערלאָרען. ניין, שרייען טאָר ער ניט, און ער האָט צוגעדריקטביידע הענד צום מויל, וועהרענד די אייזערנע צייהן פון דער פּאסטקע האָבען זיך אַלץ טיעפער און טיעפער איינגעגעסען אין דער הויט פון זיין פוס און די שטימען פון אויבען — אין זיין הארצען.

סעבאסטיאַן איז געווען זעהר א שוואכער יונגערמאַן און איז באַלד געפאַלען אין חלשות, מיט׳ן קאָפּ אונטער דער לייטער.

ווען ער איז ווידער געקומען צו זיך, איז שוין געווען גרויסער טאָג. ער האָט דערזעהן נעבען זיך פּאַפּיאַל׳ן, וועלכער האָט איהם בעפרייט פון דער פּאסטקע.

— יונגער הערר, — האָט פּאַפּיאַל זיך אָבגערופען — איהר זייט בעשטראָפט געוואָרען פאר אייער נייגיעריגקייט.

מיט א בעוועגונג פון שרעק האָט סעבאסטיאַן זיך א וואָרף געטהאָן פון איהם.

אין דיזער צייט איז מאַריעטטאַ פארבייגעגאַנגען, א שעהנע געזונדע מיידעל, מיט רויטע באקען. זי האָט געטראָגען אויף׳ן קאָפּ אַן עמער וואסער.

— פּאַפּיאַל האָט זיך געווענדעט צו איהר:

— מאַריעטטאַ, ווען דו ווילסט ניט, די פריילין זאָל אונז ארויסיאָגען, דארפסטו בעטען העררן סעבאסטיאַן, ער זאָל אונזער געהיימנים ניט פערראַטהען. ער ווייסט אַלעס, מיין ליעבע!

מאַריעטטאַ, וועלכע האָט ניט פערשטאַנען וואָס און צוליעב וואָס ער האָט עס געזאָגט, האָט זיך פרעהליך צולאכט און איז אוועק ווייטער. וועהרענד פּאַפּיאַל האָט זיך ווידער געווענדעט צו סעבאסטיאַנען מיט געבעטען אין קול:

— אַך, מיין הערר, מאַכט אונז ניט אונגליקליך!

סעבאסטיאַן האָט א טראַכט געטהאָן:

— דאָס איז געווען מאַריעטטאַ...

און ער איז ווידער געפאַלען אין חלשות, דיזען מאָל פאר פרייד.

דערווייל האָט פּאַפּיאַל בעמערקט סעבאסטיאַן׳ס בריעף, וועלכער איז

אויף דר'ערד געלעגען, האָט ער איהם אויפגעהויבען און איהם בעהאַלטען אין קעשענע.

איינע פון די הויפט־כללים, וועלכע ער האָט אימער אָבגעהיט, איז געווען: ווען דו זעהסט א פרעמדענס א בריעף, לעז איהם דורך. אמאָל קען עס צוניץ קומען...

צעהנטער קאַפּיטעל.

אראבעללא און דער בריעף.

אין יענעם טאָג איז אראבעללא ארויסגעפאָהרען און פּאַפּיאָל האָט זי בעגלייט.

זיי זיינען געפאָהרען איבער'ן פעלד. א קיהלער ווינטעלע האָט געבלאָזען און די לופט האָט געהילכט מיט א פויגעל־געזאַנג.

— נו? — האָט זי זיך אָבגערופען, ווען זיי זיינען גענוג ווייט געווען פון הויף.

— נו, ער האָט אַלעם געגלויבט, וואָס איך האָב איהם נור געזאָגט. — האָט פּאַפּיאָל געענטפערט — צווישען אונז זאָל עס בלייבען, סעבאַסטיאַן איז ניט קיין גרויסער חכם, מען קען שוין איהם דערצעהלען א מעשה. פריהער קומט ער צוגעהן צו מיר א הינקעדיגער און פרעגט מיך אויב איך וויל חתונה האָבען מיט מאַריעטטאַ'ן.

— וואָס האָט איהר איהם געענטפערט.

— אז איך וועל זיך מישב זיין מיט דיר! — האָט פּאַפּיאָל געענטפערט.

— נאַר!

— קיין גרויסער נאַר בין איך ניט. מאַריעטטאַ איז זעהר א שעהן מיידעל, און ווען דו וועסט מיר ערלויבען, וועל איך מיט איהר חתונה האָבען.

— רעד צו מיר ניט וועגען איהר! — האָט אראבעללא אויסגעשריען — ווען איך וועל אמאָל בעמערקען, אז דו רעדסט מיט איהר, וועל איך זי ארויסיאָגען פון הויז.

— אוי, ווי דו ביזט אייפערזיכטיג! — האָט פּאַפּיאָל זיך צולאַכט.

פּראַבעלל״א איז רויט געוואָרען. עס זיינען נאָך געווען מאָמענטען, ווען זי האָט זיך געשעהמט.

פּאַפּיאָל האָט בעמערקט, ווי זי האָט זיך פערשעהמט, האָט פערשטאַנען ווארום און האָט זיך אָבגערופען:

— דו וועסט נאָך אויך אמאָל הייראַטהען.

— איך?

—יא, דו.

— אפשר סעבאַסטיאַנען? — האָט זי זיך צולאַכט.

— אָה, ניין! וועגען דעם בין איך זיכער. עס זיינען אָבער פאַראַן אַנדערע.

— ווער א'ן ערך? — האָט זי געפרעגט.

— האָסטו לעצטען ווינטער אין טולאָן פערבראַכט?

— יא. — האָט זי געענטפערט.

— האָסטו אמאָל בעגעגענט דאָרט א געוויסען הערר זשינערם?

— הערן זשינערם?

— יא, א באַנקיר.

— יא. — האָט זי זיך א כאַפּ געטהאָן — איך דערמאָהן זיך. ער האָט עטליכע מאָל בעזוכט מיין טאַנטע אַרמאַנדע.

— נו, זעהסטו?

— אָבער פון וואַנען קענסטו דעם מאַן? — האָט זי געפרעגט.

— איך קען איהם. איך האָב די עהרע. — האָט פּאַפּיאָל אויסגעשריען מיט כלומר'שט א וואַזשנער מינע אויף שפּאַס — איך האָב די עהרע צו בעטען אייער האַנד פאַר דעם הערן זשינערם, באַנקיר פון טולאָן. ער וויל דיך הייראַטהען. אָט זעה אליין, לעז דעם בריעף.

ער האָט איהר דערלאַנגט דעם בריעף, וואָס ער האָט צוגענומען ביי סעבאַסטיאַנען. גלייך, ווי זי האָט איבערגעלייענט די ערשטע עטליכע שורות, האָט זי אָבגעשטעלט דעם פערד און האָט זיך פערטיעפט אין דעם בריעף. פּאַפּיאָל האָט געקוקט אויף איהר מיט א ברוטאַלער מינע.

— נו, וואָס דענקסטו וועגען דעם? — האָט ער געפרעגט, ווען זי האָט איבערגעלייענט דעם גאַנצען בריעף.

— גאָרנישט. — האָט זי געענטפערט.

און פלוצלונג האט זי א שמיץ געטהאן איהר פערד, וועלכער האט זיך אוועקגעטראגען ווי א ווינד, אין פאראוים.

— ניט אזוי שנעל! ניט אזוי שנעל! — האט פאפיאל גענומען שרייען — מיין פערד קען דיינעם ניט נאכהאלטען!

אראבעללא האט איהם ניט געהערט און האט אלץ ווייטער און ווייטער געטריבען דעם פערד, וועלכער האט זיך ווי א שטורם געטראגען.

— אי, אי! — האט פאפיאל א טראכט געטהאן, ווען זי איז פערשוואונדען פון זיינע אויגען — מיר דאכט זיך, אז איך האב איהר דעם בריעף ניט געדארפט ווייזען. א באנקיר איז א צו געפעהרליכער קאנקורענט. און דאך, וואס איז א באנקיער? א מאן ווי איך, נור מיט מעהר מזל. איך האב נור איינמאל אויף מיין לעבען מזל געהאט און איצט, דאכט זיך, האב איך איהם אליין פערדארבען. עס איז זיכער אראבעללא'ן האט זיך דער קאפ פערדרעהט פון יענעמס דאלארס! איך וועל עס ניט דערלאזען. איך האב זיך דא געלעבט רוהיג און שעהן. דער אלטער העררן ליעבט מיך, ווייל איך נעהם אזא ווארימען אנטהייל אין זיינע ענטדעקונגען און אראבעללא איז, דאכט זיך, אויך מיט מיר צופריעדען. און קיינמאל בין איך ניט געוועזן אזוי עהרליך, ווי זינט איך בין אין דעם דאזיגען הויז. איך נעהם אמאל א פאאר דאלאר, ווען דער שופלאד איז אפען? נו, אין דעם איז ניט שולדיג איך, נור דער אפענער שופלאד. אבער אזוי — בין איך נאך קיינמאל ניט געוועזן אזוי עהרליך ווי איצט. ניט קיין גוטעס טהון און ניט קיין שלעכטעס — דאס איז די געזינדסטע זאך... אבער פארוואס האב איך איהר געגעבען דעם בריעף? איצט קען עס נאך זיך אלעס איבערדרעהען! טייפעל, טייפעל, אן ערנסטע געשיכטע! וואס טהוט מען?

פאפיאל האט זיך א קראץ געטהאן הינטער'ן אויער, און פלוצים האט ער זיך אויסגעגלייכט אויף זיין פערד און זיך צולאכט:

— נארישקייטען! — האט ער ווידער געטראכט — זי וועט קיינעם ניט הייראטהען. אויב איך וועל ניט וועלען, וועט זי קיינעם ניט הייראטהען. און אויב דער באנקיר וועט ווערען צופיעל געפעהרליך, וועל איך געגען איהם שוין אנאנדער מיטעל געפינען. און ווארום זאל גאר אראבעללא ניט הייראטהען מיך? וואס איז? אזוי לעבען מיט מיר איז שעהנער, אנשטענדיגער? איך וועל איהר געבען מיין נאמען: מאדאם פאפיאל אדער

מאדאם אלאדין, זי מעג זיך אויסקלייבען וואָס פאַר אַ נאָמען זי וויל...

פאפיאָל האָט אויסגעקירעוועט זיין פערד און איז אוועקגעפאָהרען צוריק אין הויף. די פויערים, וואָס האָבען איהם בעגעגענט, האָבען פאַר איהם אראָבגענומען די היטלען; זיי האָבען געוואוסט, אז ער האָט אַ שטאַרקע דעה אין הויף. ער האָט צו זיי געשמייכעלט ליטזעליג. עס איז געווען זעהר שווער צו דערקענען אין איהם דער פריהערדיגען יונגענמאַן. פאַר דעם מאָנאט צייט, וואָס ער האָט זיך אין הויף געפונען, האָט ער דיקער און גאָר אנדערש אויסגעזעהן. בלויז די ברענענדיגע ווילדע אויגען זיינען געבליעבען דיזעלבע ווי פריהער.

עלפטער קאַפּיטעל.

אראבעללא'ס געדאַנקען.

און אראבעללא האָט זיך דערווייל געטראָגען אויף איהר פערד, ניט בעגלייטעט פון קיינעם. טויזענדער געדאַנקען האָבען זיך געדרעהט אין איהר קאָפּ. זי האָט געקענט זשינערס'ן. ער איז געווען רייך און שעהן. ווען זי הייראַטהעט איהם, איז זי גערעטעט, דאַן רייסט זי זיך ארויס פון דעם טיעפען זומפּ, איז אַן עהרליכע פרוי, וואָהנט אין טולאָן און אפשר גאָר אין פאַריז. זי האָט זיך שוין געזעהן אויף די בעלער, אַ גליקליכע, מיט אַ רוהיגען געוויסען, געליעבט און געעהרט. זי איז שעהן, דאָס ווייסט זי, זי קען ליעבען, דאָס פיהלט זי. יא, עס איז אַ גליק פאַר איהר, זי טאָר עס ניט ארויסלאָזען!

אָבער דאָמיניק? וואָס טהוט זיך מיט איהם? ווי ווערט זי פון איהם פטור?... אַך, ווארום איז דיזעס גליק ניט געקומען פריהער? ווארום איז עס ניט געקומען דאַן, בעת זי איז געווען אין טולאָן? ווי ביטער זי האָט איצט חרטה; ווי שווער זי איז בעשטראָפט? דער זומפּ, אין וועלכען זי האָט מיט אַ פוס אריינגעזונקען, האַלט זי פעסט. זי האָט זיך געצאַפּעלט אין די נעגעל פון איהר שאַנדע, ווי אַ פליעג אין די לאַפּקעס פון אַ שפּין. אַך, ווען עס וואָלט מעגליך געווען צוריקצוכאַפּען דאָס, וואָס זי האָט פערלאָרען

מיט איין מאָנאַט צוריק! וואָס זאָל זי איצט טהון? זי איז שוין אַ פרוי, און האָט אַ געליעבטען, און נאָך וואָס פאַר אַ געליעבטען! ער קען נאָך איהר זאָגען: „איך וויל ניט, דו זאָלסט הייראַטהען!" וואָס קען זי איהם אויף דעם ענטפערן? קיינמאָל וועט זי זיך פון איהם ניט קענען בעפרייען, קיינמאָל ניט! פיעלייכט וועט זי זיך קענען פון איהם בעפרייען דורך אַ טריק? אָבער ער איז כיטרער פון איהר, געשיקטער ווי זי, אַ מאָדנער נעמיש פון ווילדהייט און קלוגהייט, קורץ: אַ געפעהרליכער געגנער.

דאָס פערד האָט גענומען געהן לאַנגזאַמער און אַראַבעללאַ האָט געטראַכט ווייטער:

זאָל זי איהם פרובען אונטערקויפען? אָבער וואו נעהמט זי דאָס געלד אויף דעם? ער וועט געוויס פערלאַנגען פיעל געלד. און אויסער דעם, אפשר איז ער אין איהר אַזוי פערליעבט, אַז ער וועט קיין געלד אויך ניט וועלען נעהמען? יאַ, יאַ, זיכער! ער ליעבט זי משוגע!

זי האָט זיך דערמאָהנט, ווי ער ליעבט, און האָט זיך גענומען צאַפּלען מיט'ן גאַנצען קערפער. ווען ער וואָלט אין דיזער מינוט געווען נעבען איהר, וואָלט זי זיך אפילו איצט, נאָך די אַלע געדאַנקען, אויך ניט געקענט בעהערשען...

זי האָט עס געפיהלט מיט איהר גאַנצען וועזען, וואָס האָט זיך פלוצים אין גאַנצען אָנגעצויגען און אָנגעצונדען, האָט עס געפיהלט מיט אַ ברענענדיגען וועהטאָג, האָט זיך געזידעלט, האָט זיך זאָגאַר ביי די האָאַר אָנגעכאַפּט, געצופּט און געריסען און געסטראַשעט זיך אַליין:

— דו וועסט פערלאָרען געהן, אַראַבעללאַ, דו אונגליקליכע!

דאָס זיינען אָבער נור געווען קאַלטע ווערטער, וואָס זיינען פערהילכט געוואָרען פון דעם פייערדיגען שטורמען פון איהר בלוט...

אָבער אַזוי ווי ער איז ניט געווען נעבען איהר, האָט זי זיך אין אַ ווייַלע אַרום ווידער בערוהיגט און האָט ווידער גענומען טראַכטען, ווי זי ווערט פון איהם פטור.

אין איהר קאָפּ האָבען זיך איצט גענומען דרעהען די אַלע ראָמאַנטישע פערברעכענס, וואָס זי האָט אויסגעלעזען אין די פערשיעדענע ראָמאַנען.

אפשר זאָל זי איהם פערגיפטען. ווארום ניט? יאַ, דאָס וואָלט אבער געווען העסליך. אבער ווען ער וועט זי ניט אָבלאָזען? זי וועט עפּעס מוזען

טהון, אום צו בעפרייען זיך פון איהם אויף אייביג. זי וועט מוזען! אָה, ווי זי האָט איהם איצט געהאַסט! מיט וואָס פאַר א פערגניגען זי וואָלט איהם איצט ערגעץ אין א טיעפען אָבגרונד אריינגעשליידערט! מיט שטיינער וואָלט זי איהם פערוואָרפען. מיט א שטריק ארום האלז וואָלט זי איהם ערגעץ אויף א בוים אויפגעהאנגען. נעה! שטאַרב!! פערשווינד פון דער וועלט! דו ביזט מיין אונגליק! דו האָסט מיך אין אָבגרונד אריינגעשליידערט! ווייל דו לעבסט, איז מיין לעבען א גיהנום! איך בין א חיה, ווייל דו עקזיסטירסט! ווען דו וואָלסט מיך דאָן אין וואלד ניט בעפאלען, וואָלט איך איצט אַן עהרליך מיידעל געווען און וואָלט רוהיג געקענט הייראטהען אַן עהרליכען מאַן! איצט מוזטו בעצאָהלען מיט דיין טויט פאַר דאָס פערגניגען, וואָס איך האָב דיר פערשאַפט, פאַר דיינע קושען, פאַר מיין שאנדע! דו האָסט געדענקט, אז איך וועל שוין קיינמאָל ניט קענען קומען צו זיך, אז דו וועסט מיך אייביג האַלטען אין דיינע הענד? דו האָסט א טעות, דאָמיניק! איך האָב נאָך גענוג קרעפטען, אום צו בעפרייען זיך פון דיר!

אָרימע אראבעללא, זי האָט זיך אזוי הינגעריסען, אז זי האָט זיך דער־זעהן א בעפרייטע פון איהם אויף אייביג!

צוועלפטער קאַפּיטעל.

א שרעקליכער געדאנק.

שפּעטער, ווען זי איז געקומען אהיים, האָט זי צופיהרענדיג דאָס פערד צום שטאַל, דערזעהען דאָרט פּאַפּיאָל'ן רעדענדיג מיט מאריעטטא'ן, און זי האָט זיך ווידער א צאַפּעל געטהאָן מיט'ן גאנצען קערפּער, און אַלע איהרע פריהערדיגע געדאַנקען זיינען פערשוואונדען ווי רויך.

זי האָט דערפיהלט, ווי אַרויפצוּוואַרפען זיך אויף מאריעטטא'ן און אויסקראַצען איהר די אויגען. אָבער זי האָט זיך בעהערשט, ווייל פון ווייטען האָט זי דערזעהן סעבאַסטיאַנען, וועלכען אין געשטאַנען אין גאָרטען און געקוקט אויף איהר מיט פערליעבטע אויגען.

פּאַפּיאָל האָט מיט א כיון גערעדט מיט מאריעטטא'ן, אום צו ערוועקען

אַראַבעלַלאַ׳ס אייפערזוכט און צו פערטרייבען דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף איהר געקענט מאַכען יענער בריעף.

— מאַריעטטאַ, — האָט ער אַרויסגעשעפּצעט, אָבער געננוג הויך, אַז אַראַבעלַלאַ זאָל הערען — קום מיט מיר צום טייך, דאָרט הינטער די בוימער וועלען מיר זיך קענען באָדען.

אַראַבעלַלאַ׳ן האָט אַ מיש געטהאָן אין קאָפּ, און זי איז אַוועקגעלאָפען צו זיך אין צימער. זי האָט פערשלאָסען די טהיר און גענומען אַרומגעהן היין און צוריק ווי אַ משוגענע.

פאַר איהרע אויגען האָט זיך גענומען טראָגען דער טייך אַרויף צו אין וואַלד, און פּאַפּיאַל מיט מאַריעטטאַ׳ן דאָרט. זי האָט דערפיהלט, ווי פון איהר רוקען צום קאָפּ פויזען און טאַנצען פלאַמען, צינדען און ברענען זי אין גאַנצען.

זי האָט שוין איצט מעהר וועגען גאָר ניט געטראַכט, ווי נור וועגען זיי. און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי גענומען ציהען און שלעפּען צום טייך, און זי איז פער׳גנב׳עט אַרויס פון איהר צימער און איז אונבעמערקט דורך אַ הינטער־טהיר אַרויס פון שטוב און איז אַוועק אין דער ריכטונג, וואו עס האָט זיך געפונען דער טייך.

ווען זי איז געוועזען אַזוי ווייט פון הויז, אַז מען האָט זי ניט געקענט בעמערקען, האָט זי זיך געלאָזט לויפען. דאָס הארץ אין איהר ברוסט האָט געקלאַפּט שטאַרק, שטאַרק, אין איהר מוח האָט געמישט, און פאַר איהרע אויגען האָט זיך געטראָגען דער טייך אין וואַלד, און פּאַפּיאַל און מאַריעטטאַ...

זי איז צוגעקומען צום וואַלד, האָט דערזעהן דורך די דונקעלע בוימער דעם בלישצענדיגען טייך און האָט זיך גענומען גנב׳ענען צו איהם אויף די שפּיץ פינגער, זיי זאָלען זי ניט בעמערקען.

צוגעהענדיג צום טייך, האָט זי קיינעם ניט געזעהן. אַרום איז געוועזען שטיל. אין דעם קלאָרען טייך האָט זיך דער וואַלד פון ביידע זייטען אָבגעשפּיעגעלט.

— זיי מוזען דאָ ערגעץ זיין! — האָט זי אַ טראַכט געטהאָן און גענומען קוקען אַרום זיך מיט ברענענדיגע אויגען.

פּלוצים האָט זי דערהערט פּאַפּיאַל׳ס שטימע, וועלכער האָט געזונגען עפּעס אַ פרעהליך ליעד.

— דאָרט ! האָט זי זיך א כאַפּ געטהאָן, און גענומען זיך גנב׳ענען אין דער ריכטונג, פון וואַנען די שטימע האָט זיך געטראָגען.

און באלד האָט זי דערזעהן פּאַפּיאַל׳ן זיצענדיג אין מיטען טייך אליין אויף א שיפעל. ער האָט זיך נור וואָס אויסגעטהאָן אויפ׳ן שיפעל, איז געזעסען א נאַקעטער און געקליבען זיך אַרונטערצושפּרינגען אין טייך אריין.

זיין נאַקעטער, שטאַרקער, יונגער ווייסער און שלאַנקער קערפּער האָט זי נאָך מעהר צומישט און אויך פערשעהמט. זי האָט זיך געוואָלט צוריק־ציהען, אבער אין דיזער מינוט האָט זי פּאַפּיאַל בעמערקט, און צופריעדען א שמייכעל געטהאָן צו איהר. איהר קומען האָט איהם ניט פערוואונדערט. ער האָט עס ערוואַרטעט נאָכדעם, ווי זי האָט געהערט, אז ער האָט מאַריעטטאַ׳ן גערופען זיך באָדען.

— וואַרט! אנטלויף ניט! — האָט ער צו איהר א געשריי געטהאָן און גענומען רודערן די שיף צום ברעג.

זי איז געשטאַנען, און איהר ווייסער שעהנער פּנים איז געוועזען א שטיק פייער, און איהרע העל־בלויע אויגען האָבען געברענט און איהר הויכער בוזם האָט זיך הייס בעוועגט אַרויף און אַראָב. זי וואָלט אנטלאָפען פון זיין נאַקעטקייט, האָט אָבער קיין כח אויף דעם ניט געהאַט.

— גוט, וואָס דו ביזט געקומען! — האָט ער אויסגעשריען, אַרונטער־שפּרינגענדיג אויפ׳ן ברעג — דאָ וועלען מיר פיהלען דעם אמת׳ן טעם פון גן־עדן, פּונקט ווי אדם און חוה האָבען געפיהלט. וועסט זיך באָדען?

זי איז געוועזען צומישט און האָט ניט געענטפערט.

— וואָס שווייגסטו? זעה נור, זעה, ווי דו קוקסט ! דו שעהמסט זיך ?

זי האָט זיך געשעהמט, זי האָט אָבער אויך געפיהלט, ווי א פליעג געגען א פייער : עס האָט זי צום פייער געצויגען, זי האָט געמוזט פערברענט ווערען.

— אימיצער קען אונז זעהען. — האָט זי אַרויסגעשעפּצעט מיט א הייסען אָטהעם.

— ווער קען אונז דאָ זעהען ? די פייגעלעך וועלען ניט דערצעהלען, און דער וואַלד קען אויך האַלטען א סוד.

— איך האָב מורא ! — האָט זי ווידער אַרויסגעשעפּצעט.

— פאַר ווֶעמען האָסטו מורא ? ווען איך בין דאָ, דאַרפסטו ניט מורא האָבען פאַר׳ן טייפעל אליין !

— לאמיר אוועקפאהרען אהינטער יענעם ברעג.

— געהט עס.

זי האט זיך ארייגעזעצט אין שיפעל; ער איז ארייגעשפרונגען נאך איהר, און באלד האט זיך דאס שיפעל אוועקגעטראגען איבער'ן טייך ארונטער.

— ווי שעהן דו ביזט, מיין ליעבער! — האט זי ארויסגעשעפצעט.

— איך בין צופריעדען. — האט ער א שמייכעל געטהאן.

— די געטער אין אלטען גריעכענלאנד האבען געמוזט האבען אזוינע קערפערס, ווי דו! — האט זי וויעדער ארויסגעשעפצעט.

— וואס טויגען די קערפערס פון געטער? — האט ער זיך צולאכט.

— לאך נית, דו מאכסט מיך משוגע!

— איך וויל נית, דו זאלסט משוגע ווערען; איך וועל דיך מעהר ליעב האבען א קלארע.

— דאמיניק, דו ביזט א מכשף, דו טהוסט מיט מיר, וואס דו ווילסט. — האט זיך פלוצים ארויסגעקרעכצט — מיין ווילען האב איך פערלארען, מיין פערשטאנד, מיין שטאלץ מיין עהרע! דאמיניק, איך וויל שטארבען! — האט זי זיך מיט אמאל צוואויינט.

— א שאד אזא שעהנהייט! — האט ער געענטפערט רוהיג — נו, וויין נית, דו פערדארבסט מיר דעם פערגניגען. נו, איך וועל דיר א קוש טהון.

און ער האט זיך צוגעבויגען צו איהר און איהר א קוס געטהאן.

— אוי, דאמיניק! — האט זי א קרעכץ געטהאן, און איינגעזויגט זיך מיט איהרע ברענענדיגע ליפען אין זיין נאקעטע ברוסט — דאמיניק, דו מאכסט מיך משוגע!!

דאס שיפעל איז צוגעפאהרען צום ברעג. אראבעללא איז ארויס פון שיפעל, ווי אין א חלום. פאפיאל איז ארויסגעשפרונגען נאך איהר.

דארט איז געווען א דונקעלער, פערוואָרפענער ווינקעלע. קיין אויג האט אהין נית געקענט אריינדרינגען.

— נו, דא דארפסטו נית מורא האבען. מיר קענען זיך דא באדען.

ווי אין חלום האט אראבעלא פון זיך די קליידער ארונטערגעווארפען. באלד איז זי געשטאנען מיט די גאלד־רויטע האאר צושאטען איבער איהרע ווייסע צארטע, שולטערן, ווי א שעהנע מארמארנע סטאטוע איז זי דא

געשטאנען, פון הייסען, קאכעדיגען בלוט בעלעבט.

— ווי שעהן דו ביזט אראבעללא! — האט פאפיאל אויסגעשריען, אויפ־עסענדיג זי מיט די אויגען, ווי ביי א הונגעריגען וואלף — ווען חוה איז געווען אזוי שעהן ווי דו, האבען די מלאכים געמוזט וויינען און קלאגען, בעת זיי האבען דעם בעפעהל געקראגען ארויסצוטרייבען זי פון גן עדן...

און א כאפ־טהוענדיג זי מיט ווילדער קראפט אין זיינע ארעמס, איז ער מיט איהר פערשוואונדען צווישען די דונקלע בוימער.

שפעטער א ווײלע, צוגעהענדיג צום טייך, האט זיך פאפיאל אבגערופען מיט צערטליכקייט אין קול:

— ווייסטו וואס, אראבעללא? לאמיר גאר הייראטהען ווי מאן און פרוי. דו וועסט מיר האבען קינדערלעך. וואס זאגסטו?

ווי א שלאנג וואלט זי א ביס געטהאן, אזא כאפ האט זי זיך פלוצים געטהאן. א שרעקליכער געדאנק האט איהר א ברען געטהאן אין מח: אפשר איז זי פון איהם שוין אויך?...

זי האט זיך גענומען טרייסלען מיט'ן גאנצען קערפער.

און צוזאמען מיט דעם דאזיגען געדאנק איז איהר נאקעטקייט ארויס־געטראטען פאר איהר, אין גאנצען פון שאנדע און שמוץ בעדעקט.

— אוי! — האט זי א געשריי געטהאן און גענומען אויף זיך רייסען די האאר.

— וואס איז דער מעהר? — איז צו איהר צוגעלאפען פאפיאל.

זי האט ווילד א שטויס געטהאן איהם פון זיך, א כאפ געטהאן איהרע קליידער און כמעט מיט א היסטערישען שלוכצען איז זי אוועקגעלאפען הינטער די בוימער און גענומען זיך אנטהון.

מערקווירדיג, דיזער געדאנק, אז אפשר טראגט זי אונטער איהר הארצען די פרוכט פון איהר זינדיגען מיט פאפיאל'ן, האט ניט נור ערוועקט אין איהר נשמה שרעק און מורא, נור אויך א פעסטען בעשלוס צו בעפרייען זיך פון איהם. אין איהר פערצווייפלונג האט זי געפונען כחות דעם בעשלוס אויס־צופיהרען. זי האט גענומען פיהלען, אז איצט איז דער דאזיגער בעשלוס ניט א מאמענטאלער, ניט אויף א ווײלע, נור ער איז פעסט אין איהר. זי

מוז נור האַנדלען פאַרזיכטיג. דאָמיניק טאָר זיך ניט אָנשטויסען וואָס אין איהר קומט פאָר...

זי האָט אויפגעהערט צו וויינען, געסטאַרעט זיך אָנצונעהמען א רוהיגע מינע, און ווען פאַפּיאָל איז שפּעטער צו איהר צוגעגאַנגען אָן אָנגעטהאָנענער, האָט זי איהם בעגעגענט מיט א כלומרשט פרעהליכען שמייכעל.

— וואָס האָסטו זיך פריהר צואווייינט? — האָט ער ביי איהר געפרעגט.

— איך ווייס אַליין ניט. — האָט זי געענטפערט און זיך צולאַכט.

אין איהר האָט גענומען ארבייטען די שלויהייט פון דער פרוי, און זי האָט צוגעלעגט:

— ניט איך האָב געוויינט, נור מיין ליעבע צו דיר.

— האָסטו מיך ווירקליך ליעב, אראַבעללאַ?

— זעהר, דאָמיניק, ביז משוגעת. ווען איך וואָלט דיך ניט געליעבט, פערשטעהסטו דאָך, אז איך וואָלט אזוי ניט געהאַנדעלט.

— אראַבעללאַ, — האָט ער זיך אָבגערופען — איך זאָג דיר נאָך אמאָל: איך בין בערייט מיר דיר חתונה צו האָבען.

— מיר וועלען נאָך וועגען דעם רעדען. איצט קום אהיים, דאָמיניק. עס ווערט שוין שפּעט.

זיי האָבען זיך אריינגעזעצט אין שיפעל און זיינען אוועקגעפאָהרען.

שפּעטער א ווייל‍ע איז זי געזעסען אין איהר צימער און ארומגעטראַכט א פּלאַן.

פּלוצלונג האָט זי זיך אויפגעהויבען פון אָרט. דער פּלאַן איהרער איז געווען א סמיעלער, א געוואַגטער, אבער ווען ער וועט איהר געלינגען, דאַן וועט זי פּטור ווערען פון דאָמיניק׳ן אויף אימער. זי איז ארונטערגעגאַנגען אין שפּייז־צימער, וואו איהר פאַטער און סעבאַסטיאַן זיינען געזעסען. פאַפּיאָל אָבער איז אויך געווען אין צימער. ער האָט געדעקט דעם טיש.

— פאַטער, — האָט אראַבעללאַ זיך אָבגערופען מיט א רוהיגער שטימע און גלייכגילטיגע אויגען — ווייסטו ניט, וואָס די מוהמע ארמאַנדע שרייבט?

פאַפּיאָל האָט אָנגעשטעלט זיינע אויערן. גוזעביאוס האָט געענטפערט מיט א צופריעדענער מינע:

— סעבאַסטיאַן האָט דעם בריעף פערלאָרען. אבער הערר זשינערם דער באַנקיר האָט אַליין געשריעבען.

— און וואָס שרייבט ער? — האָט אראבעללא שטיל געפרעגט.

— ער שרייבט, אז ווען דו ביזט געווען אין טולאָן האָט ער זיך מיט דיר עטליכע מאָל בעגעגענט ביי דיין מוהמען, און דו ביזט איהם געפעלען. נעהמט ער זיך איצט די פרייהייט דיר פאָרצושלאָגען זיין האנד.

— און וואָס דענקסטו וועגען דעם, פאטער? — האָט אראבעללא שטיל געפרעגט.

— איך דענק, אז אזא שידוך איז פאר דיר א גליק, מיין טאָכטער. ער איז זעהר רייך, פערמאָגט מיליאָנען.

סעבאסטיאן האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט און האָט זיך פעררוקט אין א ווייטען ווינקעלע פונ'ם צימער.

— איך דענק, ווי דו, פאטער! — האָט אראבעללא געזאָגט.

— פאפיאָל, וועלכער איז אין דיזער צייט פארבייגעגאנגען הינטער איהר, האָט איהר א שעפּצע געטהאָן:

— דו וועסט ניט הייראטהען.

און ער האָט גענומען ווייטער דעקען דעם טיש.

זי איז צוגעגאנגען צום טיש, האָט זיך געזעצט עסען, און בעת פאפיאָל איז צוגעגאנגען צו איהר מיט א טעלער, האָט זי איהם געענטפערט שטיל:

— היינט אבענד וועלען מיר זיך טרעפען ביי דיר.

דאַן האָט זי געזאָגט הויך און מיט א רוהיגער שטימע:

— פאטער, דו קענסט שרייבען הערר דזשינערס'ן, אז איך בין צופריעדען צו זיין זיין פרוי.

מען האָט דערהערט א פערשטיקטען שלוכצען. סעבאסטיאן, אַן וועלכען אַלע האָבען פערגעסען, האָט געוויינט איינזאם אין א ווינקעל...

דרייצעהנטער קאפיטעל.

די פערשווערונג.

עס איז געווען ארום צעהן ביינאכט. אין דרויסען איז געווען פינסטער. אראבעללא איז ארויס פון הויז אין איהר ווייסען נאכטהעמד מיט א שאָל

ארום די אקסלען. זי האט זיך גענומען גנב'ענען איבער'ן הויף מיט שטילע טריט, אום מען זאל ניט הערען דעם סקריפען פון דעם זאמד אונטער איהרע פאנטאפעל.

זי איז געבליעבען שטעהן נעבען שטאל, האט אריבערגעטרעטען די וואלף־פאסטקע, איז האסטיג ארויף אויפ'ן לייטער און מיט א פערשטיקטען שלוכצען האט זי זיך אריינגעווארפען פאפיאל'ן אין די ארעמס.

— דאמיניק, עס איז זעהר שלעכט!

— וואס איז דער מעהר? — האט פאפיאל זיך אבגערופען.

—זי האט זיך אנידערגעזעצט אויפ'ן ברעג בעט און, פערדעקענדיג מיטביידע הענד איהר פנים, האט זי געוויינט ווייטער.

דאמיניק האט ניט ליעב געהאט קיין פאטעטישע סצענען, און ער האט אויסגעשריען:

— רעד דאך, וואס וויינסטו?

— וואס איך וויין, פרעגסטו? ליעבסטו מיך דען ניט? מען וויל מיך פערהייראטהען, דו ווייסט דאך דאס אליין, דאמיניק!

פאפיאל'ן האט מען אזוי לייכט ניט געקענט נעהמען אויף „זיכער". ער איז צוגעגאנגען צו אראבעללא'ן און האט איהר גלייך א קוק געטהאן אין די אויגען אריין. זי האט טאקע אויף אן אמת געוויינט. דאך איז ער געבליעבען שטעהן מיט א פערדריסליכער מינע, און געזאגט:

— מערקווירדיג, די ווייבער קענען וויינען, ווען זיי שפיעלען אפילו קאמעדיע אויך.

— זי האט זיך א כאפ געטהאן אין אמת'ן שרעק:

— וואס מיינסטו, דאמיניק?

— איך מיין, איך גלויב דיר ניט דיינע טרעהרען. — האט ער רוהיג געזאגט.

— דאמיניק! — איז זי אויפגעשפרונגען פון ארט.

— וואס דאמיניק! — דו האסט דאך ערשט היינט דיין פאטער געזאגט, אז דו ווילסט חתונה האבען מיט זשינערס'ן.

— פערשטעהסטו ניט, דאמיניק, צוליעב וואס איך האב עס געזאגט?

—ניין, איך בין צו נאריש, אום דאס צו פערשטעהן.

— איך האב עס געזאגט אומיסטנע, אום ביי איהם זאל קיין חשד ניט

פּאַלען אויף מיר, און מיר זאָל קענען פרייער האַנדלען. — האָט זי אויס־געשריען מיט היץ.

— הם! — האָט פּאַפּיאַל אַ בורטשע געטהאָן.

זי האָט איהם אַ גלעט געטהאָן איבער די האָר און אַ קוש געטהאָן אויפ'ן שטערן.

— איך ליעב דיך. — האָט זי געזאָגט.

— יאַ, — האָט ער געענטפערט — און חתונה האָבען מיט מיר ווילסטו דאָך ניט.

— הער אויס, דאָמיניק, אויב דו בעפרייסט מיך פון דעם שידוך, דאַן וועל איך זיין די גליקליכסטע אויף דער וועלט, וואָרום דאַן וועלען מיר הייראַטהען.

איז עס אמת, אַראַבעללאַ? האָט ער אויסגעשריען.

ער האָט אָנגעהויבען איהר צו גלויבען. אויסער דעם איז זי געווען אַזוי ענטציקט שעהן מיט איהרע פייכטע אויגען פון טרעהרען, איהרע צולאָזטע האָאר און מיט איהר גאַנצער האַלטונג. ער האָט זי אפשר ניט אַזוי געליעבט ווי אַנאַנדער מאַן אויף זיין פּלאַץ, אָבער זי איז איהם געפעלען געווען, און ער איז ניט געווען עלטער פון איין און צוואַנציג יאַהר.

זי האָט זיך צוגעדריקט מיט איהר שעהנעם קערפּער צו איהם, און איהם אַריינגעקוקט אין די אויגען.

— דו ביזט שעהן! — האָט ער געזאָגט און זי געוואָלט אַ כאַפּ טהון אין דער הויך.

זי האָט זיך מיט אַמאָל אַ ריס געטהאָן פון זיינע שטאַרקע אָרעמס.

— ניין, ניט איצט! לאָמיר פריהער אויסגעפינען אַן אויסוועג! — האָט זי געזאָגט.

— וואָס פאַר אַן אויסוועג קענען מיר געפינען? האָט ער געזאָגט.

— מיר מוזען זיך אונטעראיילען. — האָט זי אַ געשריי געטהאָן — וואָרים מיין פאָטער האָט איהם היינט אָוועקגעשיקט אַ בריעף, ער זאָל אהער קומען נאָך די וואָך.

— די וואָך? — האָט פּאַפּיאַל איבערגעפרעגט, און גענומען געהן איבער'ן צימער הין און צוריק שטאַרק פערטהאָן אין זיך.

— נו, קענסטו עפּעס ניט אויסגעפינען אַן אויסוועג ? — האָט אַראַבעלאַ אונטערבראָכען זיינע געדאַנקען.

— ניין !! וואָס פאַר אַן אויסוועג קען מען אויסגעפינען ? סיידען דו זאָלסט ערקלערען דיין פאַטער, אַז דו ווילסט ניט טהון דעם שידוך.

— דאָס וואָלט געווען נאַריש. — האָט אַראַבעללאַ זיך אָבגערופען — איך האָב אַנאַנדער מיטעל אויסגעטראַכט, אום צו בלייבען מיט דיר.

— לאָז הערען. — האָט ער געזאָגט.

אַראַבעללאַ האָט זיך אויפגעהויבען און, אַרויפלעגענדיג איהרע הענד אויף פּאַפּיאָל'ס שולטערן האָט זי איהם אַ קוק געטהאָן גלייך אין די אויגען און געפרעגט מיט אַן ערנסטער שטימע :

— דאָמיניק, דו ליעבסט מיך ?

— וואָס פאַר אַ פראַגע, אַראַבעללאַ !

— טאָ הער מיך אויס !

איהר ערנסטע מינע האָט פערטריעבען ביי פּאַפּיאָל'ן דעם לעצטען שפּור פון חשד אויף איהר.

— מיין פּלאַן איז אַ שרעקליכער. — האָט זי דאַן געזאָגט — אָבער ווען מיר וועלען זיין געצוואונגען, וועלען מיר איהם מוזען אויספיהרען.

— דערצעהל דיין פּלאַן.

—ווען מיין פאַטער וועט מיך וועלען צווינגען צו טהון דעם שידוך מיט זשינערס'ן, — האָט זי געזאָגט — דאַן טאָרען מיר זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבשטעלען, אפילו...

— אפילו וואָס ? — האָט ער אונטערגעכאַפּט.

— אפילו... דו וועסט זשינערס'ן אומברענגען ! — האָט זי אַרויס־גערעדט.

ער האָט אַ שפּרונג געטהאָן צושראָקען.

— וואָס רעדסטו ? אַ שעהנער פּלאַן ! — האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט.

— דו מיינסט, דאָמיניק, אַז איך קען דיך ניט ? איך בין אַ מערק־ווירדיגע מיידעל. וואָלסטו געווען עלעגאַנט, שעהן געקליידעט, וואָלסטו געווען אַן אַנשטענדיגער יונגער מאַן, וואָלט איך דיך אפשר גאָר ניט געליעבט. איך האָב זיך פערליעבט אין דיר וויל דו ביזט געווען אַ וואַגאַבונד, אַ רויבער און פיללייכט נאָך ערגערס...

— א מאָדנער געשמאַק! — האָט ער זיך אָבגערופען.

— פערדריסט דיך אפשר,, וואָס איך האָב אזא געשמאַק? — האָט זי א שמייכעל געטהאָן.

— אָה, ניין. — האָט ער געענטפערט.

דאַן איז אָבגעמאַכט: דו וועסט זשינערס'ן אומברענגען.

— ניין, ניין, דאָס ניט, דאָס ניט! — האָט ער זיך א כאַפּ געטהאָן — איך לייקען ניט, אין מיין לעבען איז פערשיעדענע פּאַרגעקומען, אי אזעלכע, אי אזוינע סקאַנדאַלען. אבער געהן אַריינרוקען א מעסער איינעם — דאָס האָב איך פריהער ניט געטהאָן און וועל ווייטער אויך ניט טהון...

— אויב אזוי, ליעבסטו מיך ניט, דאָמיניק! ווען דו וואָלסט מיך אויף אן אמת געליעבט, וואָלסטו פאַר די ליעבע אַלעס געטהאָן.

און זי האָט זיך צואווײנט.

— וואָס פאַר א טייפעל פון א מיידעל! — האָט דאָמיניק געטראַכט.

און זי האָט געוויינט אזוי פערצווייפעלט, דאַכט זיך.

— נו, זיי ניט פערצווייפעלט. — האָט ער זיך אין א ווײלע אַרום אָבגערופען — איך האָב אויך א פּלאַן.

זי האָט איהם אָנגעקוקט.

— וואָס פאַר א פּלאַן?

— לאָמיר צוזאַמען אַנטלויפען. — האָט ער געזאָגט.

— הא?! — האָט זיך ביי איהר אַרויסגעריסען, און גלייך האָט זי זיך א כאַפּ געטהאָן — טאַקע, דו ביזט גערעכט, א גוטער פּלאַן! מיר וועלען אַנטלויפען. ווי איז עס מיר פריהער ניט איינגעפאַלען? לאָמיר אַנטלויפען גלייך!

און וואָלט פּאַפּיאַל אין דיזער מינוט א קוק געטהאָן אויף איהר, וואָלט ער זיכער איבערראַשט געוואָרען פון דעם מאָדנעם שמייכעל, וואָס האָט איצט געשוועבט אויף איהרע ליפּען.

פּאַפּיאַל אליין האָט פאַר זיך אויסגעשטעלט א פּאַסטקע.

— נור ניט געאיילט זיך. — האָט ער זיך אָבגערופען — מיר האָבען גענוג צייט. לאָמי'ר עס פריהער גוט אַרומטראַכטען. אום צו אַנטלויפען דאַרף מען האָבען געלד און מיר האָבען ניט.

— איך וועל אביסעל געלד קריגען.

— ביי וועמען ?

— איך וועל לייהען ביי מיין מוהמע.

— אונטער וואס פאר אן אויסרייד ?

— דאס ווייס איך נאך ניט. איך וועל אויסטראכטען עפעס אן אויס־רייד. איך וועל איהר שרייבען אום אויפצונעהמען ביי אונז זשינערס'ן ווי געהעריג איז, מוזען מיר האבען א ביסעל געלד.

— ניט קיין נארישער איינפאל. — האט פאפיאל זיך אבגערופען.

— אויסער דעם קענען מיר געלד קריגען אויף אנאנדער אופן. — האט זי ווידער געזאגט.

— אויף וואס פאר אן אנדער אופן ?

— ביי אונז אין הויז איז דא זילבער ; מיין פאטער האט א גאלדענע אוהר, בריליאנטענע שפילקעס, א טהייערען בריליאנטענעם רינג...

פאפיאל האט זי אנגעקוקט מיט גרויסע אויגען.

— און דו ווילסט ? — האט ער ארויסגערעדט.

— יא, איך וויל דאס אלעס מיטנעהמען מיט זיך. — האט זי געענטפערט — בין איך דען ניט די טאכטער פון הויז ?

— מיין גאט, איך גלויב ניט מיינע אויערן ! — האט פאפיאל אויס־געשריען.

— ווי ? דו האסט מורא אפילו דאס צו טהון ? — האט זי געפרעגט.

— פאפיאל האט מיט התפעלות זי ארומגענומען.

— דאס איז אביסעלע געפעהרליך. — האט ער אויסגעשריען — מען קען אונז נאך כאפען. דו ריזיקירסט ניט, איך אבער...

— מען וועט אונז ניט כאפען. — האט זי זיך אבגערופען — בערעכען נור אליין. מיר אנטלויפען ביינאכט. באלד ווי דער פאטער געהט אוועק שלאפען. מיר זעצען זיך ארויף אויף די פערד און אין צוויי שטונדען ארום זיינען מיר שוין אין טולאן. נאך אין דעם זעלבען אבענד נעהמען מיר דעם צוג און פאהרען אוועק ווייטער... וואס ארט דיך, מען וועט אונז שוין ניט כאפען...

פאפיאל האט זיך פערטראכט, דאן האט ער ארויסגערעדט :

— דו ביזט זעהר קלוג, אראבעללא. מיר וועלען קענען אנטלויפען קיין

שפּאַניען... וויפיעל, דענקסטו, איז ווערטה דאָס זילבער מיט דיין פאטער'ס ציערונג אין גאַנצען?

— ארום צוועלף טויזענד פראַנק. — האָט זי געענטפּערט.

— עס איז אפילו אביסעל ווייניג, אבער אַנטלויפען מוזען מיר. — האָט ער געזאָגט.

זי האָט זיך א וואַרף געטהאָן צו איהם אויפ'ן האַלז.

— ווען אַנטלויפען מיר?

— ווען דו וועסט זיין פערטיג. — האָט ער געענטפּערט.

אין עטליכע שטונדען שפּעטער, ווען עס איז געוואָרען טאָג, איז אראַבעללאַ ארונטערגעקראָכען פון לייטער, האָט זיך פער'גנב'עטערהייט אריינגעכאַפּט אין הויז.

ווען זי איז אריין צו זיך אין צימער, האָט זי זיך אוועקגעשטעלט געגען שפּיעגעל און צו זיך געזאָגט מיט א שמייכעל:

— איך וועל זיין מאַדאַם זשינערס.

פיערצעהנטער קאַפּיטעל.

מען ריכט זיך אויפ'ן חתן.

אויף מאָרגען האָט דער אַלטער גוזעביאוס ערהאַלטען א בריעף פון זשינערס'ן, אז ער קומט אין א טאָג ארום. אין הויז האָט מען זיך גלייך א נעהם געטהאָן צו פוצען און ראַמען, צום קאָכען און באַקען לכבוד דעם גאַסט. מען האָט איבערגעביטען די פאָרהאַנגען אויף די פענסטער, מען האָט אָבגעשטויבט די מעבעל, און די דיענסטען און די דיענער פון הויף זיינען ארומגעלאָפען פערהאַוועט און פערסאָפּעט. דער אַלטער גוזעביאוס אַליין, אונטערשטיצט פון פּאַפּיאַל'ן, האָט איצט אויף דיזע פאָרבערייטונגען אכטונג געגעבען. ער איז געוועזען שטארק צופריעדען, וואָס זיין טאָכטער וועט הייראַטהען. דאַן וועט ער זיך מיט א רוהיגען קאָפּ קענען אָבגעבען צו זיינע ערפינדונגען. ער האָט וויעדער גענומען טראַכטען וועגען אויסלערנען מאָנקים די ערד בעאַרבייטען. פּאַפּיאַל האָט, געוועהנליך, איהם צוגעבאַמקעט

צו אַלעם, וואָס ער, דער אַלטער, האָט געזאָגט. נור איצט, טראַכטענדיג וועגען זיין אַנטלויפען מיט אַראַבעללאַ'ן, האָט זיך פּאַפּיאַל'ן פערגלוסט אַ לאַך צו טהון פון דעם אַלטען, און ער האָט גענומען איינרעדען איהם, אַז אַנשטאַט מאָנקים זאָל ער פּרובען אויסלערנען די בערען ווי די ערד צו בעאַרבייטען. דער אַלטער גוזעביאוס האָט איהם אויף דעם געענטפערט, אַז ער וועט וועגען דעם אַ טראַכט טהון.

דערווייל האָט אַראַבעללאַ פּאַרזיכטיג ארומגעטראַכט איהר פּלאַן.

און שפּעטער, ווען פּאַפּיאַל איז געשטאַנען אַליין אין גאָרטען, איז זי צו איהם צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— היינט ביינאַכט אַנטלויפען מיר.

פּאַפּיאַל האָט זי אָנגעקוקט מיט פערטראַכטע אויגען. דאַן האָט ער ארויסגערעדט:

— הייסט עס היינט? גוט. מיר וועלען פאָהרען קיין שפּאַניען אַלס ברודער און שוועסטער, אַזוי איז בעקוועמער. מיר וועלען זיך ארויסגעבען אַלס דאָן דאָמיננאָ און דאָנאַ אַראַבעללאַ. דיזע נעמען קלינגען זעהר גוט. איך וועל לערנען די שפּאַנישע שפּראַך און מיט דער צייט... דו וועסט שוין זעהן, דאָנאַ אַראַבעללאַ! אַלזאָ, אָבגעמאַכט. איצט טהו מיר אַ קוש, דאָנאַ אַראַבעללאַ!!

אַראַבעללאַ האָט איהם אַ קוש געטהאָן און געשמייכעלט.

אין הארצען איז זי אבער געווען אונרוהיג. צו שפּיעלען זיך אַזוי מיט דאָמיניק'ן איז געווען אַביסעל געפעהרליך. עס איז איהר דערווייל געלונגען איהם אָבצונארען, אבער דער מינדעסטער אונפּאָרזיכטיגער שריט האָט איהר געקענט דעם גאַנצען פּלאַן איבערפיהרען. זי האָט מיט אונגעדולד גענומען וואַרטען אויף די אָנקומענדע נאַכט.

אין דער זעלבער צייט איז סעבאַסטיאַן ארומגעגאַנגען אַ צומישטער. בלייך און פער'צרה'ט איז ער געזעסען ביי זיך אין צימער און געזיפצט. וואָס זאָל ער איצט טהון? אויף וואָס זאָל ער איצט האָפען אין זיין לעבען? מיט דעם געדאַנק וועגען אַראַבעללאַ'ס הייראַט האָט זיך פאַר איהם אַלעס געענדיגט. עס האָט זיך איהם געדאַכט, אַז די זון האָט זיך אויסגעלאָשען אויף אייביג, אַז דער הימעל איז שוואַרץ געוואָרען, די פייגעל זיינען פער־שטומט געוואָרען און די בלומען זיינען פערפאַרען געוואָרען. ער וואָלט

בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, ווען ניט דער געדאַנק, אַז דאָס וועט אפשר פער־ביטערן אַראַבעללאַ'ס לעבען. ער האָט ניט געוואָלט איהר לעבען פער־ביטערן. ער האָט זי געליעבט אויף זיין שטייגער, ריין, אונשולדיג, ווי נור אַזאַ יונגער מענש קען ליעבען.

פופצעהנטער קאַפּיטעל.

טריט אין דער שטילער נאַכט.

דעם זעלבען אבענד, ווען אַלע איינוואָהנער פונ'ם הויף האָבען שוין געהאַט געשלאָפען, האָט סעבאַסטיאַן, וועלכער האָט ניט געקענט איינשלאָפען, פּלוצים דערהערט אַ גערויש פון זעהר שטילע טריט אין קאָרידאָר און דאָס שאָרשען פון אַ קלייד. ער האָט זיך פערוואונדערט: וואָס איז עס? שוין־זשע איז אַראַבעללאַ נאָך ניט אין בעט? ער איז אַרונטערגעקראָכען פון זיין געלעגער, האָט שטיל געעפענט די טהיר און האָט דערזעהן פון וויטען אַ לאַנגע געשטאַלט, וועלכע האָט זיך גע'גנב'עט אַרום וואַנד פון קאָררידאָר. ער האָט גלייך אין איהר דערקענט אַראַבעללאַ'ן. ער האָט דערהערט ווי זי איז אַריין צו איהר פאָטער אין צימער, און דאַן איז ווידער געוואָרען שטיל.

אַראַבעלאַ האָט זיך טאַקע אַריינגע'גנב'עט צו איהר פאָטער אין צימער. אַ שוואַכעס ליכט פון לאָמפּ האָט בעלויכטען דאָס צימער. דער אַלטער גוזעביאוס איז געלעגען אויף זיין בעט און געשמאַק געשלאָפען. האָבען זיך איהם גע'חלומ'ט אפען, וואָס בעאַרבייטען זיינע פעלדער אַנשטאַט מענשען? אפשר. דען ער האָט געשמייכעלט. זיין מינע איז געווען אַ גוטע, אַ פרעהליכע, כמעט אַ יום־טום'דיגע.

ווען זי איז צוגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער צו איהר אַלטען פאָטער'ס בעט, האָט אַראַבעללאַ אויסגעזעהען, ווי אַ פרומע מאָנאַשקע.

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף זיינע הענד און אַרויסגעמורמעלט:

— דער רינג איז ניטאָ; וואו קען ער זיין?

זי איז צוגעגאַנגען צום שרייב־טיש, וועלכער איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל פון צימער, און האָט שטיל אַרויסגעשלעפּט די שופלאָדען איינעם

נאָכ׳ן אנדערען און נאָך א היבשער צייט זוכען איהם, האָט זי איהם ענדליך געפונען און האָט איהם אָנגעטהאָן זיך אויף א פינגער.

דער לעצטער שיפלאָד האָט א סקריפּ געטהאָן בעת׳ן צומאַכען.

— ווער איז דאָ? — האָט דער אַלטער גוזעביאוס געפרעגט פון שלאָף, ניט עפנענדיג די אויגען.

זי האָט ניט געענטפערט.

דער אַלטער האָט אומגעקעהרט דעם קאָפּ צו דער וואנד און איז ווידער איינגעשלאָפען.

אראבעללא איז נאָך ניט געווען פארטיג. ווען איהר פאָטער איז ווידער איינגעשלאָפען, האָט זי גענומען זיין וועסט, אָבגעטשעפּעט זיין גאָלדענע אוהר און האָט פערלאָזען דאָס שלאָפצימער. זי איז געווען זעהר רוהיג. פון שלאָפצימער איז זי אריין אין שפּייז־צימער. דאָרט איז שוין געזעסען פּאַפּיאָל מיט אן אָנגעפּאַקטען זאַק מיט זילבער. פּאַפּיאָל איז געווען שטארק אונרוהיג. על כל פנים איהם האָט די ערפאהרונג געלערנט, אז מען קען ניט זיין רוהיג, בעת מען בע׳גנב׳עט דעם צווייטען.

— נו? — האָט ער געפרעגט מיט מורא.

— איך האָב דעם רינג.

— גיב אַהער! און די אוהר?

— האָב איך אויך.

ער האָט גענומען דעם רינג און די אוהר און אַרונטערגעלאָזט אין טאַש פון זיין רעקעל.

— דאָס זילבער ליעגט אין זאַק. — האָט ער דאָן בעמערקט.

— הייסט עס, אז מיר זיינען פארטיג. — האָט אראבעללא זיך אָבגערופען — איצט פאָהרען מיר.

— רעד שטילער. — האָט ער ארויסגעשעפּצעט.

— זיי שלאָפען.

ער האָט זיך אויפגעהויבען, ארויפגעוואָרפען דעם זאַק מיט זילבער אויפ׳ן אַקסעל, אויסגעדרעהט דעם לאָמפּ און איז אַרויס פון צימער, בעגלייט פון אראבעללא׳ן.

ערשט ווען זיי זיינען אין גאָרטען אריין, האָט פּאַפּיאָל פריי אויפגעאָטהעמט. אראבעללא איז געווען רוהיג, ווי נאָך קיינמאָל אין איהר לעבען.

זיי זיינען צוגעגאנגען צום שטאַל. אראבעללא האָט געטראַטען פריי, ווי אין מיטען העללען טאָג.

— דו מאכסט צופיעל טומעל. — האָט ער ווידער ארויסגעשעפּצעט.

זי האָט ניט געענטפערט, נור א דריק געטהאָן מיט איהרע אַקסלען.

דיביידע פערד זיינען שוין געשטאנען אין שטאַל אָנגעזאָטעלטע.

זי האָט געוואָלט ארויפכאפּען זיך אויף איהר פערד.

— ניין! — האָט זי פּאפּיאָל אָבגעשטעלט — ווארט, מיר וועלען בעסער די פערד ארויספיהרען פון גאָרטען.

אראבעללא האָט אָנגענומען איהר פערד ביים צוים און האָט איהם ארויסגעפיהרט פון שטאַל. פּאפּיאָל מיט זיין פערד נאָך איהר.

דער הימעל איז געוועזן אויסגעשטערנט, ארום איז געווען שטיל.

זיי זיינען פאָרזיכטיג דורכגעגאנגען דעם גאָרטען און האָבען זיך אָבגעשטעלט ביים וועג, וואָס האָט געפיהרט צום וואַלד.

— נו, איצט שנעל! — האָט פּאפּיאָל זיך א כאַפּ געטהאָן, געהאָלפען אראבעללא'ן זיך זעצען אויף איהר פערד, האָט צוגעבונדען דעם זאַק מיט זילבער אויף זיין פערד, האָט זיך ארויפגעכאַפּט אויף איהם און אויסגעשריען:

— פאָרווערטס!

אין דיזער מינוט האָבען זיי פּלוצלונג דערהערט א פערצווייפעלטע שטימע:

— ניין, ניין! איהר וועט ניט אנטלויפען! אראבעללא, ווארט! איך וועל ניט לאָזען!...

— סעבאסטיאַן! — האָט אראבעללא ארויסגעשעפּצעט מיט שרעק.

סעבאסטיאַן איז פּלוצלונג ארויסגעשפּרונגען פון דער דונקעלהייט און האָט מיט פערצווייפלונג אָנגעכאַפּט די פערד פאַר'ן צוים.

—אנטלויפט ניט, אָדער איך הייב אויף א געוואַלד! — האָט ער אויסגעשריען.

אראבעלא איז פון שרעק ווי פערגליווערט געוואָרען אויף איהר זאָטעל. זי האָט געזעהן, ווי איהר פּלאַן פאַלט דורך.

פּאפּיאָל איז ארונטערגעשפּרונגען פונ'ם פערד. דערזעהענדיג פאַר זיך די געפאַהר, האָט ער ווידער געפונען זיין ענערגיע. ער האָט א כאַפּ

געטהאָן סעבאַסטיאַנען פאַר די אָרעמס און האָט איהם אוועקגעטראָגען צווישען די בוימער, ווי אַ קינד.

און באַלד האָט די צושראָקענע אַראבעללאַ דערהערט די צומישטע שטימע פון סעבאַסטיאַנען און פּאַפּיאָל׳ן. זיי האָבען זיך געראַנגעלט אין דער דונקעלהייט ניט ווייט פון דעם פּלאַץ, וואו די פערד זיינען געשטאַנען. זי האָט אונטערשיידעט פּאַפּיאָל׳ס ווילדען, צורייצטען קול: „עלענדער שווייג!“ און סעבאַסטיאַן׳ס פערשטיקטע שטימע: „העל־ל־פּ־פּ־ט“! דאַן האָט זי דערהערט ווידער אַ פערשטיקטען געשריי און אַ דומפּפען פאַל פון אַ קערפּער. נאָכדעם איז ווידער שטיל געוואָרען.

און באַלד איז פּאַפּיאָל ווידער צוגעגאַנגען צו זיין פערד און עס איז מורא׳דיג געווען אָנצוקוקען ווי ער האָט אויסגעזעהן: מיט צושויבערטע האָאר און מיט ווילדע, צוברענטע אויגען.

ער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיין פערד.

— וואָס האָט איהר געטהאָן? — האָט זיך ביי אַראבעללאַ ארויסגעריסען.

פּאַפּיאָל האָט איהר געענטפערט מיט אַ צייהן־קריצעניש, האָט אָבער איהר גאָרניט געענטפערט.

זיי האָבען אַ טרייב געטהאָן די פערד.

— מיין גאָט! מיין גאָט! — האָט אַראבעללאַ געמורמעלט, ניט וויסענדיג אַליין, וואָס זי רעדט.

פּאַפּיאָל האָט אויסגעשריען:

— טרייב ניט אַזוי דיין פערד, מיינער קען איהם ניט נאָכהאַלטען.

דאַן איז געוואָרען שטיל. זיי האָבען ניט געוואָגט צו קוקען איינער אויפ׳ן אַנדערען. זיי האָבען זיך צוגעבויגט צו די העלזער פון זייערע פערד; פּאַפּיאָל האָט זיינעם ניט אויפגעהערט צו שמייסען און צו טרייבען.

זעכצעהנטער קאַפּיטעל.

בעפרייט.

אַראבעללאַ האָט זיך געסטאַרעט צו קומען צו זיך אין דעם דאָזיגען

וויר־וואר פון שרעק און מורא. סעבאסטיאן איז געווען טויט! זיין ערמאָר־דעטער קערפּער איז געלעגען ערגעץ דאָרט הינטער די ביימער. זי איז די שולד פון זיין טויט, זי!

עס איז איהר געוואָרען זעהר מורא'דיג, און עטליכע מאָל האָט זי זיך אומגעקוקט אהינטער, אום צו זעהן, אויב ער לויפט ניט הינטער זיי.

וואָס זאָל זי איצט טהון? דאָרט הינטער איהר איז געלעגען איהר פערברעכען אין א טייך בלוט; זי האָט זיך געשראָקען פאַר איהר פערברעכן; עס האָט זיך געמאָהלט פאַר איהר אין די שווידערליכסטע פאַרבען; איהר האָט זיך געדאכט, אז איהר גאַנץ לעבען איז פערשלונגען געוואָרען פון א טיעפען און א בלוטיגען זומפּ. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט זי אינ־סטינקטיוו געפיהלט, אז ערשט איצט קען זי בעפרייט ווערען פון פּאַפּיאָל'ן אויף אייביג, ווייל איצט איז ער ניט נור א גנב, נור א מערדער אויך און ער וועט געצוואונגען זיין צו אנטלויפען ערגעץ אין אנאנדער לאַנד.

אין א ווייל ארום האָט זי פאַר זיך קלאָר דערזעהן, אז איהר פּלאַן איז איהר געלונגען. זי וועט א טרייב טהון איהר פערד צוריק אהיים און פּאַפּיאָל וועט ניט וואגען איהר נאָכצויאָגען.

וועהרענד דיזע געדאנקען האָבען געטומעלט אין איהר קאָפּ, זיינען זיי ארויסגעפאָהרען פונ'ם וואלד און האָבען זיך גענומען טראָגען איבער די פעלדער.

— פליהט ניט אזוי! — האָט פּאַפּיאָל איהר נאָכגעשריען — מיין פערד פערליערט דעם אָטהעם.

פלוצלונג האָט זי אויסגעקירעוועט איהר פערד און האָט איהם גענומען יאָגען.

— וואוהין פאָהרסטו? — האָט פּאַפּיאָל אויסגעשריען.

זי האָט איהם ניט געהערט און איז געפלויגען אַלץ ווייטער און ווייטער.

— איך פערשטעה. — האָט ער אויסגעשריען ווילד — איך וועל דיך ערמאָרדען! אראבעללא וואַרט! אראבעללא, אנטלויף ניט!

און ער האָט גענומען טרייבען זיין פערד נאָך איהר. זיין פערד, וועלכער האָט דערזעהן פאַר זיך דעם וועג אהיים, האָט צונויפגענומען אַלע זיינע קרעפטען און האָט זיך גענומען שנעל יאָגען. באַלד, דאכט זיך, האָט ער אנגעיאָגט אראבעלא'ס פערד.

— שטעה! — האָט פּאַפּיאָל געשריען ווילד און צורייצט, און אַרויס־ גענומען אַ רעוואָלווער פון טאַש — איך וועל שיסען!

אַראַבעללאַ האָט פערצווייפעלט גענומען שמייסען איהר פערד, וועלכער האָט זיך ווי אַ ווילדער גענומען טראָגען. פּאַפּיאָל'ס פערד איז אַלץ ווייטער געבליעבען אַהינטער אַראַבעללאַ'ס פערד. דאַן איז אַראַבעללאַ אין גאַנצען פערשוואונדען פון פּאַפּיאָל'ס אויגען...

פּאַפּיאָל האָט אָבגעשטעלט זיין פערד.

— פערפלוכט! — האָט ער אַרויסגעשפּצעט — איך בין איצט פער־ לאָרען! אַראַבעללאַ, איך שווער, אַז דו ביזט נאָך ניט פאַרטיג מיט מיר!

ער האָט אויסגעקירעוועט זיין פערד און גענומען פאָהרען צוריק מיט דער אַבזיכט צו אַנטלויפען.

זיעבצעהנטער קאַפּיטעל

סעבאַסטיאַן נעבעך.

עס איז שוין געווען אַרום צעהן אין דער פריה אויף מאָרגען, ווען אַראַבעללאַ האָט איהר צימער פערלאָזען. זי האָט זייט נעכטען מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

זייט עס איז טאָג געוואָרען האָט זי זיך צוגעהערט צו דעם גערויש אויפ'ן הויף און אין גאָרטען. זי האָט ערוואַרטעט, אַז יעדע מינוט וועט זי דער־ הערען אַ געשריי, אַ טומעל. אַ דיענער וועט בעמערקען, אַז די ביידע פערד זיינען פערשוואונדען, וואָרום זי האָט איהר פערד אויך איבערגעלאָזט אין וואַלד ניט ווייט פונ'ם הויף, ווייל זי האָט געוואָלט אָנקומען אַהיים אָהן גערויש. דאָס מיידעל מאַריעטטאַ וועט אויפהייבען אַ געוואַלד, אַז מען האָט דאָס זילבער אוועקגעגנב'עט. איהר פאַטער וועט זיך כאַפּען, אַז זיין רינג און זייגער פעהלען. דאַן וועט מען אין וואַלד געפינען סעבאַסטיאַן'ס קערפּער.

דאָך איז געווען אַלעס אַרום שטיל. גאָרנישט אונגעוועהנליכעס האָט ניט פּאַסירט. מאַריעטטאַ איז אַרוים נאָך וואַסער, די אַנדערע דיענער און

דיענסטער האָבען זיך רוהיג געטהאָן זייער ארבייט ווי געוועהנליך, דער אַלטער גוזעביאוס איז זיך רוהיג געשטאַנען אין גאָרטען. איבערראשט און אונרוהיג פון דער דאָזיגער ארומיגער רוהיגקייט, האָט אראבעללא בעשלאָסען צו פערלאָזען איהר צימער און קוקען גלייך אין די אויגען אַלעם און אַלעמען.

און זי איז אַרויס פון איהר צימער מיט רוהיגע אויגען און מיט אַ מילדען שמייכעל אויף די ליפּען.

צוערשט איז זי אַרויף אויפ׳ן גאַניק. דער הימעל איז געווען אַזוי שעהן און העל, אַקורא ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט. די בלומען אין גאָרטען, די פייגעלעך — אַלע און אַלעם האָבען אויסגעזעהען ווי נעכטען, ווי פאָר־געסטערן, אַקוראט ווי אָט דאָ ניט ווייט וואָלט קיין פערברעכען די נאַכט ניט בעגאַנגען געוואָרען...

— ווארום איז אַזוי שטיל, אַזוי רוהיג? — האָט זי אַ טראַכט געטהאָן. און עס איז איהר געוואָרען קאַלט אונטער דעם זוניגען, שעהנעם, ווארימען און רוהיגען הימעל.

דאַן איז זי אַריין אין שפּייז־זאַאל און האָט געטראָפען איהר אַלטען פאַטער.

— גוט מאָרגען, אראבעללא. — האָט ער זי בעגריסט און אַ קוש געטהאָן איהר אין שטערען.

ער איז געווען אַזוי רוהיג, ווי געוועהנליך.

— איך האָב היינט אָוועקגעשריעבען אַ בריעף אין פּאַריז צום אויפ־זעהער פון דעם דאָרטינגען טהיערגאַרטען וועגען מאַלפּען, אפּפען. דאָמיניק האָט עס מיך געראַטהען. אַ קלוגער יונגערמאַן. קיינער פערשטעהט ניט אַזוי גוט מיינע פּלענער, ווי אָט דער דאָזיגער דאָמיניק.

ער האָט היינט אויך גערעדט וועגען פּאַפּיאָל׳ן אין דעם געוועהנליך פריינדליכען טאָן.

זי האָט אַ קוק געטהאָן אויפ׳ן טיש; ער איז געווען געדעקט מיט זילבערנע כלים. פּאַפּיאָל, אום מען זאָל זיך ניט אַזוי גיך כאַפּען צו דער גנבה, האָט איבערגעלאָזען די פריהשטיק כלים אויף זייער אָרט.

דיזע גאַנצע רוהינקייט ארום איהר האָט זי נערייצט און אויפגערעגט. דאָס האָט געמוזט נעהמען אַ סוף. זי האָט געוואָלט איין מאָל פאַר אַלע מאָל

איבערקומען דעם טומעל, דעם ליארם און דעם שרעק ארויסרופען די מעשים פון נעכטיגען אבענד און זי האט זיך געווענדעט צו איהר פאטער:

— פאטער, וואו איז דיין אוהר?

— זעץ זיך, און מיר וועלען עסען פריהשטיק. — האט ער געענטפערט. זי האט זיך אוועקגעזעצט.

— מאריעטא וועט אונז היינט בעדיענען, ווארום דאמיניק האט הפנים אוועקגעפיהרט די פערד שמידען. — האט ער זיך ווידער אבגערופען.

דאס אלזא האט דער אלטער געמיינט, ווען מען איז איהם געקומען זאגען, אז אי דאמיניק און אי די פערד זיינען פערפאלען געווארען.

— פאטער, — האט זי פלוצים אויסגעשריען, אנקוקענדיג איהם מיט אויגען פול שרעק און מורא — פאטער, און וואו איז סעבאסטיאן?

סעבאסטיאן וועט היינט ניט ארונטערקומען צו פריהשטיק. — האט ער געענטפערט — ער האט געשיקט זאגען, אז ער פיהלט זיך ניט גוט. ער איז טרויעריג און וויל בלייבען ביי זיך אין צימער. דער ארימער איינגעל, זאלען מיר איהם לאזען צורוה.

אראבעללא'ס אויגען זיינען געווארען נאך גרעסער. וואס טהוט זיך דא? וואס הערט זי? סעבאסטיאן איז אין זיין צימער? ער האט געשיקט זאגען, אז ער קען ניט ארונטערקומען צום פריהשטיק? וואס איז עס? אדער איז איהר פאטער משוגע, אדער זי אליין האט איהר פערשטאנד פערלארען! זי האט זיך געפרעגט, אויב זי שלאפט ניט, אויב זי חלום'ט ניט. אדער אפשר האבען זיך איהר גאר די אלע שרעקען פון דער פערגאנגענער נאכט נור גע'חלום'ט? זי האט ניט געקענט פערשטעהן און איז געבליעבען צוטומעלט, צומישט, מיט אויגען, אין וועלכע עס האבען זיך אבגעטונקט שרעק, מורא און פערוואונדערונג.

— ווארום עסטו ניט, אראבעללא? — האט זיך דער פאטער צו איהר געווענדעט — וואס זעהסטו עפעס אוים אזוי היינט צוטראגען? דו דענקסט שוין וועגען דיין פערהייראטהען לעבען מיט זשינערס'ן? היינט וואס וועט שוין שפעטער זיין?

ער איז זעהר צופריעדען געוועזן פון זיין וויץ און האט גערעדט ווייטער:

— ווען איך וועל איהם האבען פאר אן איידעם, וועל איך איהם קענען

פעראינטערעסירען אין מיינע ענטדעקונגען. דאן וועל איך לייכטער קענען אויספיהרען מיין גרויסען פלאן מיט די אפען.

אין דיזער צייט איז מאריעטטא אריינגעקומען אין צימער.

— גנעדיגע פריילין, — האט זי זיך געווענדעט צו אראבעללא'ן — הערר סעבאסטיאן...

— אט דא קומט די בשורה! — האט זי א טראכט געטהאן, א צאפּעל טהוענדיג זיך מיט'ן גאנצען קערפער.

— הערר סעבאסטיאן האט מיך גערופען, ווען איך בין זיין צימער פארבייגעגאנגען. — האט מאריעטטא גערעדט ווייטער.

אראבעללא האט זיך אויפגעהויבען פון ארט אין איהר גאנצען וואוקס; זי האט דערפיהלט, ווי איהרע האאר אויפ'ן קאפ האבען זיך אויפגעשטעלט. זי האט געקוקט דא אויף מאריעטטא'ן, דא אויף איהר פאטער, און דא אויף זיך אליין אין שפיעגעל. זי איז געווען צוטומעלט.

— ער האט מיך געבעטען — האט מאריעטטא גערעדט ווייטער — צו זאגען דער גנעדיגער פריילין, אז ער וויל אייך זעהן. ער קען ניט ארונטער־קומען, ווייל ער פיהלט זיך ניט גוט. ער בעט די גנעדיגע פריילין אריינגעהן צו איהם.

— געה, געה, מיין טאכטער צו איהם. — האט דער אלטער גוזעביאוס זיך אבגערופען — פּרוביר דו איהם טרייסטען, דעם גוטען יונגעל. ער איז פערליעבט אין דיר, ווי מיר שיינט. איך אליין וועל ארויסגעהן אין דרויסען; הער זשינערם וועט מסתמא באלד אנקומען. וואס דענקסטו וועגען דעם, מאדאם זשינערם? — האט ער צוגעלעגט מיט א שמייכעל.

ארבעלא צומישט און צוטומעלט, האט גענומען געהן מיט לאנגזאמע טריט צו דער טהיר מיט אויגען, ווי ביי א נאכטוואנדלערין.

זי איז ארויס פון טהיר און גענומען געהן אויף די טרעפּ, וואס האבען געפיהרט צו סעבאסטיאן'ס צימער. זי האט דערהערט א שטילען קרעכצען, האט זיך אבגעשטעלט און צוגעהערט. דאס קרעכצען האט זיך געטראגען פון סעבאסטיאן'ס צימער.

— גאט מיינער! גאט מיינער, איך וועל משוגע ווערען! האט זי ארויסגעשעפּצעט, דערקענענדיג סעבאסטיאן'ס שטימע — וואס איז עס — א חלום? האט זיך מיר אלעם גע'חלומ'ט, אדער איך חלום איצט?

זי האָט זיך אַליין אַ ריס געטהאָן ביים אָרעם — עס האָט איהר וועה געטהאָן, הייסט עס, זי שלאָפט ניט? היינט וואָס איז דאָס פאַרט? זי ווייסט דאָך זיכער, אז סעבאסטיאַן איז ערמאָרדעט. זי איז דאָך אַליין דערביי געוועזן!

זי איז אריין אין זיין צימער האַלב משוגע און האָט דערזעהן סעבאסטיאַנען אויפ'ן בעט.

אָבער ווי ער האָט אויסגעזעהן, דער אָרימען סעבאסטיאַן! בלייך, אָהן אַ טראָפּען בלוט אויף די באַקען, און מיט אויגען, ווי ביי אַ טויטען.

ביי אראבעללאַ'ן האָט זיך ארויסגעריסען אַ פערצווייפעלטער געשריי.

— שטיל, אום גאָטעס ווילען! — האָט ער געזאָגט מיט אַ שוואכער שטימע— זעצט זיך דאָ נעבען מיר אויפ'ן בעט. איך קען ניט הויך רעדען. אַלזאָ, איהר האָט זיך צוריקגעקעהרט? אַזוי איז גוט... איך האָב פריהער קיין טעות ניט געהאַט, ווען איך האָב דערקענט אייער שטימע. און ער? איז ער אוועק? אויך גוט. זעצט זיך צו. איך מוז מיט אייך רעדען.

און, פאָלגענדיג איהם און ציטערנדיג פון שרעק, האָט זי זיך אוועק־געזעצט אויפ'ן ברעג בעט נעבען קראַנקען.

— ווי, איהר וואונדערט זיך וואָס איך בין דאָ? איהר האָט אודאי געמיינט, אז איך בין שוין דאָרט אין וואַלד פערבליעבען. איך בין טאקע דאָרט לאַנג געלעגען, די גאנצע נאכט. ערשט מיט'ן אָנקומען פון טאָג בין איך געקומען צו זיך. אין גאַנצען האָט מען מיך ניט ערמאָרדעט.

און דאַן איז אראבעללאַ געקומען צו זיך און גלייך איז איהר קלאָר געוואָרען איהר לאַגע. סעבאסטיאַן לעבט; ער ווייס אַלעס; ער וועט רעדען, דער צעהלען...

זי האָט ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, ווי פון אַ שווערער לאַסט געדריקט, און איהרע הענד אויףביידע זייטען פון בעט האָבען שלאַף ארונטערגעלאָזט זיך.

— איך בין פערלאָרען. — האָט זי ארויסגעמורמעלט.

— ניין. — האָט ער געזאָגט.

זי האָט איהם אָנגעקוקט.

— הערט נור, — האָט ער ווידער אָנגעהויבען מיט זעהר אַ שוואכער שטימע — דעם מעסער האָט די מערדער האַנד מיר אריינגעשטאָכען אָט דאָ

אונטער'ן שולטער גענען הארצען. איך האב דעם מעסער אין וואונד געלאזען; זעהסט.

ער האט מיט א פערשטיקטען קרעכצען, קוים רִיהרענדיג מיט דער האנד, געעפענט זיין פערבלוטיגטע העמד, און אראבעללא האט דערזעהן א מעסער שטעקען אין זיין ליֵיב טיעף ביז'ן קלינגעל.

אראבעללא איז אויפגעשפרונגען און האט זיך גענומען טרייסלען ווי א בלאט.

— איך האב דעם מעסער אין וואונד געלאזען, — האט ער ווייטער גערעדט מיט א פערלאשענער שטימע — ווייל איך האב נאך אייניגע שטונדען געוואלט לעבען. ווען איך בין געקומען צו זיך און האב דערזעהן, אז איך לעב נאך, בין איך געווארען שטארק פערצווייפעלט. איך בין נאך פריהער געווען אונגליקליך, איידער איך האב זיך דערוואוסט דאס, וואס איך האב זיך דיזע נאכט דערוואוסט. איהר קענט זיך שוין אליין פארשטעלען, וואס פאר א יסורים איך האב פון דעם געליטען. אך, אראבעללא, איהר זייט דאמיניק'ס געליעבטע, איהר? ! איהר האט מיט איהם געוואלט אנטלויפען! ווי איז עס מעגליך? ווי אזוי האט עס געקענט פאסירען? אבער, אבער, פערצייהט — האט ער ארויסגערעדט, דערזעהנדיג, אז אראבעללא וויינט — ענטשולדיגט, איך וויל אייך ניט וועה טהון, אבער... אבער... ווארום האט ער מיך אין גאנצען ניט ערמארדעט...

אראבעללא האט געוויינט מיט אמת'ע טרעהרען, הערענדיג איהם.

— א דאנק פאר אייער סימפאטהיע, — האט ער זיך ווידער אבגערו־פען שווער אטהמענדיג — דאך, וויינט ניט, איהר וועט מיר אוועקנעהמען די לעצטע קרעפטען, וואס איך דארף, אום זיך אויסצורעדען פאר אייך.

ער איז אויף א ווײלע אנשוויגען געווארען און האט זיך געסטארעט צונויפצונעהמען אלע זיינע קרעפטען.

— ווען איך בין געקומען צו זיך, — האט ער ווייטער גערעדט — האב איך בעדויערט פארוואס מען האט מיך אין גאנצען ניט ערמארדעט. דאך איז מיר איינגעפאלען, ווען איך זאל זיך קענען דערשלעפען אהער, איידער די מענשען אין הויף האבען אויפגעוואכט, וועל איך אייך קענען ראטעווען פון דער בעשולדיגונג, אז איהר האט געהאלפען יענעם מיך צו ערמארדען. איך האב זיך דערשלעפט אהער, איידער די מענשען האבען זיך נאך אויפ־

געכאפּט פון זייער שלאָף, האָב זיך אוועקגעלעגט אויפ'ן בעט, אום לייכטער צו שטאַרבען. איך האָב עטליכע ווערטער אָנגעשריעבען אויף פּאַפּיער, וואָס ליעגט דאָ ביי מיר צוקאָפּענס. נעהמט עס, איך האָב קיין קרעפטען זיך אַ ריהר צו טהון.

אראבעללא האט ארויסגעשלעפּט א צונויפגעלעגט פּאַפּיער פון אונטער זיין קישען.

—לעזט עס איבער. — האט ער ארויסגעשעפּצעט.

זי האָט איבערגעלעזען די פאָלגענדע צייליען, וואָס זיינען אָנגעשריעבען געוועזען מיט א ציטערנדער האנד:

„פערצייהט מיר, אראבעללא, ווען איך האָב דורך מיין זעלבסטמאָרד פערפינסטערט די שעהנע, ליכטיגע טעג, וואָס ערוואַרטען אייך, ווערענדיג די כלה פון הערר זשינערס. פערגעסט מיך. די גאנצע וועלט מעג יענעם פערגעסען, וועלכען קיינער, קיינער ליעבט ניט, און זאָל מיין טויט אייער לעבען ניט שטערען. איך ווייס וואויל, אז איך, אום מיין ענטשלוס, צו טויטען זיך, אויסצופיהרען, האָב פריהער געדארפט אוועקפאָהרען פון דאנען ערגעץ אין א ווייטע שטאדט, וואו קיינער ווייסט מיך ניט, וואו קיינער קען מיך ניט און שטארבען דאָרט אזוי עלענד און פערלאָזען, ווי מיין גאַנץ לעבען איז געוועזען. אָבער איך האָב קיין מוטה ניט געהאט צו שטאַרבען ווייט פון אייך. פערצייהט מיר דיזע שוואכקייט. מיין ליעבע צו אייך איז מיין ענטשולדיגונג. איך בעט אייך, צו ענטשולדיגען מיך פאר אייער פאטער און פאר טאנטע ארמאנדע. די איינציגע זאך וואָס איהר קענט טהון פאר מיר איז: בעגראָבען מיך אין גאָרטען, וואו איהר פלעגט ליעב האָבען צו זיצען, און וואו איך האָב אזוי פיעל געטרוימט פון אייך."

אראבעללא האָט זיך אויפגעהויבען און אויסגעשריען:

— ניין, ניין,איהר וועט ניט שטארבען! איך נעהם ניט אייער אָפּפער. איהר זייט א מלאך און איך בין א טייפעל. מען וועט אייך רעטען און איהר וועט דעם גאנצען אמת זאָגען. איהר מוזט זאָגען. זאָל מען מיך פערקלאָגען און בעשטראָפען. אזוי דארף זיין, אזוי וויל איך, און איך פערדיען עס! איך בין געוועזען די געליעבטע פון א דיענער, פון א וואגאבונד; איך בין שולדיג אין דעם מאָרד. זאָל מען מיך טויטען. אבער איהר, איהר מוזט לעבען!

און זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו דער טהיר און געוואָלט אויפהייבען אַ גוואלד.

— איך פערוועהר אייך וועמען־עס־איז אריינצורופען. — האָט סעבאַסטיאַן זיך אָבגערופען כאָרכלענדיג — זעצט זיך ווידער אַוועק נעבען מיר; איך זאָג אייך, אַז איך שטאַרב, און קיינער און גאָר ניט קען מיר שוין מעהר ניט העלפען. איהר וועט זיך אַליין אונגליקליך מאַכען, מיר אבער וועט איהר גאָר ניט העלפען. ווען איך וועל זיין טויט, וועט מען דיזען בריעף געפינען, און דאָס וואָס איך זאָג אין דיזען בריעף, איז האַלב אמת: וואָרום איך האָב שוין געהאַט פריהער בעשלאָסען מיך צו טויטען. איצט האָט מען מיר פערשפּאָרט דאָס אַליין צו טהון. איהר וועט מיך אביסעלע בעקלאָגען, און דאָס פרעהט מיך.

און אראַבעללאַ איז געשטאַנען פאַר איהם און זיך געמוטשעט: ווי אזוי האָט זי ביז איצט ניט פערשטאַנען זיין גאָלדענע הארץ.

— וואָס מיך פרעהט בעזאָנדערס, — האָט סעבאַסטיאַן זיך ווידער אָבגערופען — איז דאָס, וואָס איהר האָט זיך צוריקגעקעהרט אהיים און וואָס יענער וועט דאָ מעהר ניט זיין. ער וועט שוין דאָ מעהר ניט זיין, ניט אמת?

— יאָ! — האָט זי געענטפערט.

— אויב אזוי קען איך רוהיג שטאַרבען... איהר וועט זיין גליקליך... איהר וועט הייראַטהען זשינערס'ן און וועט גליקליך זיין... איצט האָב איך אַלעס געזאָגט, וואָס איך האָב געדאַרפט. איהר קענט געהן. איך לייד אביסעל, איך פיהל מיין טויט.

זיין שטימע איז פערשטיקט געוואָרען, און אין זיינע אויגען האָבען זיך אָבגעמאָהלט זיינע טיעפע ליידען.

— סעבאַסטיאַן! סעבאַסטיאַן! — האָט זי זיך פּלוצלונג אַ וואָרף געטהאָן צו איהם מיט פערצווייפלונג אין קול — מיין ברודער, מיין פריינד, לעבט, לעבט! איהר מוזט לעבען! פערצייהט מיר! איך ליעב אייך! איך שטעל זיך פאַר אייך אויף די קניע!

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קניע נעבען בעט און אויס־געשטרעקט איהרע אָרעמס צום שטאַרבענדען:

—אָה, סעבאַסטיאַן, שטאַרבט ניט! ווען איהר קענט נאָך האָבען

מיטלייד מיט מיר נאָך אַלעס, ווען איך האָב אייך געטהאָן, דאַן בעט איך אייך ניט צו שטאַרבען, וואָרום איך וועל מיין גאַנצען לעבען אונגליקליך זיין. לאָזט מיך שיקען נאָך אַ דאָקטאָר, מען וועט אייך רעטען, איך ליעב אייך, סעבאַסטיאַן!

זי האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר די הענד און זיי געכאַפּט קושען.

פּלוצים האָט זיך דער שטאַרבענדער אויפגעזעצט אויף זיין געלעגער און, אָנקוקענדיג זי מיט גליקליכע אויגען, האָט ער ארויסגעשטאַמעלט:

— איך דאַנק! איך דאַנק!...

דאַן האָט ער ארויסגעצויגען דעם מעסער פון זיין וואונד, האָט אַ פאַל געטהאָן צוריק אויפ׳ן קישען און, אָנקוקענדיג זי מיט אַ ווייכען, מילדען שמייכעל, האָט ער אַ טיעפען זיפץ געטהאָן, און זיינע אויגען פערגלעזערטע, אָהן פייער, האָבען געקוקט אויף אַראַבעללאַ׳ן.

זי האָט איהם אַ כאַפּ געטהאָן פאַר די הענד — זיי זיינען קאַלט געווען. זי האָט צוגעלעגט איהר אויער צו זיין האַרץ — עס האָט ניט געקלאַפּט. זי האָט איהם מיט אַ פערשטיקטען יאָמער גענומען רופען: „סעבאַסטיאַן! סעבאַסטיאַן!“ ער האָט זי ניט געהערט, זיך ניט אַ ריהר געטהאָן.

— טויט! איך האָב איהם ערמאָרדעט! — האָט זיך ביי איהר ארויס־געריסען אַ פערצווייפעלטער קרעכץ, און זי איז צוגעפאַלען צו איהם און האָט איהם געקושט, געקושט אויף זיינע ווייסע, גלעזערנע, אויסגעלאָשענע אויגען און אויף זיינע קאַלטע, טויטע ליפּען.

אכטצעהנטער קאַפּיטעל.

זשינערס קומט.

אין אַ ווילע ארום האָבען זיך דערהערט פיעל שטימען פון גאַרטען.

— גנעדיגער הערר, ער קומט! מען זעהט איהם שוין אויפ׳ן בערגעל — אין אַ צעהן מינוט איז ער דאַ!

אַראַבעללאַ, וועלכער איז געלעגען איבער סעבאַסטיאַן׳ס טויטען קערפּער, האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— הערל זשינערס, — האט זי א טראכט געטהאן — מיין חתן!

זי האט ווידער אקוקט געטהאן אויפ'ן טויטען קערפער.

— וואס זאל זי איצט טהון?

זי האט זיך פערטראכט, דאן פערבראכען די הענד, און נאכדעם זיך אויפגעהויבען פון ארט.

זי האט ווידער א קוק געטהאן אויף סעבאסטיאן'ס טויטען קערפער, האט איהם א קוש געטהאן אויפ'ן שטערען, האט אוועקגעלעגט זיין בריעף נעבען איהם אזוי, ער זאל זיך גלייך ווארפען אין די אויגען, און איז ארויס פון צימער.

זי איז ארויסגעגאנגען אין קארידאר, ווי א צומישטע.

וואס זאל זי איצט טהון? ווי זאל זי זיך איצט האלטען? זי וועט מוזען ארויסווייזען פריינדליכקייט דעם גאסט, איהר חתן; זי וועט מוזען צו איהם שמייכלען, ווען איהר נשמה בלוטעט! אך, ווארום קומט ער היינט, ווארום?! ווי קען זי איבערהויפט קוקען מענשען גלייך אין די אויגען, זי פאפיאל'ס פריהערדיגע געליעבטע, זי א מערדערין!!

אין דיזער מינוט האט זי ערנסט געוואלט שטארבען, פון דער וועלט פערשווינדען, ניט זעהן קיין מענשען, ניט קוקען אויף די ליכטיגע שיין פון דער וועלט.

זי איז אריין צו זיך אין צימער. אפשר זאל זי זיך אומברענגען? דאן וואלט זי אזוי ניט געליטען...

— אוי, וואס האב איך געטהאן? וואס האב איך געטהאן? — האט זי זיך פערצווייפעלט צוזאמערט, ווארפענדיג זיך אויף איהר בעט — איך בין אין גאנצען פערשמוצט, אין גאנצען, אין גאנצען!

זי האט איינגעגראבען איהר פנים אין קישען, האט געוויינט פערשטיקט און ליידענשאפטליך און אויפגעציטערט מיט די אקסלען.

אזוי איז זי געלעגען א היבשע ווילע. פון הויף האט זיך געטראגען א טומעל און געפילדער.

פלוצים איז אריינגעלאפען צו איהר אין צימער דער אלטער גוזעביאוס א בלייכער און א צושראקענער.

— אראבעללא! — האט ער אויסגעשריען — וואס ליעגסטו דא? איך בין בע'גנב'עט!

אראבעללא האט זיך ניט א ריהר געטהאן, האט געשטיקט איהרע שלוכצען אין קישען.

— אראבעללא, וואס האסטו זיך אוועקגעלעגט? — האט דער אלטער פאטער ווידער אויסגעשריען — גאט מיינער, וואס טהוט זיך דא? איך בין בע'גנב'עט, הער זשינער'ס קומט און זי קימערט זיך גאר ניט וועגען דעם. גאר נישט ארט איהר ניט, גאר נישט... רעד איך צו איהר וועגען מיינע ערפינדונגען, וויל זי ניט הערען... אראבעללא, איך בין בע'גנב'עט, דיין חתן קומט, שטעה אויף!

און מיט אמאל האט אראבעללא זיך א כאפ געטהאן פון בעט, ווי א משוגענע, האט אנגעקוקט איהר אלטען פאטער מיט פערשטערטע אויגען און אויסגעשעפצעט:

— דו, דו, נור דו!...

דער אלטער האט זי אנגעקוקט מיט זיינע צוטראגענע אויגען.

— וואס איך?

— נור דו ביזט אין דעם שולדיג, נור דו. — האט זי ווידער ארויס־געשעפצעט, קוקענדיג אויף איהם אלץ מיט איהרע פערשטערטע אויגען — ווען דו וואלסט געווען א פאטער, ווי אלע, וואלסטו מיך ניט געלאזט אויס־וואקסען אזוי; דו וואלסט מיך געלערנט, דו וואלסט מיך ערצויגען... פאטער — האט זי זיך פלוצים צוואויינט אזוי רחמנות'דיג — איך וויל ניט לעבען, איך וויל ניט לעבען!

דער אלטער גוזעביאוס האט זי אנגעקוקט מיט גרויסע צושראקענע אויגען.

— מיין קינד, מיין טאכטער, — האט ער ארויסגעשטאמעלט — איך פערשטעה ניט...

— דו פערשטעהסט ניט, הא? — האט אראבעללא היסטעריש אויס־געשריען, און ארונטערגעשפרונגען פון בעט און, אנכאפענדיג איהם פאר א האנד און ציטערנדיג מיט'ן גאנצען קערפער, האט זי ארויסגעקרעכצט:

— פאטער, האב מיטלייד מיט מיר, העלף מיר שטארבען, איך אליין האב ניט קיין מוטה אויף דעם!

דער אלטער גוזעביאוס האט זיך א צאפעל געטהאן: איהם איז איינ־געפאלען, אז זי האט זיך פון זינען געריהרט.

— מיין טאָכטער, גאָט איז מיט דיר, — האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט — בערוהיג זיך, דיין חתן קומט באַלד.

— איך וויל איהם ניט זעהן, איך קען איהם ניט זעהן. — האָט זי זיך ליידענשאַפטליך צואוויינט — פאַטער, איך בין אַזוי שמוציג און אַזוי העסליך, און אַזוי פערדאָרבען, אַז איך טאָר ניט קוקען אַן עהרליכען מענשען גלייך אין די אויגען. וויסטו, אַז סעבאַסטיאַן איז טויט?

דער אַלטער גוזעביאוס האָט זי אָנגעקוקט אַלץ מעהר און מעהר פערוואונדערט.

— וואָס רעדסטו היינט, אַראַבעללאַ?

— ער ליעגט דאָרט אין אַ טייך בלוט, פאַטער, אויף זיין בעט אין צימער. איך בין זיין מערדערין, פאַטער, איך!

דער אַלטער גוזעביאוס האָט צושראָקען אַ ריס געטהאָן זיין האַנד פון איהרע און איז אַרויסגעלאָפען פון צימער.

אַראַבעללאַ האָט זיך ווידער אַריינגעוואָרפען אין בעט און האָט ווידער געוויינט, געוויינט...

דערווייל האָט זי דערהערט פון הויף אַ געפילדער, אַז זשינערס איז געקומען. זי האָט זיך נאָך טיעפער אַריינגעגראָבען מיט'ן קאָפ אין קישען און פערשצעמעט די צייהן.

און שפּעטער אַ ווייל איז ווידער אַריינגעקומען צו איהר אין צימער דער אַלטער גוזעביאוס און האָט מיט אַ ציטערנדע שטימע געזאָגט:

— דער אָרימער אינגעל האָט איבערגעלאָזען אַ בריעף צו דיר. ער האָט עס געטהאָן, ווייל ער האָט דיך געליעבט.

אַראַבעללאַ האָט אַרויסגעלאָזען אַ פערשטיקטען שלוכץ.

— נו, וויין ניט, מיין טאָכטער, דו ביזט ניט שולדיג. — האָט דער אַלטער זי געטרויסט — אַ נאַרישער אינגעל. איך האָב שוין געדאַרפט הונדערט מאָל בעגעהן זעלבסטמאָרד, ווייל איך קען ניט אויספיהרען מיינע פּלענער, פונדעסטוועגען טהו איך ניט אָט די נאַרישקייט. וואָס טהוט מען אבער? — האָט ער זיך אונטערבראָכען — די געסט זיינען געקומען. הערר זשינערס און דיין טאַנטע אַרמאַנדע. וועסטו אַרונטערגעהן צו זיי?

— ניין, ניין, איך קען ניט. ניט איצט, ניט איצט! — האָט זי געענטפערט פערצווייפעלט.

אין דיזער צייט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין איהר טהיר.

דער אַלטער גוזעביאוס האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער געפרעגט צושראָקען.

— איך. — האָט געענטפערט מאַריעטטע'ס שטימע.

— וואָס ווילסטו?

— גנעדיגער הערר, אָן אונגליק! — האָט מאַריעטטאַ געשריען היטערר דער טהיר — דער יונגער הערר האָט זיך געטויטעט.

גוזעביאוס האָט געעפענט די טהיר און אריינגערופען אין צימער די צושראָקענע דיענסט.

— שריי ניט, מאַריעטטאַ, — האָט ער געזאָגט — מיר ווייסען שוין וועגען דעם אונגליק, רעד ניט איצט וועגען דעם. די געסט אונזערע דארפען דערוויילע פון דעם ניט וויסען. געה און פערשלים זיין טהיר און דערצעהל קיינעם ניט.

דאַן האָט זיך דער אַלטער אָבגערופען:

— איך וועל ארונטערגעהן צו ארמאנדע'ן און וועל זיך מיט איהר מישב זיין, וואָס צו טהון ווייטער. זי איז זעהר אַ קלוגע פרוי. אָך, מיין גאָט, וואָס איז עס היינט פאַר אַ טאָג! מען האָט מיך בע'גנב'עט און דאָ אַ זעלבסטמאָרד און גראַד דאַן, ווען דיין חתן איז אָנגעקומען!

און דער אַלטער גוזעביאוס איז ארוים פון צימער.

אראַבעללאַ איז געלעגען נאָך אַ ווײַלע אויפ'ן בעט, דאַן האָט זי זיך אַביסעל בערוהיגט און גענומען טראַכטען רוהיגער.

סעבאַסטיאַנען קען זי דאָך שוין ניט געבען צוריק זיין לעבען, און שטאַרבען אַליין האָט זי אויך ניט קיין מוטה. היינט וואָס זאָל זי טהון?

זי איז ווידער ארונטער פון בעט און גענומען געהן איבער'ן צימער היין און צוריק. זי וועט אַלעם דערצעהלען איהר טאַנטע ארמאַנדע. אַלעס! זי מוז דערצעהלען פאַר וועמען, זי מוז עפענען פאַר וועמען איהר האַרץ, אַניט וועט זי ניט קענען לעבען.

און זי האָט בעשלאָסען צו דערצעהלען אַלעם איהר טאַנטע. זי האָט געוואוסט, אַז מיט איהר טאַנטע קען זי רעדען אָפען, וואָרום יענע האָט אויך געהאַט הינטער זיך אַ שטורמדיגען לעבען פון ליעבע סקאַנדאַלען. איצט איז ארמאַנדע געווען אַלט, אבער מיט פופצעהן יאָהר צוריק האָט זי געביטען

איהרע געליעבטע נאָך אָפטער ווי איהרע קליידער. זי, ארמאנדע, האָט ליעב געהאט צו דערצעהלען וועגען דעם, ווי מענער האָבען זיך פאר איהר דועלירט און ווי זי האָט זיך געשפּיעלט מיט זייערע הערצער. אראבעללאַ'ן אליין, בעת זי איז ביי איהר צו גאסט געוועזן, האָט די אַלטע ארמאנדע אויך דערצעהלט וועגען איהר גרויסען ערפאָלג ביי מענער.

מען האָט אָנגעקלאפּט אין טהיר. אראבעללא, וועלכע איז נאָך ארומ־געגאנגען איבער'ן צימער הין און צוריק, האָט זיך אָבגעשטעלט מיט'ן פּנים צו דער טהיר און געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

— איך. — האָט פון הינטער דער טהיר זיך דערהערט א פרויען־קול.

אראבעללא האָט זיך א וואָרף געטהאָן צו דער טהיר און זי געעפענט.

— טאנטע! — האָט זי זיך ארויסגעוואָרפען א הויכער פרוי אויפ'ן האלז מיט געוויין — גוט, וואָס דו ביזט געקומען!

— דאָס האָב איך ניט ערוואַרטעט. — האָט די הויכע פרוי ארויס־גערעדט מיט פערדרוס אין קול — סעבאסטיאן זאָל אזוי האנדלען...

זי איז אריין מיט ארבעללא'ן אין צימער און צוגעמאכט די טהיר.

זי איז געווען א פרוי א יאהר פינף און זעכציג אלט, מיט ווייסע האָאר, אבער מיט א נאָך א יונגען און פרישען פּנים און שווארצע, ברענענדיגע אויגען. אמאָל האָט זי געמוזט זיין אַן אונגעוועהנליכע שעהנהייט. אין איהר הויכער, שלאנקער און גראציעזער פיגור זיינען נאָך געלעגען שפּורען פון איהר אמאָליגען כשוף און אין איהרע אויגען — פונקען פון איהר אמאָליגען פייער, וואָס האָט אזוי פיעל הערצער אויף אַש פערברענט, און אזוי פיעל מחות ביז משוגעת צומישט.

— וואָס אזוינס האָט מיט איהם פּאסירט? — האָט זי ווידער געזאָגט — אז ער זאָל זיין אזא ראָמאנטישער העלד, האָב איך קיינמאָל ניט ערוואַרטעט.

זי האָט זיך געזעצט אויף א שטוהל און געבעטען אראבעללא'ן זיך זעצען נעבען איהר.

— קום אראבעללא, זעץ זיך. פערפאלען. דאָס לעבען וועסטו איהם ניט צוריקגעבען. איך ווייס, אז דאָס טהוט דיר וועה. מיר פלעגט אויך וועה טהון, ווען איינער פלעגט שטאַרבען אוים ליעבע צו מיר. אבער מען

פערגעסט. דאָס לעבען פאַרערט זיינס. האָסטו איהם אמאָל געליעבט?

— ניין, טאַנטע! — האָט אַראַבעללאַ שטיל געענטפערט.

— האָט ער געוואוסט, אַז דו ליעבסט איהם ניט?

— איך האָב עס איהם אַליין געזאָגט. — האָט אַראַבעלאַ געענטפערט.

— דאַן ביזטו ניט שולדיג. — האָט ארמאנדע זיך אָבגערופען.

אַראַבעללאַ האָט זיך צואווײנט.

— נו, וויין ניט, אַראַבעללאַ, עס טרעפען זיך אזוינע זאכען; בערוהיג זיך און קום אַרונטער צו הערר זשינערס׳ן. ער דאַרף ניט וויסען פון קיין זאַך, וואָרים דאָס וועט איהם זיין ניט אַנגענעהם...

— טאַנטע, — האָט זיך אַראַבעללאַ אָבגערופען — איך קען ניט זעהן הערר זשינערס׳ן.

— וואָרום?

אַראַבעללאַ האָט אַ ווײלע געשוויגען. דאַן האָט זי אַרויסגעשעפּצעט, שטיקענדיג אין זיך די טרעהרען:

— טאַנטע, איך בין אַזוי אונגליקליך...

— וואָס איז געשעהן?

— אין סעבאַסטיאַן׳ס טויט בין איך שולדיג, טאַנטע; ניט ער האָט זיך ערמאָרדעט, נור מען האָט איהם ערמאָרדעט און דורך מיין שולד.

ארמאנדע האָט אַ ציטער געטהאָן, איז בלייך געוואָרען און האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט.

— איך פערשטעה ניט, אַראַבעללאַ, — האָט זי אַרויסגעמורמעלט — וואָס הייסט?...

און דאַן האָט אַראַבעללאַ מיט אַ פערצווייפעלטען געוויין פאַר איהר געעפענט דאָס הארץ, אַלעס איהר דערצעהלט. ארמאנדע האָט געקוקט אויף איהר מיט גרויסע אויגען און האָט ניט געגלויבט איהרע אויערן.

— מיין גאָט, מיין גאָט, —האָט זי געשטאַמעלט צושראָקען — מיט אַ שטאַלקנעכט?... און ווי לאַנג?...

— איבער פינף וואָכען. — האָט אַראַבעללאַ געענטפערט מיט אַ פערשטיקטען שלוכצען.

ארמאנדע האָט פערבראָכען די הענד און איינגעגעסען זיך מיט צושראָקענע אויגען אין אַראַבעללאַ׳ס פּנים.

—אראבעללא, — האט זי זיך א כאפ געטהאן — אויב אזוי מוזטו וואס שנעלער חתונה האבען מיט זשינערס'ן. און נור ניט גערעדט קיין איבריגען ווארט, איך וועל עס שוין אליין ארדנען. נו, וויין ניט, דאס וויינען וועט דיר ניט העלפען. דו ביזט אין דעם ניט שולדדיג, נור דיין לעבען. אזא מיידעל, ווי דו, מיט אזא קאכעדיגען כאראקטער, מוז לעבען אין דער געזעל־שאפט פון יונגע לייט, דאן זיינען זיי פאר איהר ניט אזא געהיימנים, און זי וועט זיך ניט ווארפען דעם ערשטען בעסטען יונגען מאן אין די ארעמס. איך וועל דיר דערצעהלען, אראבעללא, אפט, ווען איך לעז די נאטוראליסטישע ראמאנען פון זאלא און מאפאסאן, ווען איך לעז די אפענע סצענעס, וואס ווערען דארט געשילדערט, ווערט מיר קלאר, אז ווען איך וואלט זיי אין מיין יוגענד געלעזען, וואלט מיין לעבען געווען א סך רוהיגער און... אנשטענדיגער... דען די דאזיגע סצענעס רייסען ארונטער דעם געהיימנים־שלייער פון יענעם זייט לעבען, וואס רייצט די פאנטאזיע פון דער יונגער מיידעל, זיי בעקענען מיט'ן לעבען און מיט די געפאהרען פונ'ם לעבען, און ווען מען קען דאס לעבען און זיינע געפאהרען, איז מען דאן פראקטישער, קליגער און מען קען דאן די געפאהרען אויסמיידען... ווען דו וואלסט געלעבט די גאנצע צייט אין דער געזעלשאפט פון יונגע לייט, וואלט מיט דיר ניט געקענט פאסירען דאס, וואס מיט דיר האט פאסירט. ווען איך אליין וואלט ניט ערצויגען געווארען אין א מאנאסטיר, וואלט איך ניט אזוי געברענט שפעטער... א בעקאנטער אפיציער האט מיר אמאל דערצעהלט אן אינטערעסאנטען, זעהר כאראקטעריסטישען פאקט. מיט א יאהר פופצעהן צוריק איז ער געווען אין אפריקא. דארט האט ער געטראפען א ווילדען שבט, וואס זיינע מענער און פרויען זיינען ארומגעגאנגען אין גאנצען נאקעט. דיזע נאקעטע מענער און פרויען זיינען דאן געווען העכסט מאראליש אין געשלעכטליכען זין. מיט פינף יאהר צוריק איז דער זעלבער אפיציער ווידער געווען אין יענעם געגענד און האט ווידער געטראפען יענעם שבט. איצט אבער האבען די מענשען פון דעם דאזיגען שבט זיך געהאט ציוויליזירט אונטער דעם איינפלוס פון די ענגלישע קריסטליכע מיסיאנערען, האבען פערדעקט זייער נאקעטקייט מיט קליידער, אבער אזוי מאראליש, ווי פריהער, זיינען זיי שוין מעהר ניט געווען... פארוואס? ווייל דאס וואס איז פריהער פאר זיי געווען א געוועהנליכע ערשיינונג, איז יעצט פאר זיי געווארען א פערשטעלטע, א

פערדעקטע, א פערבאַטענע זאַך און דערפאַר האָט עס גערייצט זייער פאַנטאַזיע און זייער געפיהל...

אין דיזער צייט האָבען זיך דערהערט טריט הינטער דער טהיר.

— דער פאַטער! — האָט אראַבעללאַ זיך א כאַפּ געטהאָן.

— איהם נור זאָלסטו גאָר ניט דערצעהלען. איבערהויפּט בעט איך דיך, דו זאָלסט זיך בערוהיגען, אראַבעללאַ. עס וועט שוין אַלעס גוט זיין.

גוזעביאוס איז אריינגעקומען.

— גוזעביאוס! — האָט ארמאַנדע זיך צו איהם געווענדעט — אראַבעללאַ פאָהרט היינט מיט מיר אין טולאָן.

א ראַבעללאַ האָט זי אַנגעקוקט פערוואונדערט.

— וואָס הייסט? — האָט דער אַלטער גוזעביאוס געפרעגט אויך פערוואונדערט.

— אראַבעללאַ וועט איצט, וויבאַלד סעבאַסטיאַן האָט זיך געטויטעט אוים ליעבע צו איהר, ניט קענען דאָ זיין רוהיג. אויסער דעם וויל איך, אז נאָך קומענדיגען מאָנאַט זאָל אראַבעללאַ הייסען מאַדאַם זשינערס.

— אזוי גיך? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

— יא. — האָט ארמאַנדע געענטפערט מיט א פעסטען טאָן — און אזוי וועט עס זיין. זשינערס וועט עס אויך וועלען. איך וועל איהם ערקלערען, ווי אראַבעללאַ ליידעט פון דעם, וואָס סעבאַסטיאַן האָט בעגאַנגען זעלבסט־מאָרד אוים ליעבע צו איהר... איך וועל שוין וויסען וואָס צו זאָגען... אראַבעללאַ, דו זעה, מען זאָל איינפּאַקען דיינע זאַכען. נאָך היינט פאַרנאַכט פאָהרען מיר.

— טאַנטע, מיר וועלען אָבוואַרטען ביז מען וועט סעבאַסטיאַנען... — האָט אראַבעללאַ ארויסגעשעפּצעט.

— מען וועט איהם דאָ מְקַבר זיין אָהן אונז. —האָט ארמאַנדע געזאָגט— דעם טויטען איז אַלץ איינס...

— גנעדיגער הערר, — האָט זיך דערהערט מאַריעטטאַ'ס שטימע הינטער דער טהיר — די פערד זיינען דאָ. זיי זיינען געקומען אַליין אָהן פּאַפּיאַל'ן!

— די פערד זיינען דאָ? — האָט זיך דער אַלטער א כאַפּ געטהאָן — אפשר וועלען די אַנדערע זאַכען זיך נאָך אויך געפינען?

און ער איז ארויסגעלאָפען פון צימער.

— דאָמיניק איז שוין איצט ערגעץ אין שפּאניען. — האָט אראבעללא א טראכט געטהאָן.

— און איצט, אראבעללא, וויש אָב דיינע אויגען און סטארע זיך צו שמייכלען; מיר וועלען ארונטערגעהן צו דיין חתן. — האָט זיך דאָן צו איהר געווענדעט ארמאנדע.

אראבעללא האָט זי געפאָלגט, ווי א קינד. זי האָט גענומען א פלעשעלע אָדעקאָלאָן, ארויסגעגאָסען אויף איהר טאשענטיכעל, און האָט מיט איהם א ווייש געטהאָן די אויגען, וועלכע האָבען וויעדער גענומען בלישצען, ווי א פּאָאר טהייערע בריליאנטען.

— אָט אזוי! — האָט ארמאנדע אויסגעשריען — און איצט טהו א שמייכעל.

אראבעללא האָט א שמייכעל געטהאָן אזוי ליכטיג און זוניג.

— און איצט קום ארונטער צו דיין חתן; זאָל ער זעהן, ווי שעהן די צוקינפטיגע מאדאם זשינערס איז!

זיי זיינען ארויס פון צימער.

אין דעם זעלבען אבענד איז אראבעללא, בעגלייט פון זשינערס און איהר טאנטע, אוועקגעפאָהרען אין טולאָן.

צווייטער טהייל

ערשטער קאפּיטעל.

פּאָפּיאָל דער טרוימער.

פּאָפּיאָל האָט אי גענעסען זיך פאר כעס, אי געשעהמט זיך, וואָס ער, אזא כיטרע פוקס, האָט זיך געלאָזט אָבנארען פון א מיידעל.

איצט איז ער געוועזען אי א גנב, אי א מערדער און האָט געמוזט אנטלויפען. זיין שעהנע הינדעלע איז פון איהם אנטלאָפען, ער וועט זי שוין מעהר ניט האָבען, אזא שעהנע, געבילדעטע און יחסנ׳ישע פריילין.

אָבער זי איז נאָך ניט פאַרטיג מיט איהם! ער וועט זי שוין אמאָל ווידער געפינען! יא, יא, ער וועט זי שוין געפינען און דעמאָלט וועט זי זיך שוין מעהר ניט אַרויסדרעהען פון זיינע הענד. ער וועט זי שוין אַריינגעהמען אין זיינע הענד פעסט, פעסט, מיט'ן האלז צווישען זיינע אייזערנע פויסטען און וועט זי דערשטיקען. העי, טייפעל, ער וועט זיך שוין מיט איהר אָברעכענען!...

דאַן האָט ער אַ טרייב געטהאָן דאָס פערד און געגומען טראַכטען, וואו און ווי אַזוי מען פערזעצט די זילבערנע כלים, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין טולאָן איז דאָ איינער, וואָס האַנדעלט מיט אַלטע אַנטיקען. ער האָט שוין איינמאָל מיט יענעם געהאַנדעלט: אַ דונקעלע פערזענליכקייט, אבער ניט קיין געפעהרליכע. אז יענער זאָל איהם אַרויסגעבען דאַרף ער ניט מורא האָבען.

פּלוצים האָט ער זיך אָבגעשטעלט. עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז מען יאָגט זיך נאָך איהם. דאָך האָט ער מורא געהאַט זיך אומצוקוקען אַהינטער. ער האָט זיך גענומען יאָגען אויף זיין פערד, ווי פון רוחות פערפאָלגט. עס האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז סעבאַסטיאַן יאָגט זיך נאָך איהם מיט זיין געשריי: „האַלט! אַנטלויפט ניט!“

— נאַרישקייטען! — האָט פּאַפּיאָל אַ טראַכט געטהאָן — טויטע קענען ניט נאָכלויפען...

און דאָך האָט ער זיך ניט געקענט בעפרייען פון דעם; ער וואָלט געשוואָרען, אַז מען יאָגט זיך נאָך איהם. ווער? סעבאַסטיאַן? דאָס איז נאַריש, נאַריש! פונדעסטוועגען האָט ער זיך אין גאַנצען געטרייסעלט פון שרעק.

און דאַן האָט ער ווידער אָבגעשטעלט דאָס פערד און זיך אומגעקוקט אַהינטער.

— העי, ווער איז דאָרט? — האָט ער אַ געשריי געטהאָן.

קיינער האָט איהם ניט געענטפערט. נור דער ווינד האָט טרויעריג געיאָמערט אין דער געהיימער שטילקייט פון דער נאַכט.

פּאַפּיאָל האָט ווילד אַ פייף געטהאָן, און האָט ווידער אַ טרייב געטהאָן זיין פערד. איצט איז ער געוואָרען רוהיגער.

אין אַ שטונדע שפּעטער איז ער צוגעפאָהרען צו דער קליינער סטאַנציאָן,

וואו עס איז געשטאנען דער צוג, וועלכער האט געדארפט אבגעהן נאך טולאן.

— ווען געהט אב דער צוג נאך טולאן? — האט ער געפרעגט ביי דעם פערשלאפענעם סטאנציאן־מייסטער.

—אין צעהן מינוט ארום. — האט יענער געענטפערט מיט א געגעץ, שטעהענדיג נעבען סטאנציאן.

— מיין פרוי איז געפעהרליך קראנק, — האט פאפיאל זיך אבגערופען פון פארזיכטיגקייטס וועגען — וויל איך פאהרען נאך א דאקטאר.

דער סטאנציאן־מייסטער האט ווידער א געגעץ געטהאן. הפנים די קראנקהייט פון פאפיאל'ס ווייב האט איהם ווייניג געקימערט.

— מיין ארימע נאנא! — האט פאפיאל ארויסגעקרעכצט מיט א טיעפען, טיעפען וועהטאג — אך, מיין הערר, עס איז זעהר ניט אנגענעהם, ווען א געליעבטע פרוי ווערט קראנק אין אזא פערפארעפענעם ווינקעל: קיין דאקטאר, קיין הילף!

— יא. — האט דער סטאנציאן־מייסטער גלייכגילטיג געענטפערט, און ווידער א געגעץ געטהאן.

פאפיאל האט אויסגעקירעוועט דאס פערד, האט הויך א זיפץ געטהאן און האט ווידער געזאגט:

— מען דארף דאס פערד אבשיקען צוריק א היים; מיין ברודער ווארט דארט אויף דעם.

און ער איז געפאהרען צוריק צום וואלד צו. דארט האט ער זיך ווידער אבגעשטעלט, אבגעבונדען דעם זאק פון דעם פערד'ס רוקען, האט איהם ארונטערגענומען, ארויפגעלעגט זיך אויפ'ן פלייצע און האט א טרייב געטהאן דאס פערד, וועלכעס איז אוועק איבער'ן וועג, וואס האט געפיהרט צו געזעביוס' הויף.

פאפיאל האט איהם נאכגעקוקט, ביז ער איז פערשוואונדען פון די אויגען. דאן איז ער אוועק צוריק צו דער סטאנציאן מיט'ן זאק אויפ'ן אקסעל.

ער האט געקויפט א בילעט ביז טולאן, האט דערביי געפרעגט דעם סטאנציאן־מייסטער, אויב ער ווייס ניט, ווער עס קויפט אויף אין טולאן אלטע זאכען: קליידער, פלעשער, אלטע בלעכענע כלים... ער האט א פולען זאק מיט אזא בראך, ער מוז עס פערקויפען, אניט וועט ער ניט האבען אויפ'ן דאקטאר...

דער סטאַנציאָן־מייסטער האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט ניט.

דאַן האָט פּאַפּיאַל ווידער אַרויסגעקרעכצט: „מיין ליבע נאַנאַ!“ און איז אַוועק צו די וואַגאָנעס.

באַלד איז ער געזעסן אין אַ וואַגאָן מיט'ן זאַק ביי דער זייט און האָט געשמייכעלט.

— אַלאַדין, — האָט ער צו זיך געזאָגט, אָנרופענדיג זיך איצט ביי זיין ריכטיגען נאָמען — איצט פאַנגט זיך אָן פאַר דיר אַ נייער לעבען. וואוהין ועסטו פאָהרען? נאָך פּאַריז? געפעהרליך. דאָרט קען זיך נאָך איינער אָנשטויסען אויף אָן אַלטען פריינד... אפשר נאָך שפּאַניען? געוויס שפּאַניען האָט זיין גוטעס. לייכטע זיטען, פאַלשעס געלד, אַ בראַווע פּאָליציי, מיט וועלכער פאַר געלד קען מען אַלעס מאַכען. און שעהנע מיידלעך פעהלען דאָרט אויך ניט. „מאַנאָלאַס“ הייסען זיי אין שפּאַניען. מיידלעך, פלאַם־פייער, מיט אויגען, וואָס בריהען. ער וועט זיך אַ נאָמען געבען „מאַרקיז פּאַפּיאַלי“. עס קלינגט זעהר שעהן „מאַרקיז פּאַפּיאַלי“ — פיין!... ער וועט געהן מיט אַ סיגאַר אין מויל, מיט אַן אַפּעטיטנע סענאָריטע אונטער'ן אָרעם און וועט לעבען אַ טאָג.

דאָס פייפען פון לאָקאָמאָטיוו האָט איבערגעריסען זיינע געדאַנקען. דער צוג האָט זיך פון אָרט גערוהרט.

פּאַפּיאַל האָט אָבגעוואָרפען דעם קאָפּ אויף זיין זיץ און צוגעמאַכט די אויגען.

— איצט פאָהרען מיר. אין אַ שטונדע אַרום זיינען מיר אין טולאָן.

ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אָן אַראַבעללאַ'ן און האָט ווידער גענומען קאָכען.

— וואַרט, מיר זיינען נאָך ניט פאַרטיג מיט דיר, אַראַבעללאַ; דו הייראַטה זשינערס'ן און מיר וועלען...

ער האָט אַ סקריפּ געטהאָן מיט די ציינער.

עס איז געוואָרען טאָג, ווען דער צוג איז אָנגעקומען אין טולאָן.

פּאַפּיאַל איז אַרויס פון וואַגאָן מיט'ן זאַק אונטער'ן פאַכווע. טולאָן איז איהם גוט בעקאַנט געווען מיט אַלע זיינע הינטער־געסלעך. ער איז אַוועק מיט די זייטיגע הינטערגעסלעך צו דעם אַנטיקען־הענדלער.

אין א שטונדע ארום איז פאפיאָל שוין געזעסען אין א וואגאָן פון א צוג, וואָס האָט זיך געטראָגען נאָך פאריז.

אין טאש זיינען ביי איהם געלעגען אכט טויזענד פראנק, וואָס ער האָט בעקומען פאר די זעלטענע זילבערנע כלים. פאפיאָל האָט איצט געטראכט וועגען דעם, וואָס פאר א ראָלע ער וועט שפּיעלען אלס „מארקיז פאפיאָלי".

אָנקומענדיג אין פאריז נאָך האלבען טאָג, האָט פאפיאָל גענומען א קעב און איז אוועק איינקויפען פאר זיך זאכען. ער האָט געקויפט פאר זיך עלעגאנטע קליידער, א הוט, א שטאָק, א לאָרנעט און א ראזיר־מעסער. דאן איז ער אריינגעשפּרונגען ווידער אין קעב מיט די איינגעקויפטע זאכען און האָט געהייסען דעם קוטשער פאָהרען אויפ'ן „וועסט באהנהויף".

ווען דער קעב האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען באהנהויף, איז דער קוטשער נשתומם געוואָרען, דערזעהענדיג, אז פון קעב איז ארויס גאָר א נייער מענש, א דזשענטלמאן, העכסט עלעגאנט געקליידעט, מיט א שטאָק אין האנד, מיט א לאָרנעט און מיט א ריין ראזירט פּנים.

— אָבער מיין הערר, — האָט ער ארויסגעשטאַמעלט — וואו איז אייער באָרד?

— געלאָזען ביי אייך אין קעב מיט מיינע אלטע קליידער. — האָט פאפיאָל געענטפערט מיט זעהר א פריינדליכען שמייכעל — איך בין א דעטעקטיוו, פערשטאנען?...

פאפיאָל האָט איהם בעצאָהלט. דאן איז ער צוגעגאנגען צום פענסטער'ל וואו מען האָט פערקויפט בילעטען, און האָט פערלאנגט מיט א שפּאנישען אקצענט א בילעט ערשטע קלאסע פאר דייטשלאנד. ער האָט בעשלאָסען צו פאָהרען אין וויסבאדען אָדער האמבורג און פּרובירען זיין מזל דאָרט אויף דער רולעטקע.

אז ער האָט בעקומען זיין בילעט איז ער אריין אין בופעט פון וואקזאל און האָט בעשטעלט פאר זיך, שוין מיט אן ענגלישען אקצענט, קאָטלעטען. און, ווען ער האָט אָבגעגעסען, איז ער אריין אין וואגאָן און איז די גאנצע צייט געזעסען מיט דעם הוט אויף דער נאָז און האָט כלומרשט געשלאָפען. אין פראנקפורט איז ער ארויס, אום צו פערקויפען גוזעביאוס רינג און זייגער.

און שפּעטער, מיט נאָך מעהר געלד אין טאש, האָט ער ווידער

געקויפט א בילעט און איז אוועקגעפאָהרען אין האַמבורג. אָנקומענדיג אין האַמבערג, איז ער פערפאָהרען אין דעם רייכסטען האָטעל פון שטעדטעל, האָט פאַר זיך גענומען דעם טהייערסטען צימער, האָט געבראַכט זיין טואַלעט אין אָרדנונג. ביים טיש האָט ער ארויסגערופען בעוואונדערונג ביי די דאַמען מיט זיין שעהנהייט און עלעגאַנץ, האָט געטראָגען א זעלטענע ראָזע אויפ'ן לאַץ און האָט זיך ארויסגעגעבען אלס מארקיז פאַפּיאַלי פון פעטערסבורג. נאָכ'ן מאָהלצייט איז ער אוועק שפּיעלען אויף דער רולעטקע און איז געווען מזל'דיג.

צווייטער קאַפּיטעל.

האַמבורג, דער פּלאַץ פון געמבלער.

דאָס שטעדטעל האַמבורג, וואו פּאַפּיאַל אָדער „מארקיז פאַפּיאַלי" האָט זיך אָבגעשטעלט, איז זעהר א שעהן שטעדטעל, פול פראַכט און גלאַנץ, פול רייכטהום און לוקסוס, אבער נאָך מעהר א שטעדטעל פון עלענד און שאַנד, ווייל דאָרט געפינט זיך די גרעסטע געמבלינג הויז פון דייטשלאַנד, ווייל דאָרט הערשט די רולעטע.

ארום די רולעטע זינגט דאָס גליק און יאָמערט דאָס אונגליק. זי רויבט אוועק ביי דעם מענשען דעם פערשטאַנד, די עהרליכקייט און דאָס לעבען, ביי די פרויען — זייער שטאָלץ און ווירדע, די טרייהייט און איבערגעבענ־הייט צו זייערע מענער... גאַנץ אָפט פּאַסירט, אז אַן אָרענטליכע און שטאָלצע פרוי, פערליערענדיג איהר פערמעגען אויף דער רולעטע, פערקויפט זיך צום ערשטען בעסטען געמבלער, אום צו קריגען געלד אויף צו שפּיעלען ווייטער אויף דער רולעטע. זעלבסטמאָרד איז דאָרט א געוועהנליכע זאַך, און פון זיגען ארונטער — א טאָג־טעגליכע זאַך.

גליק און אונגליק, פרייד און פערצווייפלונג בייטען זיך דאָרט און מישען זיך מיט א פיעבערשער שנעליגקייט; קיינער איז ניט זיכער מיט זיין געווינס. האָט אימיצער געוואונען א הויפען גאָלד, האָט ער מורא איהם באַלד צו פערליערען. עס איז ווי די אונרוה פון אַן אייפערזיכטיגען

מאן, בעת זיין פרוי, וואס האט איהם שוין איינמאל בעטראגען, זאגט איהם: „איך ליעב דיך" — עס איז ווי יענע אונרוהע וואס ווערט ביי איהם ארויס־גערופען פון דעם געדאנק, אז זי קען איהם דאך בעטריגען.

און דערפאר זעהט מען דארט ארום די גרינע טישען אויגען, אין וועלכע מורא און האפנונג מישען זיך, גערונצעלטע שטערענס און בלייכע געזיכטער; און דערפאר צורייסען די געמבלערס די טאשענטיכער מיט די צייהן. וועהרענד דער קוגעל פון דער רולעטע דרעהט זיך, הערט מען א היסטערישען געלעכטער פון פרויען: עס איז דאס לאכען פון העכסטער שרעק.

דאס דאזיגע רוישען פון דעם דרעהענדיגען קוגעל פון דער רולעטע פרעסט אויפ'ן הארצען, שטעלט אב דעם פולס, ציהט אן די נערוועו ביז צום פלאצען, און פערטויבט און פערטומעלט אלע געדאנקען און געפיהלען.

דער באנקהאלטער זאגט:

— רויט געווינט.

אדער:

— שווארץ געווינט.

רויט און שווארץ, צוויי טרויעריגע פארבען: די נאכט איז שווארץ, דאס בלוט איז רויט.

אין מאנכע צייטען ווערט טאקע דארט אזוי געשפיעלט, אז עס דאכט זיך, אז דער טייפעל האלט דארט די באנק און רויט איז ווירקליך בלוט און שווארץ איז ווירקליך די נאכט, דאס הייסט דער טויט...

דריטער קאפיטעל.

הערר נעפלומא און זיינע פריינד.

אין יענעם אבענד איז פאפיאל געווען זעהר מזל'דיג. געמבלער האבען אויך זייערע מזל'דיגע מינוטען.

ארום די גרינע טישען איז נאך געווען ווייניג מענשען. די צייט איז געווען פאר זיעבען. דער קוגעל האט זיך לאנגזאם געדרעהט אין דעם

צילינדער; די באנק־האלטער האבען פויל און מיט צוטראגענע אויגען אויסגערופען די פאינטס. עטליכע מענער זיינען געזעסען און האבען פארזיכטיג געשפיעלט, איינשטעלענדיג אין קאן צו צוויי גולדענווייז. דאס זיינען געוועזן מענשען, וואס האבען שוין פערגעמבעלט זייער פערמעגענס און האבען איצט פארזיכטיג געשפיעלט מיט זייערע לעצטע עטליכע גולדען. זיי אלע כמעט זיינען געוועזן עלטערע מענשען, מיט גרויע קעפ, צוקנייטשטע געזיכטער, מיט בייזע אויגען און ציטערענדיגע הענד און פיס.

איין פאפיאל האט זיך געהאלטען סמיעלא און גלייך, שטעהענדיג נעבען טיש מיט א קופקע גאלדענע מטבעות.

נעבען איהם איז געשטאנען א קורצער, דיקער און רונדער מאן מיט א פרישען, גוטמוטהיגען פנים און ווייסע זיידען־ווייכע האאר אויפ'ן קאפ און האט איהם בעוואונדערט:

— יא, מארקיז, — האט דער אלטער גערעדט — איך בעוואונדער אייער קאלטבלוטיגקייט, מיט וועלכער איהר שפיעלט. איצט געווינט איהר, איהר קענט אבער פערשפיעלען. ענטשולדיגט, וואס איך רעד אזוי צו אייך. איך בין אן אלטער און האב אביסעל רעכט צו רעדען מיט אייך אזוי אפענהערציג. גלויבט מיר, אז איך האב שוין געזעהן אזוינע זאכען ביי דער רולעטע. מען קען מיך דא זעהר גוט.

הערר נעפלומא איז טאקע דא געוועזן זעהר א בעקאנטע פערזענליכקייט. ער האט אמאל געהאט א גרויסען געשעפט אין פאריז און האט איהם פערגעמבעלט אין האמבורג, דאן האט ער געהאט אנדערע צוויי געשעפטען אין בעלגיען און האט דיזע אויך פערגעמבעלט. פון יענער צייט אן האט ער זיך געהאלטען פאר א ספעציאליסט, א קענער אין געמבלען אויף דער רולעטע. נור אזוי ווי ער האט שוין זיין אייגען געלד ניט געהאט, האט ער זיך בענוגענט מיט צוקוקען ווי אנדערע שפיעלען און האט געלעבט פון דעם, וואס אנדערע געמבלער פלעגען א מאל איהם צוווארפען פאר אן עצה, פאר א גאנג.

אין געמבלינג־הויז איז אריין א נייע פערזאן, א הויכע און א לאנגע, מיט א ריין־ראזירטען פנים און מיט שפיציגע שארפע אויגען.

— אה, איהר זייט עס, מיין ליעבער סאוואנאל? — האט איהם נעפלומא בעגעגענט — גוטען אבענד.

— גוטען אבענד, פריינד נעפלומא. — האט יענער געענטפערט.

הערר נעפלומא האט זיין פריינד פארגעשטעלט פאר מארקיז פאפיאלי :

— סאוואנאל, א בעריהמטער פראנצויזישער זשורנאליסט.

און געווענדעט זיך ווידער צו סאוואנאל'ן האט נעפלומא גערעדט ווייטער :

— געדענקט איהר, מיין פריינד, ווי איך האב געוואונען פאר דעם שפאנישען פרינץ פופציג טויזענד גולדען ?

— און ער איז אייך דערפאר דאנקבאר ! — האט זיך אבגערופען הינטער זיי א דריטע פערזענליכקייט, א טיפע באס־שטימע.

דיזער דריטער איז געווען א הערקולעס. די פאדלאגע אונטער זיינע פיס האט געקרעכצט, אזוי שווער איז ער געווען. זיין געזיכט ברוין־רויט און צוקארטשעט ,ווי אלטע לעדער, האט גוטמוטהיג געשמייכעלט. א מאל האט ער געדיענט אלס קנעכט ביי א שפאנישען הויכען בעאמטען, איז ער דערפאר אין האמבורג געווען א שפאנישער פרינץ. אין סך הכל איז ער געווען א דייטשער פויער.

— האהייט, איך בין אייער ערגעבענסטער דיענער. — האט נעפלומא געזאגט, און געווענדעט זיך צו פאפיאל'ן האט ער צוגעלעגט :

— דאן טראדייאוס, פרינץ פון גראנאדע.

פאפיאל האט זיך א קעהר געטהאן צו דעם שווערען „פרינץ“ און האט ארויסגערעדט :

— עס פרעהט מיך. מארקיז פאפיאלי — האט ער זיך אליין פאר־געשטעלט, און פערנייגט זיך פאר'ן „פרינץ“ מעשה „מארקיז“.

דאן האט ער זיך ווידער א קעהר געטהאן צום גרינעם טיש און געשפיעלט ווייטער.

הערר נעפלומא האט זיך איינגעבויגט צו פאפיאל'ן און האט איהם אין א פער'גנב'עטען קול גענומען דערצעהלען וועגען זיין קענטנים אין שפיעלען אויף דער רולעטע.

סאוואנאל און דאן טראדייאוס, דער „שפאנישער פרינץ“, האבען זיך אנגעלעגט אן דעם גרינעם טיש און געמאכט „אויגלעך“ צו דעם הויפען געלד, וואס פאפיטאל האט פאר זיך געהאלטען.

א לאנגע צייט האט פאפיאל ניט געהערט, וואס מען רעדט צו איהם.

צום סוף האָט ער דערהערט, אָנגעקוקט הער נעפּלומא, דאָן טראַדייאוס און סאוואנאַל, האָט אַ דריק געטהאָן מיט די אַקסלען, האָט צונויפגעשאַרט די גאָלדענע מטבעות און איז אַריבער אויף דער אַנדער זייט טיש.

— דיזער איז ניט קיין שוואַרצער. — האָט בעמערקט דאָן טראַדייאוס.

— ביטרער ווי מיר. — האָט געזאָגט סאוואנאַל.

און זיי האָבען זיך אָנגעקוקט מיט זאָגענדיגע בליקען.

דריטער קאַפּיטעל.

באַראָן סערזשין.

אין דיזער צייט איז אין געמבלינג-הויז אַריינגעקומען אַ יונגער מאַן, אַ יאהר פינף און צוואַנציג אַלט, הויך און שלאַנק, מיט אַן עדעלען און בלייכען פּנים, מיט ביטרע אויגען און מיט אַ איראָנישען שמייכעל אויף די ליפּען. ער איז אַריינגעקומען געאַרעמט מיט אַ הויכער יונגער דאַמע, וועלכע האָט אויסגעזעהן ווי אַן ענגלענדערין, און וועלכע האָט געקוקט אַרום זיך מיט גרויסע טרויעריגע אויגען. די דאַמע איז געוועזען אָנגעטהאָן אין שוואַרצען.

סאוואנאַל און הערר נעפּלומא האָבען בעגעגענט דעם יונגען מאַן מיט פריינדליכע אויגען.

— גוטען אבענד, הערר באַראָן! — האָבען זיי ביידע אויסגעשריען.

— גוטען אבענד, מיינע הערערן! — האָט דער יונגער מאַן געענטפערט, צוגעהענדיג צו זיי — עפּעס נייעס?...

— מיר האָבען דאָ אַ נייעם גאַסט. — האָט סאוואנאַל זיך אָבגערופען — איהר האָט אפשר געהערט: מאַרקיז פּאַפּיאַלי?

דער באַראָן האָט זיך אומגעקוקט.

— איהר מיינט יענעם יונגעמאַן, וואָס שפּיעלט?

— יאָ.

דער באַראָן האָט זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין פּאַפּיאַלין. פּלוצים האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן פערוואונדערט און איבערראַשט:

— איך קען איהם. — האָט ער שטיל ארויסגערעדט.

— איהר קענט איהם? — האָבען זיך אַלע א כאַפּ געטהאָן.

— יא. איך מוז דערגעהן וואו ער האָט זיך אָבגעשטעלט.

— איך וועל עס פאר אייך אויסגעפינען. — האָט סאוואנאַל זיך אָבגערופען.

— געפינט עס אויס, און ווי מעגליך שנעל. — האָט דער באַראָן געזאָגט.

סאוואנאַל איז אַרויסגעלאָפען פון געמבלינג־הויז.

— דאָן טראַדייאוס, — האָט זיך דאַן געווענדעט דער באַראָן צום „פרינץ“ — גיט דער באַראָנעסע אייער ארם און פיהרט זי אריין אין לעזע־זאאַל.

און א קעהר טהוענדיג זיך צו דער הויכער פרוי, האָט דער באַראָן געזאָגט:

— איך וועל באַלד דאָרט אויך זיין, ראַוועננא.

שטיל, אָהן ווערטער, ווי אין חלום וואַנדערנדיג, איז די באַראָנעסע אוועק נאָך דאָן טהאַדייאוס׳ן.

— און איהר, הער נעפּלומא, לאָזט מיך זיך שטעלען אויף אייער פלאַץ. — האָט זיך דער באַראָן געווענדעט צו דעם אַלטען.

נעפּלומא האָט איהם אָבגעלאָזט דעם פלאַץ, און ער האָט זיך איינגענעסען מיט די אויגען אין פּאַפּיאַל׳ן און נאָכגעפאָלגט זיין מינדעסטע בעוועגונג.

פיערטער קאַפּיטעל.

ווער איז געוועזן דער באַראָן?

אַלע האָבען געוואוסט, אז ער איז ניט קיין באַראָן און איז א פּשוט׳ער אוואַנטוריסט. ער האָט זיך אָבער אַזוי געהאַלטען, אז מען האָט איהם געפאָלגט, רעספּעקטירט און מורא געהאַט פאר איהם. נעפּלומא, סאוואנאַל און דער „פרינץ“ זיינען געוועזן איבערגעבען איהם מיט לייבּ און לעבען. פאר זיי איז געוועזן זיינער א וואָרט א הייליגער געבאָט, הגם זיי האָבען ניט געוואוסט, ווער באַראָן פאָן סערזשין איז.

פאר־א־יאָהרען־ האָט ער זיך צום ערשטען מאָל בעוויעזען אין האַמבורג, זעהר עלעגאַנט אָנגעטהאָן, אָהן אַ מאַטרעסע, אוים פּאָרזיכטיגקייט פיעלייכט, האָט שלעכט געשפּיעלט, אוים בערעכנונג פיעלייכט, האָט געוואָרפען מיט געלד אויף רעכטס און לינקס, איז געוואָרען אַן אריינגעהער אין דער העכסטער געזעלשאַפט פון שטעדטעל און האָט זיך פאַר אַלעמען ארויסגעגעבען אַלס באַראָן פאָן סערזשין.

דאָן איז ער אוועק נאָך ענגלאַנד און האָט זיך פון דאָרט צוריק־געקעהרט מיט אַ פרוי, וועלכע ער האָט פאָרגעשטעלט אַלס זיין פרוי, אַלס באַראָנעסע פאָר סערזשין. די באַראָנעסע איז געוועזן שעהן, אָבער פון שטרענגער שעהנקייט. זי האָט געהאַט אַ מעלאַנכאָליש, טרוימעריש פּנים, גרויסע, טרויעריגע אויגען, האָט גערעדט ווייניג און מען האָט געקענט זעהן, אַז זי פיהלט זיך צווישען אַלעמען פרעמד.

איז זי געוועזן רייך? קיינער האָט עס זיכער ניט געוואוסט. זי האָט זיך קיינמאָל ניט אָנגעטהאָן מיט שיק און האָט קיינמאָל ניט געשפּיעלט אויף דער רולעטע.

דער באַראָן אַליין האָט אויך ניט גערעדט וועגען זיין פרוי.

איין מאָל מאַכט צו איהם נעפּלומאַ:

— וואָרום איז די באַראָנעסע אַזוי אומוטהיג?

— זי איז שוואַך אין געזונד — האָט באַראָן פאָן סערזשין געענטפערט.

— אפשר דערפאַר, ווייל איהר איז לאַנגווייליג? — האָט נעפּלומאַ ווייטער געפרעגט.

— מיט מיר איז איהר ניט לאַנגווייליג. — האָט דער באַראָן געענט־פערט — זי ליעבט מיך צו שטאַרק... און ווייטער, וואָס קימערט אייך די באַראָנעסע? — האָט דער באַראָן פלוצים זיך אונטערבראָכען.

— מיך קימערט ניט, נור עס וואונדערט מיך. — האָט נעפּלומאַ זיך פערענטפערט.

— אַלזאָ, הערר נעפּלומאַ, — האָט דער באַראָן דאַן געזאָגט, און איהם אָנגעקוקט שאַרף — איך פערלאַנג פון אייך, אַז וועגען דער באַראָנעסע זאָלט איהר וואָס ווייניגער רעדען... איך האָב עס פיינט!

— ענטשולדיגט! — האָט נעפּלומאַ ארויסגעמורמעלט צומישט.

און פון יענער צייט אָן האָט נעפּלומאַ זיך אָבגעהיט צו רעדען מעהר וועגען די הויכע, טרויעריגע פרוי.

אַזאַ מענש איז געווען באַראָן פאָן סערזשין.

איצט, זיצענדיג געגען פּאַפּיאָל'ן, האָט ער פון יענעם די אויגען ניט אַרונטערגענומען. פּאַפּיאָל האָט געשפּיעלט, ניט בעמערקענדיג, אַז מען היט איהם.

פינפטער קאַפּיטעל.

פּ אַ פּ י אָ ל ר י י ך.

די צייט איז דערווייל געלאָפען. דער זייגער האָט געשלאָגען צעהן. אין דעם גרויסען זאַאַל, וועלכער איז דעקאָרירט געווען אין ווייסע און אין גאָלדענע פאַרבען, איז איצט פערזאַמעלט געווען אַ גרויסע מענגע מענשען. אונטער דעם העלען עלעקטרישען ליכט, וואָס האָט זיך געגאָסען פון אַלע זייטען, פון באַלקען און פון די ווענד, האָט די מענגע געליאַרעמט און געפּילדערט, געקאָכט זיך און געהיצט, קלינגענדיג מיט זייער גאָלד. אַרום די גרינע טישען זיינען געשטאַנען גאַנצע גרופּעס מענער אין שוואַרצע פראַקען, צווישען זיי פרויען אין העלע קליידער, מיט שנעע־ווייסע שולטערן און מיט געפּודערטע בריסט. אין אונפערשרעהמטער לוקסוס אונטער דעם העלען עלעקטרישען ליכט; אַ פרעכער בלישצען פון פרויען־אויגען; אַ היסטערישער געלעכטער פון יענע, וואָס האָבען פערלאָרען זייער גאָלד; אַ משוגענער, ווילדער געלעכטער פון די, וואָס האָבען געוואונען; אַן אויס־געלאַסענער געלעכטער פון פרויען, רואינירטע, וואָס האָבען זיך געזוכט צו פערקויפען צו דעם ערשטען בעסטען, אום צו קריגען געלד און ווידער פּרואווען דעם מזל; אַ מיש־מאַש פון שטימען און שפּראַכען; אַ הייזעריגער געשריי פון די באַנק־האַלטער: „זעקס און דרייסיג! רויט! פּאַאַר! פּאַס! און אַ העלער כאָרכלען פון דעם פאַלענדיגען גאָלד, וואָס מען וואַרפט אויף די גרינע טישען...

און פּלוצים אין מיטען דעם דאָזיגען טומעל איז אַלעם מיט אַ מאָל

שטיל געוואָרען, אזוי ווי אַלע וואָלטען פּלוצים דעם לשון פערלאָרען: אימיצער האָט די באַנק געבראָכען...

דאָס איז געווען אַ זעלטענע זאַך אין דעם געמבלינג־הויז, אַז אַלע, וואָס זיינען דאָן געווען דאָרט, זיינען געבליבען שטעהן, ווי פערשטיינערטע.

די באַנק ברעכען האָט געהייסען הונדערט טויזענד פראַנק געווינען.

און אין דער ווירקליכקייט האָט אימיצער טאַקע געוואונען הונדערט טויזענד פראַנק, און דער דאָזיגער „אימיצער" איז געווען „מארקיז פּאַפּיאָלי".

די גאַנצע מענגע האָט איהם בעוואונדערט.

— אַ שפּאַניער. — האָט דאָן איינער געזאָגט.

— נעכטען ערשט אָנגעקומען. — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— אַ שעהנער מאַן! — האָט אויסגעשריען גאָר אַ יונגע פרוי אומיסטנע הויך, אַז פּאַפּיאָל זאָל זי הערען.

פּאַפּיאָל האָט מיטביידע הענד געשטופּט דעם אוצר אין די קעשענעס.

אין דיזער מינוט האָט סאוואנאל זיך צוגעבויגט צום אויער פון באַראָן סערזשין.

— איך בין עס. — האָט ער געזאָגט.

— נו? — האָט זיך דער באַראָן אַ כאַפּ געטהאָן.

— איך וויים שוין, וואו ער האָט זיך אָבגעשטעלט. — האָט סאוואנאל ווידער געזאָגט.

— וואו? — האָט דער באַראָן ווידער געפרעגט.

— אין דעם זעלבען האָטעל, וואו איהר שטעהט.

— אויף וועלכען שטאָק?

— אויפ'ן דריטען. זיין צימער איז פּונקט געגען אייערן.

— אין דעם זעלבען קאָרידאָר?

— יאָ.

— גוט.

— וואָס זאָל איך איצט טהון? — האָט סאוואנאל געפרעגט.

— די באַראָנעסע איז איצט אין לעזע־זאַאל. זאָגט איהר, אַז איך וועל אויף איהר וואַרטען אין דער היים. — האָט דער באַראָן געזאָגט.

— און ווייטער?

— ווייטער? איהר זאָלט גלייך געהן מיט הערר נעפּלומא און דאָן

טהאַדרייאוס אין דעם רעסטאָראַנט פון מיין האָטעל עסען סאפּער. איהר זאָלט זיך דאָרט זעצען אַרום רונדען טיש נעבען דער אריינגאַנגס־טהיר.

— און געלד?

איך וועל בעצאָהלען. נו, איילט זיך אונטער!

— נאָך איין וואָרט. וואָס דענקט איהר?

— וואָס איך דענק? — האָט זיך דער באַראָן אָבגערופען מיט אַ שמייכעל — איך דענק, אַז אין אַ האַלבע שעה אַרום וועלען דיזע הונדערט טויזענד פראַנק, וואָס דער מאַרקיז פּאַפּיאָלי האָט געוואונען, געהערען מיר...

זעקסטער קאַפּיטעל.

פּ אַ פּ י אָ ל'ס א י ב ע ר ר אַ ש ו נ ג.

אין אַ ווײַלע אַרום איז פּאַפּיאָל געווען אין זיין צימער. ער איז געלעגען אויף זיין בעט מיט צושלאָגענע גליעדער, אַקוראַט ווי ער וואָלט געקראָגען צוברעכען פון אימיצען די ביינער.

ער איז געווען צומישט, איבערראַשט, האָט געלאַכט ווילד און זיך געגריבעלט און געגראָבען אין זיינע געדאַנקען.

ער איז רייך! ער, דער וואַגאַבונד, איז רייך!

ער איז געווען ווי פערבלענדעט פון דעם גאַנצען גאָלד־שטויב, מיט וועלכען דער צופאַל האָט איהם די אויגען פערשאָטען.

אַראַבעללאַ, וועלכע ער האָט פערלאָרען; סעבאַסטיאַן, וועלכען ער האָט ערמאָרדעט; זיין אַנטלויפען אין מיטען נאַכט: ווי ווייט דאָס אַלעס איז איצט געווען פון דעם! ערשט דריי טעג ווי ער איז אַנטלאָפען און וואָס פאַר אַן אונטערשיעד איז צווישען דעם דיענער פּאַפּיאָל און דעם מאַרקיז פּאַפּיאָלי!

און ער האָט זיך דערמאָנט אָן פערשיעדענע מאָמענטען פון זיין פריהער־דיגען לעבען, אָן מאָמענטען פון אונגליק און עלענד, און ער האָט געטראַכט, אַז איצט דאַרף ער שוין ניט מורא האָבען, ער זאָל ווידער אַמאָל איבער־לעבען יענע טרויעריגע מאָמענטען. איצט, ווען ער איז אַזוי רייך!

וואָס וועט ער טהון מיט זיין געלד? אַלעס. ער האָט איצט געהאַט די מאַכט אין זיין האנד, ווי פריהער דעם וואַנדער־שטעקען.

ער וועט איצט געניסען פונ'ם לעבען, געניסען ווי אַן אמת'ער מאַרקיז. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט בעדעקטע טישען מיט די טהייערסטע שפּייזען און וויינען, מיט די פאָרנעהמסטע געסט. די געסט זיינען אַלע בעטרונקען, ער אַליין איז ניכטער און שמייכעלט, זיצענדיג אויבען־אָן. דאַן האָט ער זיך אויסגעמאָהלט פרויען, די העכסטע אַריסטאָקראַטקעס, שעהנע, שלאַנקע, יונגע, ווי אַראַבעללאַ, וועלכע פערשאַפען איהם פערגניגען, פּונקט אַזוי ווי אַראַבעללאַ. ער האָט זיך געזעהן אין טהעאַטער, זיצענדיג אין אַ לאָזשע, אָבגעוואָרפען, מיט אַ בינאָקל ביי די אויגען. ער וועט געניסען, געניסען דעם גאַנצען לעבען.

אויף אַ מינוט איז אַראַבעללאַ ווידער פאַר איהם אַרויסגעטראָטען מיט איהרע גאָלד־רויטע האָאַר. ער האָט געפיהלט, אַז איצט וואָלט ער זי געקושט און געשלאָגען, געשלאָגען און געקושט און וואָלט נאכהער איהר בעצאָהלט, ווי אַן איינפאַכער שטראַסען־פרוי.

פּלוצים האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן. וואָס ליעגט ער אַזוי אויפ'ן בעט? און ווארום איז ניט געווען העל אין זיין צימער? איז עס אפשר נור אַ חלום, אַז ער איז רייך? אַז ער האָט געוואונען אַ גרויס פערמעגען?

ער האָט זיך געגומען טאַפּען אין די קעשענעס. אַ קנאַקען פון נייע אַסיגנאַציעס אין זיין קעשענע און אַ קלינגען פון גאָלדענע מטבעות האָבען איהם באַלד פערזיכערט, אַז ער האָט טאַקע געוואונען, אַז ער איז טאַקע רייך.

ער איז אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט און האָט אָנגעצונדען אַלע לאָמפּען. דאַן האָט ער גענומען דעם קאַוויאַר, וואָס איז געלעגען נעבען בעט, און איהם אויסגעשפּרייט אין מיטען צימער, האָט אויסגעטהאָן זיין ראָק, פערקאַשערט הויך די אַרבעל, אוועקגעשטעלט זיך אין מיטען קאַוויאַר, און פרעהליך אויסגעשריען:

— אויפגעפּאַסט, מיינע דאַמען און הערען! איהר וועט איצט זעהן אַזוינס, וואָס איהר האָט נאָך ביז איצט ניט געזעהן!

און אויסשרייענדיג דאָס, האָט ער אַ געפעהרליכען שפּרונג געטהאָן אַהינטער און צוריק און איז געבליבען שטעהן מיט די פיס אויף דעם זעלבען אָרט, וואו זיי זיינען פריהער געשטאַנען.

— בראוואָ! בראוואָ! זעהר גוט! — האָט פּאַפּיאַל אויסגעשריען, נאָכמאַכענדיג די בעגייסטערונג פון פּובליקום.

דאַן האָט ער גערעדט ווייטער:

— יאַ, עס איז טאַקע זעהר גוט, אבער מיינע דאַמען און הערען, איך מאַך אייך שוין ניט מעהר די קונצען, איך בין שוין ניט מעהר קיין קלאָון און קיין אַקראָבאַט אין אַ צירק, ווי אין די פריהערדיגע יאהרען, נור איך בין שטיין־רייך; איך בין רייכער פון אייך אַלע און בין מעהר יחסן פון אייך! איך בין איצט מאַרקיז פּאַפּיאַלי, און פייף אויף אייך אַלעמען! אַז איך וויל שיט איך אוים גאַנצע הויפענס גאָלד אויפ'ן קאַוויאָר, און דאָס איז מעהר קונץ ווי צו געהן אויף די הענד!

פּאַפּיאַל, וועלכער האָט אויך פאַרגעשטעלט דאָס פּובליקום, האָט געענטפערט:

— ער איז גערעכט!

און אַריינשפּאַרענדיג ביידע הענד אין די טאַשען, האָט ער גענומען וואַרפען פון דאָרט אויפ'ן טעפּיך גאַנצע הויפענס גאָלדענע מטבעות און דאַן האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ פּעקעל אַסיגנאַציעס און האָט איהם אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן קאַוויאָר.

— איך הייב אָן, האָט ער דאַן געזאָגט און זיך פערנייגט פאַר דאָס גאָלד.

מיט איין שפּרונג האָט ער זיך געשטעלט אויף די הענד און האָט זיך באַלד געצאַפּעלט מיט די פיס אין דער לופט, דאַן איז ער געבליעבען שטעהן אויף דער לינקער האַנד, האָט מיט דער רעכטער צונויפגעקליבען די גאָלדענע מטבעות און האָט זיי גענומען וואַרפען און אונטערכאַפּען.

די בעגייסטערונג פון פּובליקום איז געוועזן זעהר גרויס.

פּאַפּיאַל האָט לאַנגזאַם אַרונטערגעלאָזען זיינע פיס, הינטערווייל־עכץ, ביז זיי האָבען די פּאָדלאָגע בעריהרט און דאַן האָט ער אויפגעהויבען מיט די צייהן דאָס פּעקעל אַסיגנאַציעס. דאַן האָט ער זיך טריאומפירענד אויפ־געשטעלט אויף די פיס. ער האָט געהאַט צעהן טויזענד פראַנק אין מויל.

דאָס בעגייסטערטע פּובליקום האָט מיט אַ ווילדען געשריי גענומען שרייען „בראוואָ“ און האָט אַזוי ווילד אַפּלאָדירט, אַז ביי פּאַפּיאַל — דאָס פּובליקום, האָבען גענומען ברענען די הענד.

פּאַפּיאָל אזוי אזוי בעגייסטערט געוואָרען, אז ער האָט גענומען ווארפען און שליידערן די גאָלדענע מטבעות אָן די ווענד, אָן די מעבעל, אָן די טהירען, אויף אַלע זייטען.

פלוצלונג האָט אימיצער אָנגעקלאַפּט אָן טהיר.

פּאַפּיאָל האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן.

— ווער איז דאָרט? — האָט ער אויסגעשריען, שטעהענדיג אויף איין פוס.

מען האָט ווידער אָנגעקלאַפּט.

מיט הענד און פיס האָט פּאַפּיאָל צונויפגעשאַרט דאָס געלד פון אַלע זייטען און האָט עס פערשאַרט אונטער׳ן קאָמאָד און אונטער׳ן בעט.

נאָכדעם האָט ער ארויפגעכאַפּט אויף זיך זיין ראָק, האָט פערלאָשען עטליכע לאָמפּען, און געזאָגט מיט אַ רויהען קול:

— ווער איז דאָרט? אריין!

באַראָן סערזשין איז אריינגעקומען, רוהיג און מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען.

פּאַפּיאָל איז דאמאלס געשטאַנען אין מיטען צימער און האָט פערוואונדערט געקוקט אויף זיין גאַסט.

— וואָס פערלאַנגט איהר? — האָט ער געפרעגט.

— ניט פיעל. — האָט געענטפערט דער באַראָן.

פּאַפּיאָל איז אָבגעטראָטען אַ טריט צוריק און איז צוגעגאַנגען צו אַ שווערען שטוהל, וואָס אין זיין האנד וואָלט געווען אַ שווערע וואַפע.

באַראָן סערזשין האָט נאָכלעסיג געשפּיעלט מיט אַ לייכטען שטאָק, וואָס ער האָט אין זיין האנד געהאַלטען, און האָט געשמייכעלט.

דאַן איז ווידער אויף אַ ווײַלע שטיל געוואָרען. אין אַ מינוט ארום האָט דער באַראָן ווידער אָנגעהויבען:

— מיין הערר, איהר זייט ניט דער מאַרקיז פּאַפּיאָלי; איהר זייט דער קלאָון אַלאַדין און מיט אַ פּאָאר מאָנאַטען צוריק זייט איהר אַנטלאָפען פון טורמע.

פּאַפּיאָל איז בלייך געוואָרען.

— דאָס איז ניט אמת! — האָט ער אויסגעשריען.

— עס איז אמת! — האָט דער באַראָן געזאָגט — איהר זייט אַ

מערדער. איך האב אליין בייגעוואהנט אייער פראצעס. איהר זייט פער־אורטהיילט געווארען נור צו פינף יאהר צוואנגס־ארבייט, ווייל עס זיינען דערביי געווען מילדע אומשטענדען...

— וואס ווילט איהר? — האט פאפיאל אויסגעשריען.

— אייער געלד. — האט דער באראן רוהיג געענטפערט.

פאפיאל האט א הייב געטהאן דעם שווערען שטוהל אין דער הויך; באראן סערזשין האט ארויסגעצויגען פון זיין לייכטען שטאק א בלישצעדיגען שארפען מעסער.

זעקסטער קאפיטעל

ווער איז געווען פאפיאל?

פאפיאל, דאמיניק, מארקיז פאפיאלי, זיינען געווען איין פערזאן: אלאדין. דער וואגאבונד, דער דיענער, דער פאלשער וואגאבונד — דיזע דריי־אייניגקייט פון שמוץ און פערברעכען — איז אין דער אמת'ן געווען א פריהערדיגער קלאון אין א צירק.

א קלאון און א מערדער, דען דער באראן סערזשין האט ניט געזאגט קיין ליגען.

אלע אין פאריז געדענקען נאך דעם בעריהמטען קלאון, וועלכער, שפיעלענדיג אין דארטיגען צירק, האט גרויסען פוראר געמאכט מיט זיין אונגעוועהנליכע קראפט אין זיינע קונצען, און א סך פאריזער געדענקען נאך דעם פראצעס, וואס דער דאזיגער קלאון האט אויף זיך שפעטער געהאט. און ווי מען האט איהם פער'משפט.

די ארט און ווייזע, ווי דער פערברעכער האט זיך דאן געהאלטען אויפ'ן פראצעס, זיין פעסטקייט און זיין קוראזש, זיינע וויציגע ווערטלעך און ענטפערס האבען דאן גרויסען אויפזעהען געמאכט. אלאדין דער קלאון איז געווען בעריהמט; אלאדין דער מערדער איז געווארען א בעריהמטהייט.

און פראצעסירט האט מען איהם פאר ערמארדען א יונגע צירק־רייטערין, וועלכע ער האט געליעבט.

און ווייל דעם מאָרד האָט ער בעגאַנגען אין אַ מינוט פון פערצווייפעל־טער ליעבע (אַזוי לכל הפחות האָבען געדענקט די ריכטער, וואָס האָבען איהם גע'משפט), האָט מען איהם פער'משפט נור אויף פינף יאהר שווערע צוואַנגס־אַרבייט.

דאָס האָט פּאַסירט אַן ערך מיט אַ יאהר צוריק. ער האָט דאַן, ווי מיר האָבען שוין פריהער דערמאָנט, געמאַכט גרויסען פוראָר אין אַ פּאַריזער צירק. ער איז געווען דער ליעבלינג פון פּובליקום. אַלאַדין איז אָבער געווען ניט גליקליך. ער האָט געליעבט די אינגסטע רייטערין פון צירק, די שעהנע אַכטצעהן־יעהריגע וויאָלאַ. וויאָלא איז געווען אַזוי שעהן, אַזוי צאַרט, מיט איהרע גאָלדענע לאָקען, בלויע אויגען און ראָזעווע ליפּען, אַז אַלאַדינען איז ניט אָנגעגאַנגען ניט די בלומען און די אַפּלאָדיסמענטען פון פּובליקום, ניט זייערע בראַוואָ־געשרייען און ניט זייער בעגייסטערונג. פאַר איין בליק פון וויאָלאַ'ס בלויע אויגען וואָלט ער אַוועקגעשענקט דאָס אַלעס און פאַר איין קוש פון איהרע ראָזעווע ליפּען, וואָלט ער זיין גאַנץ לעבען אָבגעגעבען.

אָבער וויאָלאַ'ס בלויע אויגען האָבען געקוקט אויף אַנאַנדער אַקראָבאַט, און ניט אויף דעם בעריהמטען אַלאַדין; וויאָלאַ'ס צאַרטע ליפּען האָבען געקושט יענעם. אַלאַדין איז געוואָרען פערצווייפעלט. אַלאַדין האָט געשטיקט די אייפערזוכט. אַלאַדין האָט געליעבט וויאָלאַ'ס שעהנקייט און האָט געהאַסט איהר הארץ און איהרע געפיהלען.

און איין מאָל האָט אַלאַדין זיך דערוואוסט, אַז וויאָלאַ געהט חתונה האָבען מיט יענעם. און אַלאַדין האָט זיך געזאָגט:

— וויאָלאַ וועט מיט יענעם ניט חתונה האָבען. אָדער מיט מיר, אָניט וועט זי חתונה האָבען מיט'ן טויט!...

און דיזער געדאַנק האָט איהם ניט אָבגעלאָזען, האָט איהם פערפאָלגט. אַ סך מאָל, ווען ער פלעגט דערזעהן וויאָלאַ'ן אויפ'ן פערד, טראָגענדיג זיך פאַר'ן פּובליקום, ווי אַ שטורמווינד, שפּרינגענדיג פונ'ם פערד דורך רייפען און צוריק אויפ'ן פערד, האָט זיך איהם געוואָלט אַ טריב טהון איהר פערד אָן אַ זייט, אַזוי, אַז ווען זי וועט שפּרינגען דורך דער רייף, זאָל זי ניט טרעפען צוריק אויפ'ן פערד, נור זאָל פליהען מיט'ן קאָפּ אַרונטער פון דער הויך צום זיכערן טויט.

ער האָט עס אָבער ניט געטהאָן. עפּעס האָט איהם אָבגעהאַלטען: צי די מורא, צי אַן אנדער געפיהל.

נור איין מאָל, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אין צוויי טעג ארום געהט וויאָלאַ חתונה האָבען מיט יענעם, האָט איהם אַ ברען געטהאָן אין מח, און ער האָט זיך געזאָגט:

— אַט היינט!

און נאָך האַלבע נאַכט אין דעם זעלבען טאָג, נאָך דער פאָרשטעלונג אין צירק, איז ער אוועק צו וויאָלאַ'ן אויפ'ן קווארטיר און האָט זיך אריינ־גע'גנב'עט אין איהר שלאָפצימער דורך אַן אָפענעם פענסטער.

די נאַכט איז געווען אַ הייסע, אַ ליכטיגע, די לבנה האָט אריינגעשיינט דורכ'ן פענסטער און פערטרונקען דאָס צימער מיט איהר מאַטאָווען ליכט.

וויאָלאַ איז געלעגען אויף איהר בעט מיט די גאָלדענע לאָקען צושאָטען אויף די קישען און האָט געשמייכעלט אין שלאָף. אפשר האָט זי געטרוימט וועגען איהר נאָהענטע חתונה מיט איהר געליעבטען.

אלאדין איז צוגעגאַנגען צו איהר און האָט איהר אַ קוש געטהאָן.

וויאָלאַ האָט געעפענט איהרע אויגען און האָט איהם אָנגעקוקט צושראָקען.

— וואָס פערלאַנגט איהר? — האָט זי ארויסגעשעפּצעט.

— איך בין געקומען דיר זאָגען, — האָט אלאדין געענטפערט — אַז איך קען אָהן דיר ניט לעבען.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן.

— אלאדין, אום גאָטעס ווילען... איך וועל אויפהייבען אַ געוואַלד!

— דו וועסט עס ניט וואַגען! — האָט ער אַ געשריי געטהאָן, צו־לויפענדיג צו איהר בעט און זי אַ כאַפּ געטהאָן אין זיינע אייזערנע אָרעמס.

דער לשון האָט ביי איהר אָבגענומען פון שרעק. זי האָט ניט געקענט שרייען. דאַן האָט ער זי צוריק אַ וואָרף געטהאָן אויפ'ן בעט, פליסטערנדיג משוגע:

— דו וועסט מיר געהערען, מיר!...

און זי האָט געקעמפּפט אַזוי לאַנג, ביז זי האָט פערלאָרען איהרע כוחות, און האָט שוין מעהר קעמפּפען ניט געקענט.

און שפּעטער, ווען זי איז געלעגען אַ גע'חלש'טע, האָט ער זי דערשטיקט. דאַן האָט מען איהם ארעסטירט און מען האָט איהם פער'משפט צו

פינף יאהר צוואנגס־ארבייט. אין א פּאאר מאָנאטען ארום איז ער אנטלאָפען פון געפענגניס און איז אוועק איבער וועלדער און פעלדער, דורך שטעדט און דערפלעך. נעכטיגענדיג דאָ, און טאָגענדיג דאָרט, ביז ער האָט זיך געטראָפען מיט אראבעללאַ'ן...

דאָס איז אין קורצען פּאפּיאָל'ס פערברעכען, פון וועלכען עס האָט געוואוסט באראָן סערזשין.

זיעבעטער קאפּיטעל.

ג ע ל ד אָ ד ע ר א ר ע ס ט.

אלזאָ דער באראָן איז געשטאנען מיט'ן בלישצענדיגען מעסער אויפ'ן שטעקען אין זיין האנד און געקוקט מיט שטעכעדיגע אויגען אויף פּאפּיאָל'ן, וועלכער איז געשטאנען געגען איהם מיט א שטוהל אין דער הויך. פּאפּיאָל'ס אויגען האָבען געברענט ווי ביי א משוגענעם, און ער האָט געסקריעט מיט די צייהן.

דער באראָן האָט זיך אָבגערופען:

— איך וועל מיט אייך רעדען אָפען: איך קען אייך זעהר גוט... איך האָב אייך פיעל מאָל געזעהן אין צירק. איך ליעב צו בעזוכען א צירק. איך ליעב די פערד און ליעב די רייטערינס. איך געדענק די שעהנע וויאָלא, וועלכע איהר האָט דערשטיקט, מיין ליעבער הערר אלאדין. דער פּראָצעס איז געווען אינטערעסאנט; איך בין דערביי געוועזן. די שעהנע דאמען האָבען מיט אייך סימפּאטיזירט. איך געדענק אויך, ווי די צייטונגען זיינען פול געווען מיט אייער אנטלויפען. וואָס איהר האָט געטהאָן זינט איהר זייט אנטלאָפען ווייס איך ניט און עס אינטערעסירט מיך ניט צו וויסען. וואָס איך וויל וויסען ווייס איך, און דאָס איז, אז איהר זייט אַן אנטלאָפענער פערברעכער, און דאָס איז פאַר מיר גענוג.

פּאפּיאָל האָט ווילד א פּאַך געטהאָן מיט'ן שטוהל און אויסגעשריען:

— דו וועסט פערלאָזען מיין צימער?

— ניין. — האָט דער באראָן געענטפערט און גערעדט ווייטער:

— איהר זייט אַ קלוגער מענש, אַלאַדין, איך קען אייך. איהר זייט אבער אַ היציגער מענש, און דאָס קען אייך אמאָל שאַדען. דערפאַר ראַטה איך אייך איהר זאָלט מיין פאָרשלאַג איבערלעגען רוהיג. איהר זייט אין מיינע הענד און איהר וועט האַנדלען קלוג און פּראַקטיש, ווען איהר וועט נאָכגעבען מיין פאָרדערונג. איהר האָט געוואונען הונדערט טויזענד פראַנק. איך נויטיג זיך אין געלד. גיט זיי מיר.

פּאַפּיאָל האָט זיך צולאַכט, אַרונטערגעלאָזען דעם שטוהל אויף דר'ערד, האָט אָנגעקוקט דעם באַראָן מיט פעראַכטונג און האָט דאַן געזאָגט:

— ווי? איהר גלויבט טאַקע, אַז איך וועל אייך דאָס געלד געבען?

— איך בין איבערצייגט אין דעם. — האָט דער באַראָן געענטפערט.

— ווייל איהר ווייסט ווער איך בין?

— יאַ. — האָט דער באַראָן געזאָגט.

— און ווען איך וועל אייך ניט געבען?

— דאַן וועט מען אייך שיקען צוריק פון וואַנען איהר זייט אַנטלאָפען. — האָט דער באַראָן געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

פּאַפּיאָל האָט זיך ווידער צולאַכט.

— איהר וועט מיך אַרויסגעבען? איהר וועט מיך מסר'ן? — האָט ער געפרעגט.

— צו מיין בעדויערן וועל איך עס מוזען טהון.

— איהר קענט עס ניט טהון! — האָט פּאַפּיאָל אַ געשריי געטהאָן.

— איהר זייט אַ נאַר. — האָט דער באַראָן זיך אָבגערופען רוהיג.

— וואו געפינען מיר זיך: אין פראַנקרייך?

— ניין.

— פאָרדערט די פראַנצויזישע רעגיערונג אַרויסצוגעבען מיך?

— דערווייל נאָך ניט. — האָט דער באַראָן געענטפערט.

— האָט איהר מיט זיך געבראַכט פּאָליציי־אַגענטען?

— דערווייל נאָך ניט. — האָט דער באַראָן זיך געהאַלטען אַלץ זעהר רוהיג.

— טאַ נעהט פון דאַנען, טהוט וואָס איהר ווילט, גיט מיך איבער דער פּאָליציי, אויב איהר קענט. געהט! — האָט פּאַפּיאָל זיך צוקאָכט.

— איהר זייט פערריקט! — האָט דער באַראָן ווייטער געזאָגט זעהר

העפליך — איהר ווייסט ניט, וואס איהר רעדט. איך וועל די צייט מיט אייך ניט פערליערען. איך וועל קריעגען אייער געלד אויף אן אנדער אופן.

— איך האב ניט מורא פאר אייך. — האט געזאגט פאפיאל.

— מיין הערר, — האט דער באראן געזאגט — איך אויף אייער ארט וואלט ניט געווען אזוי רוהיג. איך וואלט מיר געזאגט: „דיזער מאן, וועלכער שטעהט פאר מיר, מוז הפנים זיין זיכער, אז ער האט מיך אין האנד, אניט וואלט ער זיך ניט נאריש געמאכט. בעסער וועל איך אויסקומען מיט איהם מיט גוטען... אזוי וואלט איך מיר געזאגט, ווען איך זאל זיין דער קלאון אלאדין, און וואלט די עהרע געהאט צו רעדען מיט באראן פאן סערזשין.

פאפיאל איז געווארען אונרוהיג. די קאלטבלוטיגקייט פון דעם באראן האט איהם צומישט. ער האט דערפיהלט, אז ער האט פאר זיך א שארפען און געפעהרליכען געגנער.

ער איז צוגעגאנגען צום באראן זעהר נאהענט און ארויסגעברומט:

— נו, גוט, איך וועל אייך געבען הונדערט פראנק.

דער באראן האט א שמייכעל געטהאן:

— אפילו קיין פופציג טויזענד פראנק נעהם איך אויך ניט.

— דאן געהט צום טייפעל! — האט פאפיאל ווידער אויסגעשריען, ווערענדיג ווילד.

דער באראן האט ארויפגעלעגט די האנד אויף די קליאמקע פון טהיר.

— אויף ווידערזעהן. — האט ער געזאגט — אין א שטונדע ארום בין איך ווידער ביי אייך, הערר אלאדין.

— גוט.

— איך ראטה אייך, הערר אלאדין, ניט צו טרויען דער טהיר, דען די טהיר איז מיינע.

און מיט דיזע ווערטער איז דער באראן ארויס פון צימער.

צולעגענדיג דעם אויער צום שליסעלאך, האט פאפיאל געהערט, ווי דער באראן רעדט מיט אימיצען אין קארידאר, וועלכער, קענטיג, האט דארט אויף איהם געווארט.

א שטימע פון א פרוי האט עפעס געענטפערט דארט דעם באראן. דאן האט פאפיאל דערהערט דערווייטערנדיגע טריט און עס איז ווידער שטיל געווארען.

— ווער איז דיזער טייפעל, און וואָס זאָל איך טהון ? — האָט פּאָפּיאָל א טראכט געטהאָן.

אכטער קאַפּיטעל.

מ ע ן   ה י ט   א י ה ם.

און ווירקליך, דער באַראָן האָט טאַקע געראַדט מיט א פרוי. די פרוי איז געווען די באַראָנעסע, וועלכע האָט זיך ניט לאַנג צוריקגעקעהרט אהיים.

ער האָט געעפענט די טהיר פון צימער, וואָס איז געלעגען פּונקט קעקען פּאָפּיאָל'ס צימער.

ראווענא איז געזעסען און געלעגען ביי א קליינעם טישעל, טרויעריג, אָנגעטהאָן אין א ווייסען קלייד, ביי דער שיין פון אָן איינציגען ליכט. בלייבענדיג שטעהן אויפ'ן שוועל, האָט ער ארויסגערעדט שנעל אין דער ענגלישער שפּראַך:

— איך דאַרף אייער הילף, מיין ליעבע. עס האַנדעלט זיך וועגען א לייכטע, אבער זעהר א וויכטיגע זאַך. זעהט איהר יענע טהיר, וואָס איז געגען אונזערע ? א מאַן וועט באַלד פון דאָרט אַרויסגעהן. ער וועט דורכגעהן דעם קאָרידאָר און וועט וועלען אַרונטערגעהן די טרעפּ. ווען איהר וועט הערען, אַז ער איז שוין אַרונטערגעגאַנגען פון די טרעפּ, וועט איהר אויך אַרויסגעהן פון צימער און וועט זיך אַרונטערבויגען פון פּאַרענצע און וועט צוויי מאָל הויך אויסשרייען : „סאוואנאל". דאָס אַלעס. דאַן זאָלט איהר זיך צוריקקעהרען אין צימער און וואַרטען דאָרט אויף מיר. האָט איהר מיך פערשטאַנען, ראווענא ?

זי האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבען פון אָרט, בלייך, מיט טרויעריגע אויגען, און זי האָט אַרויסגעשעפּצעט :

— מיין ליעבער, איך האָב מורא.

— פאַר וועמען ?

— פאַר אייך, — האָט זי געענטפערט — פאַר אייך און אייערע פריינד. מיר דאַכט זיך, אַז איך קען אייך ניט. און ניט קענענדיג ניט אייער לעבען

און ניט אייער שפּראַך, פיהל איך זיך, ווי איך וואָלט געלעבט אויף אַן איינזאַמען אינזעל אין מיטען אַ פינסטערען ים. זייט אַ לאַנגע צייט ווילט זיך מיר ביי אייך פרעגען: ווער זייט איהר? וואָס טהוט איהר? מאַנכעס מאָל דאכט זיך מיר אויס, אַז איהר טהוט שלעכטעס...

דער באַראָן האָט זיך אָנגעבלאָזען, און ראוועגא האָט ווייטער גערעדט:

— היינט אבענד ציטערט ביי מיר דאָס הארץ מעהר ווי ווען־עס־איז. ווארום הייסט איהר מיר נאָכשפּירען אמאָן, וואָס פערלאָזט זיין צימער? ווארום קוקט איהר אַזוי אונרוהיג אויף מיר? וואָס ווילט איהר טהון, מיין ליעבער? איך זאָג אייך, איהר שרעקט מיך, איהר אין גאַנצען זייט פאַר מיר אַ פינסטערע נאַכט. איך קען אייך ניט. איך פערשטעהע אייך ניט.

זי איז צוגעגאַנגען צו איהם נאָהענט און צוגעלעגט מיט אַ צערטליכען טאָן:

— ארמאַנד, אַך, בערוהיג מיך, איך בעט דיך!

ער האָט ארויפגעלעגט זיינע הענד אויף איהרע אַקסלען, האָט זיך איינ־געגעסען מיט זיינע אויגען אין איהרע און האָט געזאָגט:

— מיין ליעבע, איך האָב פיינד, ווען מען איז צופיעל נייגיעריג.

זי האָט ארונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און זיך אוועקגעזעצט צוריק אויף איהר פריהערדיגען פּלאַץ נעבען טיש.

— ועט איהר טהון, וואָס איך האָב אייך געזאָגט? — האָט ער געפרעגט.

— יא, — האָט זי שטיל געענטפערט, און פון איהרע אויגען האָבען זיך ארויסגעקייקעלט צוויי שווערע טרעהרען.

דער באַראָן האָט זי דאָן פערלאָזען מיט שנעלע טריט, איז ארונטער פון די טרעפּ, איז אריין אין שפּייז־זאַאל פון דעם רעסטאָראַנט.

ביי אַ רונדען טיש זיינען געזעסען הערר נעפּלומא, סאוואנאל און דאָן טהאַדייאוס און האָבען געטרונקען שאַמפּניער.

— שוין שכור? — האָט זיך אָבגערופען דער באַראָן, צוגעהענדיג צום טיש.

— איך ניט. — האָט סאוואנאל געענטפערט.

— איך אויך ניט. — האָט געזאָגט נעפּלומא.

— איך יאָ. — האָט ארויסגעשטאַמעלט דאָן טהאָדרייאוס, און האָט זיך גוטמוטהיג צולאַכט.

דער באַראָן האָט זיך געווענדעט צו סאַוואנאל און האָט געזאָגט:

— קוקט אויפ'ן טהיר און האַלט ביידע אויגען אָפען.

— גוט.

— די באַראָנעסע וועט אייך פון אויבען רופען.

— מיך? — האָט דאָן טהאָדרייאוס זיך אַ כאַפּ געטהאָן.

— ניין, סאַוואנאל'ן — האָט דער באַראָן געענטפערט — דאָן זאָלט איהר זיך אַלע אַ לאָז טהון.

— נאָך וועמען?

— נאָך מארקיז פּאַפּיאָלי. איהר זאָלט זעהן איהם צו פערהאַלטען.

— דענקט איהר ניט, באַראָן, אז ווען מען וועט איהם פערהאַלטען, קען פּאַרקומען אַ סקאַנדאל? — האָט סאַוואנאל געפרעגט.

— איך וויל טאַקע עס זאָל פּאַרקומען אַ סקאַנדאל. — האָט דער באַראָן געענטפערט — מאַכט אַזאַ ליארם אז די קעלנער זאָלען זיך צונויפלויפען. און ווען די פּאָליציי קומט, איז נאָך בעסער. די הויפּטזאַך איז, אז דאָן טאָהדרייאוס זאָל דעם מאַן אָנכאַפּען ביים קראַגען און איהם ניט אָבלאָזען.

דאָן טהאָדרייאוס האָט אויפגעהויבען הויך זיינע ביידע הענד מיט די האָאריגע פינגער און געפרעגט:

— ווי לאַנג דאַרף איך דעם מארקיז האַלטען ביים גאָרגעל?

— ביז איך וועל זיך צוריקקעהרען. דערשטיקען איהם אין גאַנצען איז ניט נויטיג. — האָט דער באַראָן געענטפערט.

— ווען וועט איהר זיין צוריק?

— אונגעפעהר אין אַ שטונדע ארום.

די דריי פריינד האָבען זיך אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן.

— אַ שטונדע איז צופיעל. אַזוינע שקאַנדאַלען ווערען שטרענג בעשטראָפט. מיר ריזיקירען פיעל. — האָט געזאָגט נעפּלומאַ.

— זעהר פיעל. האָט סאַוואנאל אויך געזאָגט.

— יאָ, זעהר פיעל. — האָט דאָן טהאָדרייאוס ארויסגעבורטשעט.

דער באַראָן האָט זיי אָנגעקוקט מיט פעראַכטונג.

— אַלזאָ, וואָס פערלאַנגט איהר? — שטעלט אייערע בעדינגונגען.

— דריי טויזענד פראנק פאר יעדען פון אונז. — האט סאוואנאל ערקלערט.

— ווען מיר וועט די זאך געלינגען, וועט איהר עס קריעגען. — האט דער באראן געזאגט.

— עפעס האנדגעלד? — האט סאוואנאל געפרעגט.

— מיין ווארט איז גענוג. — האט דער באראן געענטפערט.

דאס איז געוועזן פאר זיי גענוג. זיי האבען געגלויבט זיין ווארט. סאוואנאל האט זיך אוועקגעזעצט נעבען טהיר. די איבריגע האבען פאר זיך בעשטעלט מעהר וויין. באראן סערזשין האט פערויכערט א סיגאר, האט פריינדליך א מאך געטהאן מיט א האנד צו זיינע חברים, און האט פערלאזען דעם רעסטאראנט.

ניינטער קאפיטעל.

די פערצווייפלונג פון דער באראנעסע.

ד בעראנעסע איז דערווייל געזעסען ביי איהר טישעל ניט ווייט פון דער האלב־געעפענטער טהיר און האט געוויינט.

זי האט זיך ערשט דאן א כאפ געטהאן, ווען זי האט דערהערט א גערויש אין קארידאר; עס איז געוועזן דער קלאנג פון א שליסעל, וואס אימיצער האט א דרעה געטהאן אין א שלאס פון א טהיר. דאס האט איהר דערמאהנט א זי דארף אבהיטען א מאן, וואס דארף ארויסגעהן פון דער אנטקעגענדיגער טהיר. אפשר געהט ער גלייך ארויס.

זי האט א טעות געהאט. קיינער איז ניט ארויסגעגאנגען פון יענער טהיר. אין קארידאר איז געוועזן שטיל, ווי אויף א בית עולם. אן איינציגער גאז־ברענער האט האלב בעלייכטעט דעם לאנגען קארידאר.

די באראנעסע האט געליטען; זי האט זיך דערמאנט אן איהרע רוהיגע יאהרען פון יענער צייט, ווען זי האט נאך ניט געקענט דעם באראן, און זי האט נאך מעהר געליטען.

ניט ווייט פון לאנדאן שטעהט אן אלטער שלאס פון פינסטערען אויס־

זעהען. דער אַלטער שלאָס איז אַרומגערינגעלט פון אַ וואַלד פון איין זייט און פון דעם ים פון אַ צווייטען. אין די אבענדען הערט מען דאָרט דאָס רוישען פונ'ם ים און מען פיהלט דאָרט זיין געזאַלצענעם אָטהעם.

אָט אין דעם דאָזיגען שלאָס האָט ראַוועגאַ זיך געהאָדעוועט אונטער דער אויפזיכט פון איהרער אַן אַלטער, שטרענגער טאַנטע מיט ווייסע האָאר.

דאָס איז געווען איין איינטאָניג, פערכמורעט לעבען, אויסגעפילט פון תפילות צו גאָט און פון שפּאַציערגענגע אין וואַלד אָדער אַרום ים. צייטענ־ווייז אין די איינזאַמע אבענדען האָט זי געטרוימט, צייטענווייז האָט זי געהאָפט, נור אימער, אימער פאַר די לעצטע יאהרען, האָט זיך איהר געבענקט נאָך ליעבע.

דאַן איז יענער געקומען. אַן אַלטער ענגלישער דזשענטלמאַן האָט איהם אין שלאָס געבראַכט. באַראָן סערזשין האָט איהם דער אַלטער פאָר־געשטעלט.

ער האָט גענומען קומען צו ראַוועגאַ און איהר אַלטע טאַנטע אָפטער, נאָכדעם גאַנץ אָפט, און שפּעטער אַלע טאָג.

ראַוועגאַ האָט זיך געפיהלט פרעהליך מיט דעם שעהנעם, עלעגאַנטען, פראַנצויזישען באַראָן. שטונדען גאַנצע האָבען זיי צוזאַמען פערבראַכט, רעדענדיג אין דער ענגלישער שפּראַך—קיין אַנדער שפּראַך האָט ראַוועגאַ ניט געוואוסט. ווען זיי האָבען צווישען די בוימער שפּאַציערט, האָט ראַוועגאַ איהם ערלויבט זי ביי די הענד אָנצונעהמען. און איין מאָל, שפּאַציערענדיג מיט איהר נעבען ים, האָט ער זי אָנגענומען בייביידע הענד און האָט געזאָגט:

— ראַוועגאַ, איך ליעב אייך.

זי איז בלייך געוואָרען און אַרונטערגעלאָזען איהרע גרויסע אויגען.

ראַוועגאַ, איך ליעב אייך פון דער ערשטער מינוט אָן, וואָס איך האָב אייך דערזעהן. לענגער קען איך עס אין זיך ניט שטיקען. ראַוועגאַ, אין אייערע הענד ליעגט מיין גליק און אונגליק, זאָגאַר מיין לעבען און טויט.

און דאַן האָט ראַוועגאַ שטיל געענטפערט:

— באַראָן, איך ליעב אייך אויך.

און וואָלט ער דאַן געזאָגט: „ראַוועגאַ קומט מיט מיר אויף דער אַנדער עק וועלט!" וואָלט זי בלינדערהייט מיט איהם אַוועקגעגאַנגען.

דאָס אָבער האָט ער איהר נים געזאָגט. ער האָט זי נור געבעטען, זי זאָל מיט איהר אַלטער טאַנטע רעדען וועגען זייער ליעבע.

און אין דעם זעלבען אבענד האָט ראַוועננאַ זיך געווענדעט צו דער אַלטער פרוי.

— טאַנטע, ערלויבט מיר צו הייראַטהען.

— די אַלטע דאַמע מיט דעם ווייסען געזיכט און האָט דאָס געזאָגט:

— דעם פראַנצויז?

— יא, טאַנטע.

— איך ערלויב עס ניט.

— טאַנטע, איך ליעב איהם.

— ראַוועננאַ, דו ביזט צוויי און צוואַנציג יאָהר אַלט. אין דעם אַלטער קען קיינער דיר ניט שטערען צו הייראַטהען, ווען דו ווילסט אַליין. אבער מיין צושטימונג אויף דיין הייראַטהען דעם פראַנצויז וועסטו קיין מאָל ניט בעקומען.

— טאַנטע, דאָס איז זעהר שלעכט פון אייך. — האָט ראַוועננאַ געזאָגט.

— איך מוז אזוי האַנדלען, מיין קינד. מיינע אַלטע אויגען זעהען קלאָר, אז דער באַראָן ליעבט דיך ניט.

— טאַנטע! — האָט ראַוועננאַ אַ קרעכץ געטהאָן.

— דאָס איז אמת, ראַוועננאַ, ער ליעבט ניט דיך, נור דיין געלד; וואָרום ער דענקט, אז דו ביזט זעהר רייך. ווען ער זאָל וויסען, אז דו אַליין ביזט אָרעם, וואָלט ער דיך ניט געהייראַטעט.

אבער דער באַראָן האָט געהייראַטהעט ראַוועננאַ, ווען אפילו ראַוועננאַ האָט איהם דערצעהלט, אז זי איז אָרעם.

זייער חתונה־צערעמאָניע איז געווען די איינפאַכסטע, וואָס מען קען זיך נור פאָרשטעלען. אָהן פעסטליכקייטען, אָהן פריינד און מוזיק איז די חתונה־צערעמאָניע אריבער; אפילו די אַלטע טאַנטע איז אויך ניט אנוועזענד געווען אין דעם קלויסטער פון דעם אַלטען שלאָס, וואו די צערעמאָניע איז פאָרגעקומען.

אין יענעם אבענד, באַלד נאָך דער צערעמאָניע, האָט ראַוועננאַ געדאַרפט אָבפאָהרען מיט איהר מאַן צו איהם אַ היים. זי איז געקומען זיך זעגענען מיט איהר אַלטע טאַנטע.

— טאַנטע, ער ליעבט מיך. — האָט זי געזאָגט זעגענדיג זיך מיט איהר.

די אַלטע ליידי האָט זי אָנגעקוקט מיט רויטע טרוקענע אויגען, און דאַן האָט זי שטיל אַרויסגערעדט:

— הלואי, מיין קינד, זאָלסטו גליקליך זיין!

און זי איז געווען גליקליך. דעם גאַנצען ערשטען חודש איז זי געווען זעהר גליקליך. ער איז געווען נעבען איהר, שטענדיג נעבען איהר. אָפט פלעגט ער זי אָננעהמען ביי דער טאַליע, אַריינקוקענדיג איהר טיעף, טיעף אין די אויגען און פלעגט איהר זאָגען „איך ליעב דיך", און דיזע ווערטער האָבען געמאַכט בליהען אין איהר הארצען אַ גאַנצען פּאַראַדיז. זיי האָבען געמאַכט אַ רייזע, אום זיי זאָלען קענען זיין מעהר פאַר זיך. ווען זי איז צופריעדען געווען, איז ער, דאַכט זיך, אויך געווען גליקליך. ער האָט זיך געסטאַרעט, זי זאָל צופריעדען זיין. איהרע וואונשען האָט ער אַרויסגעלעזען פון איהרע אויגען.

אָבער איינמאָל האָט ער זי בעליידיגט, ווען זי איז צוגעגאַנגען צו איהם אַ פרעהליכע, אַ גליקליכע, האָט ער אַ געשריי געטהאָן אויף איהר: „לאָז מיך", מיט אַזאַ ווילדען קול, אַז זי איז פּערציטערט געוואָרען.

אין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ בריעף, וואָס ער האָט בעקומען פון ענגלאַנד. ראַוועננאַ האָט דערקענט פון ווייטען די האַנדשריפט פון איהר טאַנטע. וואָס שרייבט יענע אין דעם בריעף? זי האָט ניט געוואגט צו פרעגען.

זייט יענער צייט האָט ער גענומען אַרויסווייזען איהר אַלץ מעהר און מעהר קאַלטקייט און ווען ער האָט גערעדט צו איהר, האָט ער אימער אויס־געזעהען צוטראָגען און אָנגעבלאָזען. זי האָט דערפיהלט, אַז עפּעס איז זיין ליעבע צו איהר מיט אַ מאָל אָבגעקיהלט געוואָרען. ווי שנעל!...

דאַן איז ער מיט איהר אַוועק נאָך דייטשלאַנד. ער איז געווען עפּעס ווי פון אַ שטורמווינד אַוועקגעריסען, און זי האָט געמוזט פאָהרען מיט איהם. זייער פאָהרען פון איין שטאָדט צו די אַנדערע איז עהנליך געווען צו אַן אַנטלויפען פון אימיצען און עפּעס.

אָנקומענדיג אין אַ שטאָדט, האָט ער געשפּיעלט, פערלאָרען אָדער געוואונען, און איז דאַן געפאָהרען ווייטער.

און האָבענדיג זי שטענדיג נעבען זיך אין וואָגען, האָט ער צו איהר זעהר

ווייניג גערעדט. און ווען ער האָט אפילו יא גערעדט, איז עס אימער ארויס־געקומען ביי איהם אזוי קאַלט, צום פרירען.

ווארום איז ער אזוי קאַלט געוואָרען צו איהר? וואָס איז געשעהן? און ווען זי האָט עס אמאָל ביי איהם געפרעגט, האָט זי אויך קיין בעשטימטען ענטפערט ניט געקראָגען.

און איינמאָל פאַלט איהר איין: וואָס איז ער פאר א מענש? ווער איז ער? פארוואָס רופט ער זיך „באראָן“? זי קען דאָך איהם גאָר ניט!

און זי האָט ביי איהם געפרעגט:

— מען רופט דיך באראָן. ווארום? איך וואָלט וועלען וויסען מעהר וועגען דיר.

— איך בין באראָן און דערפאר רופט מען מיך אזוי. — האָט ער געענטפערט — און ווייטער, וואָס קימערט איהר זיך אזוי וועגען מיין נאָמען?

און דאָס איז געזאָגט געוואָרען אין אזא קאַלטען טאָן, אז זי האָט שוין מעהר גאָר ניט געפרעגט, נור א בענקעניש און א וועהטאָג האָבען גענומען פרעסען איהר הארץ. דאָך האָט זי איהם געליעבט, שטאַרק געליעבט, און עס האָט זיך איהר געדאַכט, אז איצט וואָלט זי גאָר ניט געקענט לעבען אָהן איהם.

דאָס איז אין קורצען די טרויעריגע געשיכטע פון דער באראָנעסע, און דערפאר האָבען איהרע אויגען אזוי טרויעריג און פערטראַכט געקוקט.

איצט איז זי געזעסען און געוואַרט, דער אונבעקאַנטער מאַן זאָל ארויס פון דער אנטקעגענדיגער טהיר. זאָל זי איהם נאָכגעהן? זאָל זי רופען סאוואנאל פון די טרעפּ? יא, אזוי פערלאַנגט איהר מאַן, און זי מוז איהם פאָלגען. זי וועט אפשר זיין די מיטשולדיגע פון א העסליכער געשיכטע. אַלץ איינס, זי וועט טהון, וואָס ער פערלאַנגט. זי איז דאָך זיין פרוי. ער האָט דאָך פאר אימער זיין פוס אויף איהר הארצען אוועקגעשטעלט.

זי האָט ווידער דערהערט א גערויש און האָט זיך ווידער א צאַפּעל געטהאָן. דאָס מאָל איז דער גערויש ניט איבערגעריסען געוואָרען, נור האָט זיך דערהערט דייטליכער און נעהנטער. דאַן האָט זי דערהערט לאַנגזאַמע און פאָרזיכטיגע טריט, אזוי ווי אימיצער וואָלט זיך אויף די שפּיץ פינגער גע׳גנב׳עט. זי האָט פערלאָשען דעם לאָמפּ.

דער מאַן, וואָס האָט זיך פערבייגע'גנב'עט איהר טהיר, האָט זי ניט בעמערקט. מיט אַן אויסגעשטרעקטען קאָפּ, שטיל, אַזוי ווי שרעקענדיג זיך פאר'ן אייגענעם געראַוויש, האָט זיך פּאַפּיאָל דורכגע'גנב'עט דעם קאָרידאָר.

זאָל זי איהם נאָכגעהן? דאָס מוז זי. זאָל זי רופען סאַוואַנאַל'ן? דאָס מוז זי אויך. אַך, וואָס פאַר אַ שרעק! וואָס וויל מען פון יענעם מאַן? זי האָט אָנגעהויבען אַזוי צו ציטערען, אַז זי איז שיער ניט אומגעפאַלען.

זי האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און האָט זיך שטיל גענומען גנב'ענען נאָך פּאַפּיאָל'ן. זי האָט איהם נאָך געזעהען. אפשר וועט ער זי אויך דערזעהן, וועט פערשטעהן אַז זי שפּיאָנירט איהם נאָך, און ער וועט זי דאַן דערשטיקען. וואָס ווייסט זי ווער דער דאָזיגער מאַן איז! זיי זיינען דאָך אַליין; ער קען דאָך טהון מיט איהר וואָס נור ער וועט אַליין וועלען!

אַך, ווי זי וואָלט געוואָלט דער מאַן זאָל זי טויטען. זי האָט שמערצליך געשמייכעלט ביי דיזען געדאַנק: ווען ער וואָלט זי געטויטעט, וואָלט זי דאַן שוין מעהר ניט געליטען.

דאָך, פּאַפּיאָל האָט זיך ניט אומגעקוקט, האָט זי ניט בעמערקט, און, צוקומענדיג נעהנטער צו די טרעפּ, האָט ער גענומען לויפען.

זי האָט ניט געטאָרט פערליערען קיין רגע, ווען זי האָט געוואָלט טהון וואָס איהר מאַן האָט פערלאַנגט. זי איז צוגעלאָפען צו די טרעפּ, האָט זיך אַרונטערגעבויגען פון פּאַרענצע, דערביי האָט זי בעמערקט אונטען, ווי פּאַפּיאָל פערשווינדעט אַלץ טיעפער און טיעפער פון איהרע אויגען. איצט האָט זי געמוזט געבען איהר סיגנאַל. אָבער זי האָט געפיהלט, אַז איהר קול איז פערשטיקט. און דערווייל האָט זי געהערט, ווי דעם מאַן'ס טריט פערהילכען אַלץ ווייטער און ווייטער. נאָך איין מינוט, און ער וועט פערשווינדען. און דאַן האָט זי זיך אַריבערגעבויגט די פּאַרענצע און האָט מיט געוואַלד אויסגעשריען: „סאַוואַנאַל!“

צעהנטער קאַפּיטעל.

דער קאַפּיטאַן גילאַנעט.

אין דער זעלבער צייט איז דער באַראָן צוגעגאַנגען צו אַ באָרדינג־הויז, און האָט אָנגעקלונגען. דער ווירטה האָט די טהיר געעפענט.

— וואָס פערלאַנגט איהר? — האָט ער געפרעגט.

— איך וויל זעהען קאַפּיטאַן גילאָנעט. — האָט דער באַראָן געזאָגט.

— דער קאַפּיטאַן איז אין זיין צימער. — האָט דער ווירטה געזאָגט, אָנווייזענדיג דעם באַראָן אויף אַ טהיר אויפ'ן ערשטען שטאָק.

דער באַראָן איז אַרויף די טרעפּ און האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר.

— אַריין! — האָט אויסגעשריען אַ דיקע און הייזעריגע שטימע פון יענער זייט טהיר.

דער באַראָן האָט געעפענט די טהיר און איז אַריין אין אַ גרויסען, ליכטיגען צימער.

דאָרט איז געשטאַנען אַ דיקער, שווערער מאַן, מיט אַ בויך, ווי אַ ביער־פאַס, מיט אַן אויפגעבלאָזענעם רויטען פּנים, מיט אַ קורצען האַלז און גרויע וואָנצעס.

— אָה, באַראָן! — האָט יענער אויסגעשריען פערוואונדערט — וואָס ברענגט אייך עפּעס צו מיר?

— איך האָב אייך געבראַכט אַ שלעכטע נאַכריכט, קאַפּיטאַן. — האָט דער באַראָן געענטפערט.

— אַ שלעכטע נאַכריכט?

— יא, ליידער, מיין ליעבער קאַפּיטאַן.

— נעמליך?

— איהר זייט אין געפאַהר אַרונטערגעזעצט צו ווערען. — האָט דער באַראָן געזאָגט — איך וויל, איהר זאָלט מיך גוט פערשטעהן, מיין העהר. — האָט דער באַראָן געזאָגט ווייטער — איהר זייט אַזוי אַ קאַפּיטאַן, ווי איך בין דער קעניג פון עסטרייך. איהר זייט אַן אַגענט פון דער פּאַריזער געהיים־פּאָליציי, און אַלס אַזוינער ריזיקירט איהר, אייער פּלאַץ צו פערליערען.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אַ טרייסעל געטהאָן.

— איך אַ שפּיאָן? — האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט צומישט.

— דאָס וואָרט איז טאַקע אַ העסליכעס. — האָט דער באַראָן געזאָגט — דערפאַר וועל איך געברויכען אַן אַנדער וואָרט: איהר זייט אָנגעשטעלט פון דער פּאַריזער רעגיערונג אַכטונג צו געבען אויף די מאָראַל פון אייערע לאַנדסלייט, אַזוי?

— זייט איהר א באראָן? — האָט פלוצים גילאַנעט איהם א פרעג געטהאָן.

— ניין. — האָט געענטפערט סערזשין אין א גאַנץ רוהיגען טאָן.

— נו, אויב אזוי, גיב איך צו: איך בין אַן אגענט פון דער געהיים־פּאָליציי... וואָס פערלאַנגט איהר?

— אַלזאָ גוט. — האָט סערזשין א שמייכעל געטהאָן — ווי איך זעה, האָבען מיר ענדליך גענומען פערשטעהען איינער דעם אנדערן. וואָס איך פערלאַנג? איך וועל אייך רעטען פון אייער פערלעגענהייט...

— צום ביישפּיעל?

— מען האָט אייך אהער געשיקט, אום אויסצוגעפינען א געוויסען יונגען מאַן פון אַן אנשטענדיגער פאַמיליע, וועלכער ווערט בעשולדיגט פאַר פעלשונג.

— האָט סערזשין ווייטער גערעדט.

— ווי הייסט דער יונגער מאַן?

— זשינערס. — האָט סערזשין געענטפערט.

— שטימט. פון וואַנען ווייסט איהר עס, מיין העדר?

— גאַסטאָן זשינערס, דער ברודער פון דעם רייכען באַנקיר זשינערס — האָט סערזשין גערעדט ווייטער — מען האָט איהם אַרעסטירט פאַר פעלשונג און מען האָט איהם פעראורטהיילט צו פינף יאהר געפענגניס. דער יונגער מאַן האָט אָבער אין געפענגניס זיך ניט געוואָלט לאָזען פערשפּארען, און איז אנטלאָפען.

— אמת, האָט דער פּאָליציי־אגענט געענטפערט.

— און אויסצוגעפינען איהם האָט מען אייך איבערגעגעבען. איהר האָט אָבער אייער פליכט ניט געטהאָן.

— מיין גאָט, בין איך דען אין דעם שולדיג? דייטשלאַנד איז אזוי גרויס. ווער ווייסט וואו איהם צו זוכען...

— דייטשלאַנד איז טאַקע גרויס, דאָס איז אמת, — האָט סערזשין געזאָגט — א געשיקטען יונגען מאַן איז דאָ ניט שווער צו פערבאָרגען זיך. מען בייט אום דעם נאָמען, מען נעהמט אַרונטער דעם באַרד, מען פאַרבט צו די האָאָר, און דאַן וועט איהם קיין טייפעל ניט אויסגעפינען. איך האָב דעם גאַסטאָן זשינערס געקענט. ער איז געווען זעהר א ליעבער און פרעהליכער יונגער מאַן... איהר האָט אָבער אייער פפליכט ניט געטהאָן,

איהר האט זיך מעהר אינטערעסירט מיט דעם געמבלינג־הויז אין האמבורג, ווי מיט אויפזוכען יענעם יונגען מאן.

— מיין הערר! — האט גילאנעט אויסגעשריען.

— ווערט ניט בייז. — האט סערזשין איהם אונטערבראכען — עס פאסירט, אז מען פערגעסט צו ערפילען א פפליכט, דאס איז גאנץ מענשליך. דער פעהלער איז, וואס איז פאריז ווייסט מען, אז איהר טהוט גאר ניט, אום אויסצוגעפינען הערר זשינערס...

— פון וואנען ווייסט איהר דאס?

— איך האב דארט פריינד, וואס שרייבען מיר וועגען דעם. אבער וואס איז דער אונטערשיעד, פון וואנען איך ווייס דאס? איך זאג אייך נור, אז אין פאליציי־דעפארטמענט רעדט מען שטארק וועגען ארונטערזעצען אייך. איך ווייס עס פון א זיכערער קוועלע, נור גליקליכערווייזע קען איך אייך רעטען.

— איהר?

— יא, איך. הערט מיך אויס. ווען איהר וואלט ארעסטירט גאסטאן זשינערס, א געמבלער, א טויגעניכטס, א פערברעכער, — וואלט עס, אמת, טאקע געווען א גוטע זאך, אבער קיין בעזונדערע עהרע וואלט עס אייך ניט געגעבען. איך קען אייך אבער אנווייזען אויף אנאנדער פערברעכער, וואס ווען איהר זאלט יענעם ארעסטירען, וואלט איהר זיך מיט דעם דערדיענט א העכערען ראנג און א בעלוינונג פון זעקס טויזענד פראנק. איך וויל אייך אנווייזען אויף א מערדער.

גילאנעט איז אויפגעשפרונגען.

— וואס? — האט ער אויסגעשריען.

— געדענקט איהר דעם קלאון אלאדין?

— וויאלא׳ס מערדער?

— יא.

— וועלכער איז פעראורטהיילט געווארען צו פינף יאהר צוואנגס־ארבייט?

— דערזעלבער.

— איז ער דא?

— געוויס.

— אויב אזוי, איז מיין גליק געמאכט! — האט גילאנעט אויסגעשריען.

— און מיין גליק הייבט זיך אן. — האט סערזשין בעמערקט.

— אייער גליק?

— געוויס. וואס מיינט איהר, אז איך פערהיט בלויז אייערע אינ־טערעסען, מיין ליעבער הערר גילאנעט? ווען איך גיב אייך אט די דאזיגע געלעגענהייט אויפצוטהון עפעס, מיין איך מיין אייגענע טובה אויך.

— וואס פאר א טובה?

— אלאדין האט מיך בע'גנב'עט. — האט סערזשין געזאגט — היינט ביינאכט. איך האב פערגעסען מיין קאמאדע צו פערשליסען.

— וויפיעל האט ער ביי אייך גע'גנב'עט?

— הונדערט טויזענד פראנק.

— אהא! איהר האט געהאט הונדערט טויזענד פראנק.

— ניין, ער האט זיי ביי מיר גע'גנב'עט.

— איך פערשטעה אייך ניט.

— עס איז ניט נויטיג, אז איהר זאלט אלעס פערשטעהן. — האט סערזשין געזאגט — איך וויל נור, איהר זאלט וויסען, אז איך וויל די הונדערט טויזענד פראנק האבען.

— וואס איך קען טהון, איז צו פערהאלטען די הונדערט טויזענד פראנק, אויב איך געפין זיי נור ביי אלאדינען, און דאן נאך אייניגע פארמא־ליטעטען וועט איהר זיי קריעגען אין א פאאר טעג ארום.

— קיינע פארמאליטעטען! — האט סערזשין אויסגעשריען — אויב איהר ווילט האבען דעם מערדער אין אייערע הענד, מוז איך פריהער זיין זיכער, אז איך קריעג דאס געלד נאך היינט.

— אבער דאס איז געגען געזעץ. — האט גילאנעט געזאגט.

— אז א מערדער זאל פריי ארומגעהן, איז אויך געגען געזעץ. — האט סערזשין זיך אבגערופען — אלזא, הערט אויס נאך א מאל. איך ברענג אייך צו אלאדינען, איהר כאפט איהם אן ביים קראגען און נעהמט ביי איהם אוועק הונדערט טויזענד פראנק פון דעם געלד, וואס ער פערמאגט, און גיט זיי מיר איבער אין די הענד. איך פערלאז אייך דאן, און אייער גליק איז דאן געמאכט, ווי איהר זאגט.

— דאס קען איך ניט טהון. — האט גילאנעט געזאגט.

— ווי איהר פערשטעהט. איך קען אייך פערזיכערן, אז אהן מיר וועט איהר איהם ניט געפינען. איהר ווייסט ניט, צי ער איז אין האמבערג אדער וואו אנדערש. גאסטאן זשינערס האט איהר ניט געקענט אויסגעפינען. אלאדינען וועט איהר אויך ניט געפינען.

— גוט, גוט, איך בין צופריעדען! — האט גילאנעט אויסגעשריען — איהר קריעגט די הונדערט טויזענד פראנק. זאלען מיר זיך אונטעראיילען. וואו איז אלאדין?

— איידער מיר געהען, וויל איך אייך זאגען נאך עפעס. הערט אויס: אויב איהר וועט ניט האלטען אייער ווארט, ווען איהר וועט איהם שוין האבען ארעסטירט, דאן האב איך א רעוואלווער און איהר האט א שטערן געדענקט!

גילאנעט האט איהם אנגעקוקט צומישט.

— וואס פאר א ברוטאלער מענש איהר זייט. — האט ער ארויס געשטאמעלט.

— ניין, — האט סערזשין ארויסגעשעפצעט מיט א שטעכעדיגען שמייכעל — קיין שלעכטער מענש בין איך ניט, אבער איך האב ליעב א גוטען שפאס... אבער קומט שנעל צו דער פאליציי; מיר מוזען האבען עטליכע פאליציי־לייט מיט זיך.

און זיי ביידע האבען פערלאזען דאס צימער.

צוועלפטער קאפיטעל.

סערזשין'ס פערצווייפלונג.

אין א ווײלע ארום זיינען סערזשין און גילאנעט, בעגלייט פון פיער זשאנדארמען, געלאפען צום האטעל.

דער פארטער פון דעם האטעל איז ניט ווייניג פערוואונדערט געווארען, ווען ער האט דערזעהן פאר זיך די גאנצע קאמאנדע.

— איז דא אלעס רוהיג? — האט דער באראן זיך געווענדעט צום פארטער.

— איז דאָ ניט פאַרגעקומען קיין ליאַרם, קיין קריעגעריי?

— אַלעס רוהיג. — האָט געענטפערט דער לעצטער פערשלאָפען.

— ניין.

— איז נאָך ווער דאָ אין רעסטאָראַנט?

— יא, הערר נעפּלומא און די אַנדערע. — האָט דער פערשלאָפענער פּאַרטער געענטפערט.

— הייסט עס, ער האָט נאָך ניט פערלאָזען זיין צימער. — האָט דער באַראָן פרעהליך אַ טראַכט געטהאָן, און ווענדענדיג זיך צו גילאַנעט און די זשאַנדאַרמען האָט ער צוגעלעגט:

— קומט נאָך מיר!

סערזשין האָט זיך אַ לאָז געטהאָן לויפען אויף די טרעפּ, גילאַטנעט און די זשאַנדאַרמען נאָך איהם.

דאָס האַרץ האָט ביי סערזשינען שטאַרק געקלאַפּט: אַ קאַטאָוועס הונדערט טויזענד פראַנק! דאָס איז געווען דער אָנהייב פון זיין עשירות. מיט דעם געלד וועט ער פאַר זיך קענען אויסקויפען זיין פערברעכערישע פערגאַנגענהייט און וועט זיך קענען ערווערבען אַ צוקונפט.

— דאָס איז די טהיר פון זיין צימער. — האָט ער געזאָגט.

— גילאַטענט האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר און אויסגעשריען מיט אַ הויכע שטימע:

— עפענט אין נאָמען פון געזעץ!

קיין ענטפער, קיין גערויש פון יענער זייט טהיר.

— מען מוז די טהיר אויפברעכען. — האָט דער באַראָן געזאָגט.

— איך וועל איהם נאָך אַמאָל אויפפאָרדערן צו עפענען. — האָט גילאַנעט געזאָגט.

אָבער אין דיזער מינוט האָט סערזשין דערהערט הינטער זיך אַ שטילען גערויש פון אימיצענס טריט. ער האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן ראַווענאַ'ן. זי איז געווען בלייך און האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס.

— אומזיסט וועט איהר די טהיר אויפברעכען. — האָט זי געזאָגט — דער מאַן איז דאָרט מעהר ניטאָ.

סערזשין האָט זיך אַ צאַפּעל געטהאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער און האָט

ארויסגעלאָזען א פערשטיקטען קרעכץ. דאן האָט ער זי א כאפּ געטהאָן פאר אן אָרעם און האָט זי אריינגעשטופּט צו זיי אין צימער.

— וואָס זאָגסטו? — האָט ער קוים ארויסגערעדט.

— אָך, מיין גאָט! דריק נים אזוי שטארק מיין אָרעם, דו טהוסט מיר וועה!

ער האָט זי איינגעלאָזען.

— רעד! — האָט ער ארויסגעשעפּצעט.

זי האָט געפיהלט ווי אלעס אין איהר ווערט צוריסען, און זי האָט זיך ארונטערגעלאָזען אויף א שטוהל.

— דער מאַן האָט זיין צימער פערלאָזען? — האָט ער ווידער געפרעגט מיט רוגזה אין קול.

— יא. — האָט זי ארויסגעהויכט.

— און דו ביזט איהם יא נאָכגעגאנגען?

— יא.

— נו? — האָסטו גערופען סאוואנאל׳ן?

— איך האָב איהם געוואָלט רופען, איך שווער דיר, אז איך האָב געוואָלט; אבער מיין קול איז אין מיר פערשטאָרבען. דערווייל איז דער מאַן אוועק. סערזשין, דו זעהסט ווי איך בין שוואך? דאָס איז פון אויפרעגונג, פון פערצווייפלונג. דאָס וואָס דו האָסט פון מיר פערלאנגט, איז שרעקליך. דו האָסט פון מיר פערלאנגט, איך זאָל שפּיאָנירען. איצט, ווען איך זעה די זשאנדארמען, איז עס מיר נאָך קלערער, אז דו האָסט געוואָלט יענעם מאַן בייז טהאָן. סערזשין, וואָס טהוסטו? דאָס איז דאָך שענדליך!

זי איז אנשוויגען געוואָרען, אויפגעהויבען זיך און איז אנטלאָפען אין א ווינקעל פון צימער, דער סערזשין, וואָס איז איצט פאר איהר געשטאנען, האָט אויסגעזעהן שרעקליך. זיין פּנים איז געוועזן בלייך און זיינע אויגען האָבען ווי געשפּריצט מיט פייער. ער האָט אויפגעהויבען א צונויפגעדריקטען פויסט און האָט זיך מיט איהם פערמאָסטען פאר איהר פּנים. די עלעגאנץ, די העפליכקייט און די בענעהמונג פון א זשענטעלמאַן זיינען פערשוואונדען און אויף זייער פּלאַץ האָט זיך פּלוצים בעוויעזען א צורייצטער מערדער. דאָס מעסער האָט זיך ארויסגערוקט פון זיין שייד.

— איהר ווילט מיך טויטען? — האט זי ארויסגעשעפּצעט, קוקענדיג אויף איהם מיט צושראָקענע אויגען.

— איך וויים ניט, וואָס איך זאָל מיט אייך טהון! — האט ער ארויסגעשטאמעלט און געסקריעט מיט די צייהן.

—ער האָט זיין האנד אויף איהר שולטער אוועקגעלעגט און האָט זי פעסט געהאַלטען, זי זאָל ניט אַנטלויפען, און ער האָט גענומען רעדען מיט א פערשטיקטער שטימע:

— דו האָסט מיך אונגליקליך געמאכט. איך דארף האָבען געלד, פיעל געלד, אום איך זאָל מיין נאָמען וויעדער קענען קריעגען. איך האָב שיער דאָס געלד ניט געקראָגען, איך בין שיער ניט געראַטעוועט געוואָרען, און דורך דיר בין איך וויעדער אונגליקליך. דו האָסט איהם געלאָזען געהן, ער איז אודאי שוין אַנטלאָפען פון האמבורג, איך וועל איהם שוין ניט קענען כאפּען. דו ביזט מיין שלים־מזל. ווען איך וועל אריינפאלען אין געפענגניס, וועסטו עס האָבען מיך אהין אריינגעשטויסען. ווען איך וועל פערליערען מיין קאָפּ, וועסטו מיין גילאָטינע זיין.

זי איז צומישט געוואָרען. זי האָט דערפיהלט ווי איהר מח האָט זיך אָנגעצונדען. זי האָט זיך א וואָרף געטהאָן צום טהיר, געוואָלט ארויס־לויפען פון צימער. ער האָט זי אָבער אָנגעכאפּט פאר א האנד און א שטויס געטהאָן זי צוריק צום וואנד.

זי האָט א קרעכץ געטהאָן, האָט זיך אויף די קניע געוואָרפען, און ער איז געשטאנען איבער איהר און האָט זי געשטאָכען מיט זיינע אויגען.

— האָב ניט מורא, שרעק זיך ניט, איך וועל דיך ניט טויטען. — האָט ער וויעדער אָנגעהויבען צו רעדען — איך וויל אָבער דיר זאָגען, אז דאָס הייראַטהען מיט דיר איז געווען מיין אונגליק. איך וועל זיך מיט דיר אָברעכענען. דו ליעבסט דאָך מיך, הא? טאָ הער! איך ליעב דיך ניט. איך האָב היינט אבענדס געזעהן א שטראסען־פרוי מיט רויטע האאר, וועלכע איז מיר טויזענד מאָל ליעבער אלס דו מיט דיין טוגענד! ווען איך האָב געשפּיעלט, האָב איך אונטער'ן טיש איהרע קניע אָנגעריהרט. איך וועל נאָך היינט מיט איהר פערברענגען אויף די גאנצע נאכט. איך האָב דיך פיינד, איך האס דיך, דו הערסט?

— שטעכט מיר אריין אַ מעסער אין הארצען! — האָט זי זיך ביי איהם געבעטען.

— ניין, קיין מערדער בין איך ניט! — האָט ער געזאָגט — פאַר וואָס ציטערסטו אזוי? איך רעד דאָך צו דיר אזוי ווייך. מיר פלוידערן דאָך צווישען זיך ווי צוויי פריינד. ביז איצט האָב איך דיך בעטראָגען. היינט רעד איך אוים פאַר דיר מיין הארץ. דאָס איז דאָך אזוי איינפאַך, אזוי נאַטירליך. נו, שטעה אוף, זעץ זיך. איך וויל דיר נאָך פיעל זאכען דערצעהלען.

קיינמאָל האָב איך דיך ניט געליעבט, דו ביזט געוועזן אַ נאַר, וואָס דו האָסט געגלויבט מיינע ווערטער. איך האָב געוואָלט הייראטהען אַ רייכע מיידעל. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו ביזט די יורש'טע פון דיין רייכער טאַנטע און דערפאַר, און נור דערפאַר האָב איך דיך געהייראַטהעט. דיין טאַנטע אָבער האָט מיך מעהר פערשטאַנען, ווי דו. זי האָט דיך געווארנט. זי איז געוועזן געגען דעם שידוך מיט מיר. איך אָבער האָב געטראַכט: ווען איך הייראטה מיט דיר, וועט די אַלטע ווייכער ווערען און וועט איהר רייכטהום איבערלאָזען פאַר דיר. איך האָב זיך אָבגענאַרט. איך האָב די פרוי געקראָגען, אבער ניט דאָס געלד. יאָ, ליידי, אזוי איז עס.

ראַוועננאַ האָט געקוקט אויף איהם מיט אַן אָפענעם מויל: אין איהרע אויגען האָט זיך אָבגעטונקט אַ משוגענע פערצווייפלונג. ער האָט אבער גערעדט ווייטער:

— איך האָב דיך שוין באַלד אָנגעהויבען צו האַסען, באַלד נאָך אונזער חתונה. דו ביזט געוועזן ניט נור אָרים, נור דו ביזט אויך געוועזן צו טוגענד־האַפט פאַר מיר. איך האָב חתונה געהאַט מיט אַנשטענדיגקייט, מיט אַ געוויסען, אבער ניט מיט אַ געליעבטער פרוי. אַך, ווי אנגענעהם דאָס איז מיר דיר צו זאָגען. ענדליך ארויסגערעדט! ווייַן, רייס אויף זיך די האאר, דו ביזט די פרוי ניט פון אַ באַראָן, נור פון אַ פערברעכער. די שאַנדע, וואָס אָך גיב דיר, האָסטו פערדיענט, ווייל איך האָב דיר צו פערדאַנקען פאַר מיין אונגליק. דיין מאַן איז אַ שילער, אַ לומפּ, אַ פעלשער. דו אין דיין זיידענעם קלייד און אין דיין רייכער הוט ביזט אַ קאָמפּאַניאָנקע פון אַ באַנדע פער־ברעכער. דו ביזט, מאַדאַם, די טוגענדהאַפטע פרוי פון אַ מאַן אַ באַנדיט. און ווען איך וועל אַמאָל זיצען אויפ'ן אנקלאַגע באַנק, וואו איך בין שוין

אפשר אַמאָל געזעסען, וועסטו נעבען מיר זיצען און איך וועל מיט דיר זיך צערטליך סוד'ען, און מען זאָל זעהן, אז דו ביזט מיין מיטשולדיגע.

זי האָט זיך אויפגעהויבען מיט טרוקענע אויגען, רוהיג און שעהן.

— ניין, — האָט זי געזאָגט — סיידען איהר וועט מיך טויטען, א־ניט פערלאָז איך אייך היינט.

— ער האָט זיך צולאכט:

— יא, יא. דער טויט וואָלט דיך בעפרייט. אבער איך וועל דיך ניט לאָזען זיך טויטען. דו וועסט בלייבען לעבען און ליידען, אזוי וויל איך, ראווענא.

און פּלוצלונג האָט זי איהם אונטערבראָכען מיט א הויכער און שטרענגער שטימע:

— איהר וועט מיך טויטען, אָדער איך וועל געהן! איהר זייט מעהר ניט מיין מאַן. איך היים לידי ראווענא, און איהר זייט א פערברעכער. לידי ראווענא'ס מאַן קען ניט זיין קיין פערברעכער, קען ניט זיין! איך בין גליקליך, וואָס אייער כעס האָט פון אייך ארונטערגעריסען דעם שלייער. איהר האָט מיך פאַר אימער בעפרייט. איהר זייט געווען מיין געפענגניס, וואָס איך פערלאָז איצט. נור מיט א מעסער אין הארצען קענט איהר מיך אָבהאַלטען. וואָס קענט איהר מיר נאָך טהון? אייער ראַכע האָט איהר געהאַט. איך האָב אין איין אויגענבליק אזוי פיעל געליטען, אז קיין וועהטאָג איז שטארק גענוג, אז עס זאָל מיך טשעפּען. אבער... אבער... איך וועל זיך מיט אייך אויך אָברעכענען; די טאָכטער פון לאָרד בעלענדין, וועלכע איהר האָט אויף אזא שענדליכען אופן בעטראָגען, וועט אייך ניט שווייגען.

ער איז געוואָרען נאָך מעהר אויפגערעגט.

— וואָס? דו וואגסט נאָך צו סטראשען מיך? דו, וועלכע איך האָב נאָך אין מיין געוואַלט?

— איך וועל ניט זיין דיין מיטשולדיגע! — האָט זי געשריען — די וועלט מוז וויסען, ווער דו ביזט און ווער איך בין!

ער איז צוגעשפּרונגען צו איהר:

— אונגליקליכע, שווייג! רייץ זיך ניט מיט'ן טייפעל! — האָט ער א געשריי געטהאָן.

ער האָט אַ כאַפּ געטהאָן זיין שטאָק און האָט ארויסגערוקט פון איהם דעם שאַרפען, בלישצענדיגען מעסער.

ראוועגאַ האָט מיט אַ שמייכעל געוואָרט, ער זאָל איהר דאָס מעסער אריינשטעכען אין הארצען

אין דיזער צייט האָט מען דריי מאָל אָנגעקלאַפּט אין טהיר.

— ווער איז דאָרט? — האָט סערזשין זיך אַ כאַפּ געטהאָן, אומ־קעהרענדיג זיך מיט׳ן פּנים צום טהיר.

— סאוואנאל האָט אריינגערוקט דעם קאָפּ אין טהיר.

— איך גלויב, אַז איך האָב געפונען די שפּור פון דער מאַרקיז פּאַפּיאַלי.

— האָט ער ארויסגעשעפּצעט מיט אַ געהיימער מינע.

סערזשין איז ארויסגעלאָפען פון צימער נאָך סאוואנאל׳ן.

— פאַרוואָס האָט ער מיך ניט ערמאָרדעט? — האָט ראוועגאַ ארויס־געשעפּצעט.

פיערצעהנטער קאַפּיטעל.

ראוועגאַ׳ס סוף.

זי איז געבליעבען אַליין. מיט צונויפגעלעגטע אָרעמס און פער־קנייטשטען שטערען האָט זי זיך צוגעדריקט צום וואַנד. זי האָט אויפגעהויבען די אויגען און אַ קוק געטהאָן אין שפּיגעל. זי האָט אויסגעקוקט לאַנג און ווייס און האָט געמאַכט אויף זיך אַליין דעם איינדרוק ווי אַ געשפּענסט, וואָס איז פון קבר ארויס.

און אין דער אמת׳ן זיינען אַלע איהרע חלומות און האָפנונגען בעגראָבען געוואָרען אויף אייביג. איהר הארץ איז איצט געוואָרען ווי טויט. זי האָט אַפילו וויינען ניט געקענט, קרעכצען ניט געקענט. אויב זי איז שוואַך געווען אין איהר ליעבע, איז זי שטאַרק געווען אין איהר פערצווייפלונג. זי האָט זיך געקענט ערניעדריגען אין איהר צערטליכקייט און אויפהייבען זיך שטאָלץ אין איהרע ליידען. צווישען איהר און איהר מאַן זיינען אַלע באַנדען געווען צוריסען. אַפילו די פערגאַנגענהייט איז אַוועק ווי אַ וואָלקען פון

רויך. ניין, ער איז ניט איהר מאן, איהם האָט זי קיינמאָל ניט געליעבט; אנאנדערער איז איהר מאן געווען, זי האָט אנאנדערען געליעבט.

זי וועט פון איהם ניט טראַכטען; זי וועט איהם פערגעסען. יא, יא זי האָט שוין פערגעסען. און וועט זי איהם אמאָל ווידער אין לעבען בעגעגנען, וועט זי געגען איהם די גאנצע וועלט ווארנען: „גיט אכטונג, דאָס איז א לומפּ, א באנדיט!"

דאָך, וואָס זאָל זי איצט אָנהייבען צו טהון? אוועקגעהן? ניט בלייבען לענגער קיין שטונדע מעהער אין דיזען צימער, אין דיזער שטאָדט, אין דיזען לאַנד? אבער וואוהין געהט זי?

זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אַלטען שלאָס, וואו זי האָט איהר קינדהייט פערבראַכט ביי איהר אַלטער טאַנטע און ווידער האָט זי פאַר זיך געזעהן די אַלטע, שטרענגע טאַנטע, מיט ווייסע האָאר, זיצענדיג פאַר דעם הויכען קאמין...

ניין, זי וועט צו איהר טאַנטע ניט געהן. רחמנות וועט זי ביי יענער ניט געהן בעטלען; זי קען ניט קומען צו יענער אזוי ערניעדריגט, בעשמוצט און פערשפּאָטעט.

אויסער דעם, האָט זי ניט געהאַט גענוג געלד פאַר די רייזע נאָך ענגלאַנד צו איהר טאַנטע.

וואָס זאָל זי טהון? זי האָט געפיהלט, ווי אין איהר מח רוישט און דרעהט. זי האָט זיך געשראָקען פאַר איהר פערשטאַנד. — נור ניט משוגע ווערען! — האָט זי געטראַכט — נור ניט משוגע ווערען!

זי האָט זיך אָנגעכאַפּט פאַר'ן קאָפּ און גענומען איהם קראַמפּפהאַפט דריקען, אקוראַט ווי זי וואָלט געוואָלט דאָרט איינהאַלטען איהר פערשטאַנד. און דאַן איז זי אַרויסגעלאָפען פון צימער.

און זי איז געלאָפען איבער דער דונקעלער גאַס, א לאַנגע, א ווייסע געשטאַלט, מיט לייכטע, גייסטער־טריט, איז געלאָפען און האָט גאָר ניט אַרום זיך בעמערקט. זי האָט שוין מעהר ניט געהערט צו דעם לעבען, נור צו איין איינציגען געדאַנק וועגען בעפרייען זיך, בעפרייען זיך אין גאַנצען, און זי האָט געמורמעלט:

— דאָרט מוז עס זיין, דאָרט, דאָרט!..

און דאַן האָט זי דערהערט דעם געמורמעל פון'ם טייך, וואָס איז געלאָפען

דורכ'ן שטערטעל און אין דער שטילער דונקעלהייט פון דער נאכט האט זיך איהר געהערט אין דעם געמורמעל די ווערטער:

— קום גיבער, קום, בעפריי זיך! בעפריי זיך! בעפריי זיך!

ראוועגא האט גענומען לויפען שנעלער. אט האט זי פאר זיך געזעהן דעם טייך. קיינער איז ארום ניט געווען. ראוועגא האט זיך אבגעשטעלט אויף א מינוט, און מיט א משוגענעם געשריי זיך א ווארף געטהאן אין טייך אריין.

איהר געשריי האט ווילד און מורא'דיג אבגעקלונגען אין דער שטילער, דונקעלער נאכט.

עטליכע מינוט האט זיך נאך געזעהן איהר ווייסע געשטאלט איבער'ן וואסער. דאן איז זי פערשוונדען, האט זיך ווידער אויפגעהויבען איבער'ן וואסער, און אין א ווײלע ארום האט דער טייך זי אין גאנצען פערשלונגען...

דריטער טהייל

ערשטער קאפיטעל.

פון פיינד — פריינד.

אין דער זעלבער צייט האט פאפיאל געזוכט זיך צו ראטעווען.

ער איז געלאפען איבער די הינטער־געסלעך און עס איז איהם געלונגען ארויסצוכאפען זיך פון האמבורג. זיין רעכנונג איז געווען, צו קומען צו דעם נעהנסטען שטעדטעל און דארט נעהמען א וואגען און אנטלויפען ווייטער ביז ער וועט קומען נעהנטער צו בערלין.

ער האט אבער א טעות געהאט אין זיין רעכנונג. ווארום סאוואנאל, בעגלייט פון סערזשין, גילאנעט און די זשאנדארמען זיינען איהם פערלאפען דעם וועג. ער האט זיי פלוצלונג דערזעהען, ארויסגעהענדיג אויפ'ן גלייכען וועג, וואס האט געפיהרט צום נעהנטסטען שטעדטעל. פאפיאל האט גענומען לויפען צוריק. דאך יענע האבען איהם שוין בעמערקט און האבען גענומען

שיסען נאָך איהם. א קויל האָט איהם געטראָפּען אין פוס און ער איז אנידערגעפאלען.

אין א ווײלע ארום איז ער געווען ביי גילאנעט'ן אין די הענד, און נעבען איהם איז געשטאַנען סערזשין מיט א טריאומפּירענדיגען שמייכעל.

מען האָט איהם געבראַכט א פערוואונדעטען אין א דערבייאיגען שענק. גילאַנעט האָט ארויסגענומען דאָס גאַנצע געלד פון זיינע טאַשען.

סערזשין האָט אויסגעשטרעקט די האַנד צו גילאַנעט'ן און געזאָגט:

— קאַפּיטאַן, מיינע הונדערט טויזענד פראַנק!

גילאַנעט האָט רוהיג אריינגעלעגט דאָס געלד אין בוזים־קעשענע און האָט רוהיג געענטפערט:

— איהר קריעגט דאָס געלד אין פּאַריז, מיין הערר!

סערזשין איז בלייך געוואָרען.

— וואָס מיינט איהר, קאַפּיטאַן?

— איך מיין, — האָט גילאנעט געזאָגט — אַז איהר אַליין געהט אויך מיט אונז מיט נאָך פּאַריז, ווייל איהר זייט דער מאַן אויף וועמען מען וואַרט דאָרט, גאַסטאָן זשינערס! — האָט גילאַנעט אויסגעשריען מיט א דונער שטימע.

סערזשין האָט זיך א צאַפּעל געטהאָן מיט'ן גאַנצען קערפּער און האָט ארויסגעכאַפּט א רעוואָלווער פון טאַש. גילאנעט האָט אבער ארויסגעשלאָגען דעם רעוואָלווער פון זיינע הענד און האָט איהם מיט דער הילף פון די זשאַנדאַרען אַנגעטהאָן קייטלעך אויף די הענד.

צוויי שטונדען שפּעטער זיינען אַלאַדין און זשינערס,ביידע געשמיעדטע, געזעסען אין א טריין, וועלכע האָט זיך געטראָגען נאָך פּאַריז. געגען זיי איז געזעסען גילאנעט מיט צוויי זשאַנדאַרען. גילאַנעט האָט זיך אין הארצען געפרעהט, וואָס איהם איז געלונגען צו כאַפּען אַזוינע צוויי וויכטיגע „העכט" און האָט געטראַכט וועגען די גרויסע בעלוינונג וואָס ער וועט דערפאַר קריגען. אונטער דיזע אַנגענעהמע געדאַנקען איז ער אנשלאָפען געוואָרען.

— פּלוצלונג האָט דער „באַראָן" דערפּיהלט א שטוים אין זייט.

— באַראָן! — האָט ארויסגעשעפּצעט פּאַפּיאָל־אַלאַדין.

— וואָס פערלאַנגט איהר?

— דו הייסט זשינערם?

— יא.

— גאסטאָן זשינערס?

— יא.

— דער פעלשער?

— יא, זאָג איך אייך. — איז דער באַראָן געוואָרען אונגעדולדיג.

— דו ביזט דער ברודער פון א באַנקיער אין טולאָן?

— וואָס קימערט עס אייך?

— עס קימערט מיך שוין זעהר פיעל. — האָט אַלאַדין געענטפערט — דיין אונגליק בעדויער איך פון טיעפען הארצען. מיר זיינען פערוואַנדטע.

— וואָס מיינט איהר?

— מיר זיינען מחותנים. — האָט אַלאַדין ערקלערט — דיין ברודער האָט געהייראַטעט מיינע א נאָהענטע פריינדין.

— מיין ברודער?

— יא, דיין ברודער האָט געהייראַטעט מיינע א שילערין, וועלכע האָט ווייט איבערגעשטייגט איהר לעהרער.

— לאָז מיך צורוה. — האָט זשינערס איהם איבערגעבראָכען מיט א טרויעריגער מינע.

— זיי ביי זיך ניט אַראָבגעפאַלען, מיין פריינד. — האָט איהם אַלאַדין געגומען טרייסטען — די פינף יאהר געפענגנים וועלען אַריבער. לאָמיר בעסער אָבמאַכען צווישען זיך, מיר זאָלען פערבלייבען פריינד אויף'ן לעבענ־לאַנג. דו וועסט זעהן, וואָס מיר ביידע וועלען דאַן קענען אויפטהאָן.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט און געעפענט די אויגען. די אַרעסטאַנטען זיינען אַנשווייגען געוואָרען.

צווייטער קאַפּיטעל.

א גרוס פון אַראַבעללאַ'ן.

פינף יאהר שפּעטער. די קירכע סענט־פיליפּ איז העל בעלייכטעט און פון דער בעסטער געזעלשאַפט בעזוכט. דאָרט קומט איצט פּאָר א גאָמעס־

דיענסט לכבוד אַן אַנשטאַלט פאַר יתומים, וואָס די דאַמען פון דער הויכער געזעלשאַפט האָבען געגרינדעט.

הינטער די לעצטע רייהען שטוהלען שטעהן צוויי יונגע לייט און רעדען אין דער שטיל.

איינער פון זיי איז הענרי קאַרדאַץ, אַ יונגער סטודענט פון מעדיצין; דער אַנדערער איז הערר מאַליני, אַ יונגערמאַן אויס אַ רייכער און פאָרנעהמער פאַמיליע.ביידע יונגע לייט זיינען בעפריינדעט.

— דו וועסט באַלד זעהן מאַדאַם זשינערס. — האָט מאַליני גערעדט — זי וועט גלייך געהן מאַכען אַ „קאָלעקשאָן" פאַר דעם וויזענהויז. זי איז דאָך די פּרעזידענטין פון דעם דאָזיגען אַנשטאַלט. דאָרט זיצט זי נעבען דער גרעפין סאַנאָף. זעה ווי שעהן זי איז!

הענרי האָט זיך איינגעגעסען מיט די אויגען אין מאַדאַם זשינערס. נאָך קיינמאָל האָט זי איהם ניט אויסגעוויזען אַזוי געטליך־שעהן.

מאַליני האָט גערעדט ווייטער:

— די גרעפין סאַנאָף איז אויך אַ היבשע פרוי, ניט אמת? צי מאַגער אפילו, אָבער מיט אַ שימערענדיגער גאָלדענער הויט, אַזוי ווי אַ פלאַם וואָלט איבער איהר פּנים זיך געטראָגען. ווען מען וואָלט מיט איהר, דאַכט זיך, אָז אָט־אָט וועט זי צובראָכען ווערען אונטער דיינע הענד, ווי דינעס גלאָז... מען זאָגט, אַז זי האָט נאָהענטע פערהעלטניסע מיט... אָבער, וואָס רעד איך צו דיר וועגען די גרעפין, ניט זי אינטערעסירט דיך, איך ווייס. דו קוקסט אויף פריילין איוווע דע אַנזשעלים, וועלכע האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי דעם באַנקיער זשינערס אין הויז. איך ווייס, אַז דו ביזט פערליעבט אין איהר. דו האָסט אַ גוטען געשמאַק. זי איז שעהן, ווי אַ הייליגע און האָט אַ צוויי מיליאָן אַלס נדן. אָבער אום זי צו קריגען פאַר אַ פרוי, מוז מען פריהער געפעלען ווערען מאַדאַם זשינערס, וואָס ליעבט זי, ווי אַ אינגערע שוועסטער.

— איך דענק גאָר ניט וועגען יענע פריילין. — האָט הענרי זיך אָבגערופען.

— דאַן קוקסטו מיט אַזעלכע גליהענדיגע אויגען אויף מאַדאַם זשינערס אַליין.

— איך? — האָט זיך הענרי אַ כאַפּ געטהאָן צושראָקען, דערזעהענדיג אַז זיין פריינד האָט זיך אָנגעשטויסען אויף דאָס „ריכטיגע".

— לייקען ניט, הענרי, עס וועט דיר ניט העלפען. — האָט יענער געזאָגט — אַך, מיין אָרימער פריינד, טראַכט בעסער ניט וועגען מאַדאַם זשינערס. זי איז די פערבאָטענע פרוכט, דער נאָרד־פּאָל, דער אייביגער שנעע! גיכער וועט א סטאַטוע לעבעדיג ווערען און וועט זיך אין דיינע אָרעמס ווארפען; גיכער וועט א קעניגין איהר פּלאַץ פערלאָזען, איהר קרוין אויפגעבען און דיין געליעבטע ווערען, איידער די שעהנע מאַדאַם זשינערס וועט דיך צו איהר נאָהענט צולאָזען. מעגסט אפילו אוים ליעבע צו איהר צוואַנציג יאָהר לאַנג שלאָפען אויף א מאַטראַץ מיט נאָדלען אָנגעפילט; מעגסט אפילו איהר ברענגען א בלום וואָס האָט געבליהט אויף דעם העכסטען באַרג פון דער לבנה: מאַדאַם זשינערס וועט דיר דערפאַר אפילו דעם שפּיץ פון איהר קליינעם פינגערל ניט געבען קושען.

הענרי איז געוועזן גליקליך פון מאַליני׳ס ווערטער. זי וועט איהם ניט ליעבען, אבער אַנאַנדערען וועט זי אויך ניט ליעבען. די פרוי, וואָס ער האָט געליעבט, איז געוועזן און וועט אייביג בלייבען ריין. אָבער וואָרום קוקט זי אזוי אויף איהם שוין דעם צווייטען מאָל? וואָס פאַר אויגען! וואָס פאַר א פייער!...

הערדי מאַליני האָט גערעדט ווייטער:

— איהר גלויבט ניט, זי זאָל ליעבען איהר מאַן. איך וועל ניט רעדען קיין שלעכטס אויף הערר זשינערס, ער איז מיינער א שטיקעל קרוב, אבער צווישען אונז גערעדט, ער האָט גאַר ניט אין זיך, פאַרוואָס אזא פרוי, ווי אראַבעללאַ זאָל איהם ליעבען. ער וואָלט נאָך ביז היינטיגען טאָג פערבליעבען ניט מעהר ווי א פּראָווינץ־באַנקיר, ווען ניט אראַבעללאַ. זי איז זעהר עהר־גייציג. זי האָט איהם גערואַטהען ריבערצוטראָגען זיין געשעפט קיין פּאַריז; זי האָט איהם געהאָלפען אין פּאָליטיק, און נור א דאַנק איהר איז ער איצט א דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט. וואַרט אוים, זי וועט איהם נאָך מיט דער צייט פאַר א מיניסטער אויך מאַכען.

ווען דער גאַטעסדיענסט האָט זיך געענדיגט, האָבען זיך די צוויי יונגע לייט אָבגעטראָגען אן א זייט, אום דורכצולאָזען די דאַמען.

הענרי קאַרדאַץ האָט דערפיהלט, ווי זיין האַרץ האָט גענומען קלאַפּען שטאַרק, שטאַרק, ווען מאַדאַם זשינערס האָט זיך דערנעהנטערט צו זיי. פּלוצלונג האָט זי זיך אָבגעשטעלט פאַר דיביידע יונגע לייט.

— נעבע! — האט זי זיך געווענדעט צו מאליני — מיר האבען אייך ערווארטעט צו אונזער באלל. ווארום זייט איהר ניט געקומען?

— איך בין געוועזן קראנק, ווערטהע מאנטע. — האט מאליני געענטפערט.

דאן האט זיך אראבעללא געווענדעט צו הענרי'ן מיט א ליכטיגען שמייכעל און געזאגט הויך אזוי, אז אלע זאלען הערען:

— העדר קארדאף, און אייך וואלט איך וועלען זעהן מארגען אום דריי אוהר. איך וויל אייך עפעס מיטטהיילען. איך האף, אז איהר וועט מיר דיזען פערגניגען פערשאפען.

דריטער קאפיטעל.

אנזשעלים.

אויף מארגען פונקט אום דריי אוהר, איז הענרי קארדאף צוגעגאנגען צו זשינער'ס פאלאץ און האט אנגעקלונגען. א דיענער אין א ליוורעע האט די טהיר געעפענט און געפרעגט ווען ער דארף.

— מאדאם זשינערס. — האט הענרי געענטפערט.

— אייער נאמען, מיין העדר?

— הענרי קארדאף.

— די מאדאם ערווארטעט אייך, מיין הערר.

הענרי האט זיך פערוואונדערט, ווי? זי האט איהר דיענער דערצעהלט וועגען דעם ערווארטעטען בעזוך?

אין עטליכע מינוטען ארום איז ער געשטאנען אין א גרויסען סאלאן אויף דעם ערשטען שטאק און האט געווארט אויף אראבעללא'ן.

ווען זי איז אריינגעקומען, א הויכע, א שלאנקע, אין א רייכען ווייסען קלייד מיט די גאלד־רויטע האאר אויפ'ן קאפ, ווי א ברענענדיגע, האט ער גענומען ציטערן מיט'ן גאנצען קערפער, און האט זיך געמוזט אנכאפען פאר די ווענטעל פון א שווערער קרעסלא. ער האט א נייג געטהאן מיט'ן קאפ און דער גאנצער פנים זיינער האט זיך אנגעצונדע, ווי א שטיק פייער.

זי איז צוגעגאנגען צו איהם מיט שנעלע טריט, און האט ארויסגערעדט מיט אונמוטהיגען שמייכעל:

— הערר קארדאף, איך בעט אייך, מיך ניט צו ליעבען!

הענרי האט זיך ארונטערגעלאזט אויף די קרעסלא.

— איהר הערט, איהר זאלט מיך ניט ליעבען. — האט זי גערערט ווייטער מיט א רוהיגער, צערטליכער, כמעט מוטערליכער שטימע — איהר האט געוויס ניט ערוואַרטעט דאס צו הערען פון מיר, אבער איך האלט עס פאר מיין פפליכט עס אייך צו זאגען. איך וויל ניט ליעבען אייך.

הענרי האט געפיהלט, אזוי ווי ער וואלט געפאלען פון הימעל אין די העללע אריין. אראבעללא האט זיך געזעצט נעבען איהם און גערעדט ווייטער:

— איהר זייט אזוי יונג, אזוי גוט, אזוי טרייהארציג; איהר האט זיך געלאזט פערפיהרען פון א פאלשער האפנונג. איך קען אייך גאר ניט געבען פאר אייער ליעבע. איך בין א פערהייראטעטע פרוי און א מוטער. פער־ליעבט זיך בעסער אין איינער, וועלכע וועט אייך קענען ליעבען. עס זיינען פאראן יונגע מיידלעך, וואס זיינען שעהנער פון מיר.

— אייך ניט צו ליעבען, — האט ער אונטערבראכען זי מיט א ציטערנ־דיגער שטימע — אייך ניט צו ליעבען: דאס הענגט ניט אב פון מיר און ניט פון אייך.

— און דאך מוזט איהר אין דיזער ליעבע פערגעסען. — האט אראבעללא ווידער געזאגט — פון אייערטוועגען אליין מוזט איהר אן דיזער ליעבע פערגעסען. עס איז ניט קלוג צו ליידען צוליעב א פערהייראטעטע פרוי... איך בעט אייך, הענרי, צוליעב מיין און אייער רוה. איך וואלט געווען זעהר אונגליקליך, ווען איך זאל וויסען, אז איהר קענט ניט בעהערשען דאס געפיהל צו מיר. איך וויל אייך געבען מיין האנד פון א פריינדין, פון אן עלטערער שוועסטער.

און שטיל, גאנץ שטיל, האט זי ארויסגעשעפצעט איין ווארט:

— סעבאסטיאן!

דאן האט זי זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צו א פענסטער און א וואונק געטהאן צו הענרי׳ן, ער זאל צוגעהן צו איהר.

הענרי האט זיך אויך אויפגעהויבען, ווי אין א חלום, און איז צוגעגאנגען צו איהר.

דאס פענסטער איז ארויסגעגאנגען צו א גארטען, א שעהנעם, גרויסען

גארטען מיט אלטע בוימער, פרעכטיגע בלומען און ווייסע וועגען צווישען די אלעען

— קוקט ! — האט אראבעללא ארויסגעשעפצעט.

אונטער א בוים איז געזעסען א יונגע שעהנע בלאנדע מיידעל און האט געלעזען. איצט האט זי אויפגעהויבען איהרע אויגען פונ׳ם בוך, אקוראט ווי זי וואלט געפיהלט, אז מען קוקט אויף איהר.

הענרי האט געזעהן איהר העל, ראזע, קינדעריש פנים׳ל. דאס מיידעל האט מסתמא בעמערקט אראבעלא׳ן נעבען פענסטער, ווארום א שמייכעל האט גענומען שפיעלען אויף איהרע פרישע ליפען, ווי א זונען־שטראהל. דאס איז געווען אנזשעלים, דאס יונגע מיידעל, וואס ער האט געזעהן אין דער קירכע סענט פיליפ נעבען אראבעללא׳ן זיצען.

הערר קארדאף האט ניט געזאגט אפילו א ווארט ארויסצורעדען. ער האט נור פערשטאנען, אז מאדאם זשינערס האט איהם אנגעוויזען, וועמען צו ליעבען.

— אדיע ! — האט דאן אראבעללא געזאגט.

און ער האט זיך פערנייגט פאר איהר און האט דעם סאלאן פערלאזען.

אראבעללא האט שוין אויך געוואלט פערלאזען דעם סאלאן, ערשט די טהיר האט זיך אן עפען געטהאן, און עס איז אריינגעקומען אנזשעלים, א מיידעל, ווי פון ליכט און גאלד בעשאפען.

— ער איז אוועק ?

— דו זעהסט דאך.

דאס מיידעל איז געבליעבען שטעהן, ווי פערשעהמט און געדרעהט דאס בוך אין איהרע הענד.

— קום צו נעהנטער, קינד. דו ווילסט מיך וואס פרעגען ?

אנזשעלים האט א ריהר געטהאן מיט די ליפען, האט אבער גאר ניט ארויסגערעדט.

— איך האב געוואלט... איך וויל — האט זי ארויסגעשטאמעלט. דאן האט זי זיך אווארף געטהאן צו אראבעללא׳ן אויף דער ברוסט און ארויס־געשעפצעט :

— אך, זאג דאך מיר, אז ער ליעבט מיך !

אראבעללא האט איהר א קוש געטהאן.

— ער וועט דיך ליעבען, קינד.

— איז ער צוליעב מיר אין קירכע נעכטען געקומען?

— יא, קינד, צוליעב דיר.

— אה, מיין גאָט, ווי גליקליך איך בין! — האָט אנזשעלים אויס־געשריען — האָט ער היינט מיין האנד אויך געבעטען?

— דו פערריקטע, וואָס איילסטו זיך? — האָט אראבעללא זיך צולאכט.

— אבער ער וועט דאָך באלד בעטען מיין האנד?

— יא, באלד.

דאָס יונגע מיידעל האָט אין גאנצען גענומען שטראהלען, האָט א קוק געטהאָן אין שפּיעגעל און גענומען טאנצען און דרעהען זיך איבער'ן סאלאָן. א פריהלינג האָט זיך געפערעהט און געשפּיעלט זיך...

פיערטער קאַפּיטעל.

א ר א ב ע ל ל א.

זייט אראבעללא האָט געהייראט, איז זי געוואָרען אַן אנדער פרוי, האָט זיך אויפגעפיהרט אנשטענדיג און איז געווען געאכטעט פון אלעמען. זי וואָלט זיך געפיהלט זעהר גליקליך, ווען ניט איהר קראנק קינד. דאָס קינד, וואָס זי האָט א נאָמען געגעבען סעבאסטיאנע, צום אנדענקען פון דעם אונגליקליכען סעבאסטיאן, איז געווען זעהר שוואך און האָט ניט געקענט פערטראָגען די פערשטיקטע לופט פון פאריז. דער דאָקטאָר האָט געראטהען מען זאָל דאָס קינד האלטען אין קאנטרי. זשינערס, וועלכער האָט ארויס־געוויזען וועניג צערטליכקייט פאר זיין קינד, האָט איינגעוויליגט עס אָבצו־שיקען צו זיין שווער אין הויף האדרוען. אראבעללא האָט געבענקט נאָך איהר קינד און דאָס האָט איהר געשטערט צו זיין אין גאנצען גליקליך, ווי זי וואָלט געווען, ווען זי וואָלט דאָס קינד געהאַט נעבען זיך.

אזוי אָבער איז אראבעללא געווען גליקליך; זי איז געווען רייך, געעהרט, א וואָהלטהעטערין פאר די אָרימע און א ציערונג פאר די געזעל־

שאפט. מיט הענרי'ס קומען איז זי געווען צופריעדען. זי איז געווען זיכער, אז סוף כל סוף וועט הענרי זיך פערליעבען אין אנזשעלים, ווי זי אין איהם.

זי האָט אָנגעקלונגען און געהייסען איינשפּאַנען.

עס איז געווען א שעהנער פריהלינג־טאָג און זי איז ארויסגעפאָהרען אין די עליסייען פעלדער. אין דער עווענין דע לא גראַנד ארמי האָט איהר קאַרעטע זיך געמוזט אָבשטעלען, מחמת דאָרט איז געווען אזא געדרענג פון מענשען, אז איהר קאַרעטע האָט ניט געקענט דורכפאָהרען.

וואָס איז דאָרט געווען? א יריד־סצענע. אין מיטען, אויף א שטריק אין דער הויך איז געשטאַנען אַן אַקראָבאַט און האָט זיך געבראָכען. דער עולם איז געווען בעגייסטערט און האָט געשריען און געליאַרעמט: „בראַוואָ! בראַוואָ!"

אראַבעללא האָט זיך אָבגעוואָרפען אין קאַרעטע און האָט זיך אויך היינגעריסען מיט די קונצען פון דעם אַקראָבאַט; ער האָט איצט געטאַנצט מיט איין פוס אויפ'ן שטריק. אראַבעללא האָט זיין פּנים ניט געזעהן, נור זיין רוקען און טאַליע, וועלכע האָבען זיך געדרעהט אין דעם שטייפען לייקענעם קאָסטיום, אזוי ווי זיי וואָלטען גאָר ניט געהאַט קיין ביינער.

דאָך פּלוצים האָט זיך דער מאַן אומגעדרעהט אויפ'ן שטריק מיט'ן פּנים צום פּובליקום און האָט זיך פערנייגט.

אראַבעללא האָט זיך א טרייסעל געטהאָן און האָט דערשטיקט אין זיך א געשריי. דער מאַן איז געווען פּאַפּיאָל.

ער האָט זי אויך בעמערקט אין קאַרעטע, האָט זיך אויך א ציפּעל געטהאָן אויפ'ן שטריק, און איידער אראַבעללא איז געקומען צו זיך, איז ער אראַב־געשפּרונגען פון שטריק ווי א טייפעל און, דורכשלאָגענדיג זיך א וועג דורך די מענגע מיט די עלענבויגענס און פויסטען, איז ער צוגעלאָפען צו איהר קאַרעטע מיט א געשריי:

— אראַבעללא! אראַבעללא!

זי האָט זיך א כאַפּ געטהאָן צושראָקען און גענומען שרייען צום קוטשער ער זאָל פאָהרען צוריק.

דער קוטשער האָט א טרייב געטהאָן די פערד.

פינפטער קאַפּיטעל.

פּאַפּיאַל איז זייט צוויי וואָכען געווען פריי, און באַלד האָט ער זיך גענומען צו זיין אַלטער פּראָפעסיאָן. די גאַנצע צייט אָבער האָט ער געטראַכט פון אַראַבעללאַ'ן, ווי אַזוי מען געפינט זי אויס.

און פּלוצים האָט זי איהם דערזעהן...

ווען אַראַבעללאַ האָט זיך צוריקגעקעהרט אַ היים, האָט זי זיך איינ־געשלאָסען ביי זיך אין בודואַר. איז עס מעגליך? ער לעבט? ער איז געווען אין פּאַריז, דיזער וואַגאַבונד, דיזער וואַלד־רויבער, דיזער קנעכט, מיט וועלכען זי האָט געהאַט צו טהון אויף אַזאַ שענדליכען, עקעלדיגען אופן... דיזער גנב, סעבאַסטיאַן'ס מערדער, זי האָט איהם ווידער געזעהן? ער איז ווידער ארויסגעקראָכען פון זיין פינסטערע בעהעלטעניש?

זי האָט פערשטיקט איהר שלוכצען מיט אַ טאַשענטוך. דאָמיניק האָט זי דערקענט, ער וועט זי פערפאָלגען. דער דאָזיגער געדאַנק איז געווען שרעקליך. ער איז אימשטאַנד געווען אַרויפצוקומען, די טהיר אין איהר בודואַר אופברכען און זאָגען איהר:

— הער נור, איך האָב דיך נאָך איצט אויך ליעב!..

או ווען ער וואָלט נאָך געוואוסט פון דעם קינד, פון זיין קינד!...

אַראַבעללאַ האָט ביי דיזען געדאַנק גענומען ציטערן מיט'ן גאַנצען קערפּער, און זי האָט זיך אַ וואַרף געטהאָן אויפ'ן בעט און זיך צוואויינט.

דאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין טהיר איהר קאַמערמעדכען. אַראַבעללאַ איז אויפגעשפּרונגען פון בעט און האָט איהר די טהיר געעפענט. דאָס קאַמער־מעדכען איז אריין מיט אַ לאָמפּ און האָט איהם אוועקגעשטעלט אויפ'ן טיש.

— ווי שפּעט איז עס, ראָזעטע?

— זיעבען אוהר, מאַדאַם, ווילט איהר זיך ניט אָנטהון? איהר וועט היינט האָבען געזעלשאַפט ביים טיש.

— יא — האָט אַראַבעללאַ געענטפערט.

— דער שניידער האָט פאַר דער מאַדאַם געבראַכט אַ קאָסטיום פון אַ גריעכישע שקלאַפין, וואָס איהר ווילט טראָגען שבת אויפ'ן מאַסקען־באַלל. ווילט איהר, מאַדאַם, איהם אָנמעסטען?

— ניין. ניט איצט. העלפט מיר זיך אָנטהון, ראָזעטע.

און ווען דאָס קאַמערמעדכען האָט זי אָנגעטהאָן, איז זי אַוועק אין שפּייז־זאַאַל אַ שטראַהלענדיגע, אַ ליכטיגע און אַ פרעהליכע, האָט זיך צום טיש געזעצט צווישען אַ סענאַטאָר און אַ דעפּוטאַט פון פּאַרלאַמענט. דאָס איז איצט געווען איהר געזעלשאַפט...

פּאַפּיאָל האָט זיך דערוואוסט, וואו זי צו געפינען. זי איז געווען צו פּאָפּולער אין פּאַריז. אַ סך מאָל האָבען די צייטונגען גערעדט וועגען די בעלער, וואָס מאַדאַם זשינערס האָט געגעבען אין איהר פּאַלאַץ.

און אין דעם זעלבען טאָג נאָך, ווען ער האָט זי דערזעהן, האָט ער אויס־געפונען איהר אַדרעס אין אַ טעלעפאָן־דירעקטאָרי, און ער איז גלייך געגאַנגען צו איהר הויז. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ גרויסען אייזערנעם טהויער, וואָס איז געווען פערשלאָסען פון אינווענינ. ער האָט צוגעדריקט זיין שטערן צום קאַלטען אייזען און האָט דורכ'ן טויער אריינגעקוקט אין הויף.

די פאַרבייגעהער האָבען זיך אָבגעשטעלט קוקען אויף דעם מאַן, וואָס האָט געהאַלטען דעם קאָפּ צוגעדריקט צום טהויער.

אַ דיענער האָט געעפענט אַ טהיר.

— וואָס ווילט איהר? — האָט ער געפרעגט פּאַפּיאָל'ן.

פּאַפּיאָל האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט דאָך ניט געקענט זאָגען, אַז ער וויל געהן צו זיין אַלטער געליעבטער...

דער דיענער האָט ווידער צוגעשלאָסען די טהיר. עס איז איהם ניט אָנגעשטאַנען צו פערפיהרען אַ שמועס מיט דיזען בעטלער.

פּאַפּיאָל האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטיין. ער האָט פערשטאַנען, אַז אַראַבעללאַ איז צו ווייט פון איהם. זי וועט אַנטלויפען פון איהם. זי איז פערלאָרען פאַר איהם.

אין דיזער צייט איז פאַרבייגעגאַנגען אַ מאַן, וועלכער האָט זיך אָבגעשטעלט נעבען פּאַפּיאָל'ן. דער מאַן איז געווען זעהר עלעגאַנט אָנגעטהאָן.

פּאַפּיאָל האָט איהם גלייך דערקענט. דאָס איז געווען באַראָן סערזשין, אָדער גאַסטאָן זשינערס.

זעקסטער קאַפּיטעל.

גאַסטאָן זשינערס.

האָט ער זיך פּערעלטערט? האָט ער אויסגעזעהן פּערענדערט? ניין. די פינף יאהר געפענגניס, די ערעסטאַנטסקע קליידער, די שווערע ארבייט, — דאָס אַלעס האָט איהם ניט געקענט צושטערען זיין אריסטאָקראַטישען אויסזעהן.

גלייך און שלאַנק אין זיין דונקעל-גרויען אַנצוג מיט אַ ריין-ראַזירטען פּנים, מיט שעהנע וואָנצעס איז ער געשטאַנען עטליכע טריט פון פּאַפּיאָל'ן, פערדיכטענדיג אַ בלום אויף אַ לאַץ.

ער האָט בדעה געהאַט צו געהן אָנקלאַפּען צו זיין ברודער אין פּאַלאַץ, הגם ער האָט גוט געוואוסט, אַז זיין ברודער, דער מיליאָנער, וועט איהם ביי זיך איבער'ן שוועל ניט לאָזען אריבערטרעטען. דאָך האָט ער געוואָלט פּרואווען, דען ער האָט ניט געהאַט קיין גראַשען ביי זיין נשמה.

דערווייל האָט ער דערזעהן פּאַפּיאָל'ן און האָט זיך מיט איהם דערפרעהט, פּונקט ווי פּאַפּיאָל האָט זיך מיט איהם דערפרעהט.

אַלאַדין-פּאַפּיאָל האָט אַ טראַכט געטהאָן, אַז איהם אַליין וועט שווער זיין צו בעזיעגען איצט אַראַבעללאָן, נור מיט דער הילף פון דעם „באַראָן" וועט איהם אפשר יאַ מעגליך זיין.

דער „באַראָן" האָט צו איהם אַ וואונק געטהאָן און איז אַוועק איבער'ן טראָטואַר; פּאַפּיאָל האָט זיך אויפגעהויבען פון שטיין און איז אַוועק נאָך דעם „באַראָן". דאָן האָבען זיי זיך ביידע פערקירעוועט אין אַ זייטיגער געסעל...

דעם נעכסטען שבת איז ביי זשינערס אין פּאַלאַץ געווען אַ מאַסקען-באַלל, וועלכען „גאַנץ פּאַריז" האָט בעזוכט. די אריסטאָקראַטישע דאַמען זיינע געווען אָנגעטהאָן אין אַזוינע קאָסטיומען, וואָס האָבען מעהר ארויסגעוויזען, ווי צוגעדעקט. אַראַבעללאַ אַליין איז געווען אָנגעטהאָן אַנשטענדיג.

זייענדיג זיכער אין איהר שעהנהייט, האָט זי געטראָגען אַ ווייסע קלייד מיט גאָלדענע שפּיצען, וועלכעס איז געלעגען ווי אויסגעגאָסען אויף איהר

שלאַנקער, פּלאַסטישער פיגור; די צולאָזטע גאָלד־רויטע האָר האָבען געשימערט אויף איהרע שולטערן, ווי גאָלדענע כוואַליעס.

זי האָט זיך געפיהלט מיעד, מיעד פון דער דורכגעלעבטער מורא און אונרוהיגקייט, וואָס האָבען איהר נשמה געמוטשעט זינט זי האָט ווידער געזעהן פּאַפּיאָל'ן. דערצו נאָך האָבען זי אויסגעמאַטערט די פּאַרבערייטונגען צו דעם היינטיגען פעסט.

נאכהער, ווי זי האָט אויפגענומען אויף אַ געהעריגען אופן אַלע איהרע געסט, נאָכדעם ווי זי האָט יעדען בעזונדער געמאַכט אַ קאָמפּלימענט, איז זי ארויס אין גאָרטען אום אבצוכאַפּען דעם אָטהעם און צו בלייבען אַ ווײַלע אליין מיט איהרע געדאַנקען. אין דער שטילקייט פון דער נאכט האָבען זיך געהערט די טענער פון דער מוזיק, וואָס האָבען זיך געטראָגען פון טאַנץ־זאַאַל.

פּלוצלונג האָט אַראַבעללאַ דערהערט אַ שטילען גערויש. זי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן: אַ יונגערמאַן אין אַ שווארצען פראַק איז געשטאַנען פאַר איהר און האָט זי בעגריסט מיט אַ רעספּעקטפולער פערבויגונג. זי האָט צו איהם אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ.

— עס איז געווים איינער, — האָט זי אַ טראַכט געטהאָן — וואָס איז געקומען מיט אַן איינגעלאַדענעם גאַסט.

— און אזוי ווי דער יונגערמאַן וואָלט פערשטאַנען וועגען וואָס זי טראַכט, האָט ער אָנגעהויבען:

— מאַדאַם, איך האָב קיין רעכט ניט געהאַט צו קומען אהער. קיינער האָט מיך ניט פאָרגעשטעלט פאַר אייך. קיינער וועט מיך ניט פאָרשטעלען פאַר אייך. איך בין אייערער אַ פערוואַנדטער, אָבער אַזאַ, וואָס מען וויל ניט קענען, מיט וועמען מען שעהמט זיך. איך הייס גאַסטאָן זשינערס.

זי האָט זיך אויפגעהויבען פערוואונדערט.

זי האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז איהר מאַן האָט טאַקע ערגעץ געהאַט אַ ברודער מיט'ן נאָמען גאַסטאָן. ער האָט זעלטען גערעדט פון איהם, און ווען ער האָט אפילו פון איהם יאָ שוין גערעדט, איז אימער אין אַזאַ טאָן ווי פון איינעם מיט וועמען מען האָט זיך אויף אייביג צושיידט. זי האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז דער זעלבער גאַסטאָן איז אַ פעלשער. וואָס וויל ער פון איהר? וואָס זוכט ער דאָ?

ער איז צוגעגאַנגען צו איהר אין אַזאַ פּאָזע, אַקוראַט ווי ער וואָלט

זיך געוואָלט אַ וואָרף טהון פאַר איהר אויף די קניע, האָט אָנגענומען איינע פון איהרע הענד און אַ קוש טהוענדיג מיט גרוים רעספּעקט, האָט ער ווייטער גערעדט:

— און איצט ווייסט איהר, ווער איך בין? אונזער פאַמיליע האָט צוויי זשעניען: איינעם אַ גוטען און איינעם אַ בייזען, דער בייזער זשעניע בין איך. איך האָב אַזוי פיעל שלעכטס געטהאָן אויף מיין לעבען, וויפיעל איהר גוטעס. דער נאָמען זשינערס פערדאַנקט אייך אַלעס, וואָס האָט איהם גרוים געמאַכט און מיר אַלעס, וואָס האָט איהם בעפלעקט. איך האָב אַהער ניט געדאַרפט קומען, און ווען איך בין יאָ געקומען, איז עס נור דערפאַר, ווייל איך האָב חרטה אויף מיין גאַנצער פערגאַנגענהייט און איך רעכען אויף אייער גנאָד.

דיזע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט אין אַזאַ טאָן, הינטער וועלכען עס איז פערבאָרגען געווען אַ לייכטע איראָניע.

אַראַבעללאַ האָט אָבער ניט געפיהלט דיזע איראָניע. זי האָט רחמנות געהאַט איבער דיזען יונגענמאַן, וועלכער האָט בעגאַנגען פעהלערן, אבער וועלכער איז אויך בעשטראָפט געוואָרען פאַר זיי. און מיט אַ ווייכער שטימע האָט זי זיך אָבגערופען:

— יאָ, איך קען אייך.ווירקליך, איהר האָט גענוג אורזאַכען צו מאַכען זיך פאָרווירפע פאַר אייער פערגאַנגענהייט. איך האָף אבער אז אין דער צוקונפט וועט איהר זיך סטאַרען צו פערבעסערן אייערע פעהלערן. איהר האָט גוט געטהאָן, וואָס איהר האָט זיך געווענדעט צו מיר. וואָס קען איך פאַר אייך טהון? וואָס פערלאַנגט איהר?

— אַך, — האָט זיך אָבגערופען גאַסטאָן זשינערס — איך בין דרייסיג יאָהר אַלט. איז עס מעגליך, אז פאַר אַ יוגענד־פערברעכען זאָל איך מיין גאַנץ לעבען לאַנג ליידען?

— ניין. — האָט אַראַבעללאַ געענטפערט גערירהט.

— טאָ העלפט מיר. —האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַ בעטענדיגען קול— גיט מיר צוריק מיין לעבען. אין אייערע הענד ליעגט מיין גאַנצע צוקונפט. ווען איהר נעהמט מיך אויף אין אייער הויז, ווען מיין ברודער נעהמט מיך אויף, דאַן בין איך גערעטעט. איך פערלאַנג ניט, אז אייער מאַן זאָל מיך פאָרשטעלען אַלס זיין ברודער. איך בין בערייט אָנצונעהמען אַנאַנדער

נאָמען, און זאָל דער ברודער מיך פאַרשטעלען אַלס זיינעם אַ וויטען קרוב. נוצט אויס מיינע אייגענשאַפטען צום גוטען, ווי איך האָב זיי אויסגענוצט צום שלעכטען. מאַכט מיך רייך און בעריהמט. מאַכט, איהר זאָלט זיך ניט דארפען שעהמען מיט מיר. מאַדאַם, איך און איהר קענען פעראייניג־טערהייט פיעל גרויסעס אויפטהון.

די לעצטע ווערטער האָט ער שוין אַרויסגערעדט הויך און פריי און אין זיי האָט געקלונגען האָפנונג.

אַראַבעללאַ איז פערוואונדערט געוואָרען איבער דעם טאָן, מיט וועלכען ער האָט זיינע לעצטע ווערטער אַרויסגערעדט. זי האָט איהם אַ קוק געטהאָן גלייך אין די אויגען און האָט געזאָגט:

— וואָס הייסט איהר פערלאַנגט, איך זאָל אייך רייך און בעריהמט מאַכען? וואָס בין איך אַ צויבערין? דאָס אַלעס הענגט אָב פון אייך אַליין. און וועגען אייך אויפנעהמען אין מיין הויז — דאָס מוז איך אויך אייך ענטזאָגען. איך קען עס ניט טהון.

ער איז צוגעגאַנגען צו איהר נעהנטער און אַרויסגעשעפּצעט:

— אייער אורטהייל איז צו גרויזאַם, מאַדאַם.

— איך ווייס, — האָט אַראַבעללאַ געזאָגט — אז מיין אורטהייל איז גרויזאַם, אבער קיין אַנדער אורטהייל קען פאַר אייך ניט זיין. פאָלגט מיך: פאָהרט ערגעץ אוועק און הייבט אָן אַ נייעם לעבען. ענדערט אייער נאָמען, פערלאָזט פאַריז, איהר זייט נאָך יונג איהר קענט נאָך אויסבויען פאַר זיך אַ שעהנע צוקונפט. איך פערשפּרעך אייך, אז מיין מאַן וועט אייך אונטער־שטיצען מיט זיין איינפלוס און געלד. אין די קרייזען, אין וועלכע מיר לעבען, איז די פערגאַנגענהייט אַ שטערונג פאַר די צוקונפט און די אויפריכטיגסטע חרטה קען דאָ ניט העלפען. דערפאַר קען איך ניט מיין מאַן אויפנעהמען אין זיין הויז, ער וועט אבער אייך העלפען, ווען איהר וועט זיין פון דער ווייטען.

אַ בייזער שמייכעל האָט גענומען שפּיעלען אויף גאַסטאָן'ס ליפּען.

— אום אזוי צו רעדען, — האָט ער זיך אָבגערופען — דאַרף די אייגענע פערגאַנגענהייט זיין ריין, אָהן דעם מינדעסטען פלעק...

זי האָט ניט פערשטאַנען, וואָס ער האָט געמיינט, דאָך האָט זי געפּיהלט

א פערבאָרגענע פיינדשאַפט אין זיינע ווערטער צו איהר, און א טראַכט געטהאָן: פאַרוואָס?

— אזוי, הייסט עס! — האָט גאַסטאָן זשינערס גערעדט ווייטער — איך זאָל פאריז פערלאָזען מיט דעם ביסעל געלד, וואָס מיין ברודער וועט מיר צוּוואַרפען... דאָס לעבען, פאַר וועלכען איך בין געבאָרען געוואָרען, וועט פאַר מיר בלייבען פערשלאָסען. איהר זאָגט מיר, איך זאָל אוועקגעהן, עס מאַכט ניט אויס, וואוהין, אבי ווייט, אבי ווייט. און ווארום? ווייל איינמאָל, ווען איך האָב זיך שטאַרק גענויטיגט אין געלד, וואָס מיין ברודער האָט מיר ענטזאָגט צו געבען, האָב איך אויף א שטיקעל פּאַפּיער אונטער־געשריעבען א נאָמען, וועלכער איז ניט געווען מיינער. איך מיין, אז פריילין אראַבעללאַ, וועלכע איז איצט מאדאם זשינערס, איז צו שטרענג געגען מיר.

זי איז צומישט געוואָרען. אין זיינע ווערטער און טאָן האָט זי איצט דערפיהלט א מורא׳דיגען אונגליק; אבער זי האָט זיך בעהערשט און ניט מיט א מינע האָט זי ארויסגעוויזען איהר אינוועניגסטע אונרוהיגקייט.

— איך האָב אייך ניט געדאַרפט אויסהערען, —האָט זי זיך אבגערופען— און האָב אייך ניט געדאַרפט פערשפּרעכען די הילף פון מיין מאַן. איהר רעדט איצט אין אזא זאָנדערבארער שפּראַך, וועלכע איך קען זיך ניט ערקלערען. צווינגט מיך ניט חרטה צו האָבען אויף מיינע גוטע געפיהלען צו אייך.

און אויפהייבענדיג זיך פון אָרט האָט זי צוגעלעגט.

— איך דענק, אז איהר וועט גוט טהון, ווען איהר וועט מעהר ניט קומען צו אונז. ווען איהר וועט איינווילליגען צו פערלאָזען פראַנקרייך, וועט זיין גענוג, מיר צו לאָזען וויסען וועגען דעם דורך א בריעף.

און זי האָט געוואָלט אוועקגעהן. אבער פּלוצלונג האָט ער זי אָנגעכאַפּט פאַר אן ארעם, אבגעשטעלט זי און געזאָגט:

— אלזאָ, איך האָב אייך אָנגעבאָטען פריעדען און איהר ווילט קריעג?

— וואָס האָב איך מורא צו האָבען פאַר קריעג? — האָט זי געענטפערט, בלומרשט רוהיג.

אין דיזער צייט איז אין גארטען אריינגעקומען א דיענער אין א ליווריע, וועלכער האָט געטראָגען אויף א טאַץ פערשיעדענע קאַלטע געטראַנקען.

— דאָמיניק, — האָט זיך אָבגערופען גאסטאָן זשינערס מיט א טייפלישען שמייכעל אויף די ליפען — דערלאנגט פריילין אראבעללא׳ן א גלאָז קירשענוואסער...

זיעבעטער קאפיטעל.

פאפיאָל פאָרדערט.

דאָמיניק? יא, דאָס איז געווען פאפיאָל.

ווי אזוי קומט ער אהין? גאנץ איינפאך. ער האָט זיך בעקענט מיט אראבעללא׳ס צוויי דיענער און האָט זיי פאָרגעשלאָגען ארויסצוהעלפען זיי אויפ׳ן באלל. זיי האָבען מיט פערגניגען איינגעוויליגט אויף דעם, האָבען איהם געגעבען א פראק פון א דיענער און א ליווריע, און אזוי האָט ער זיך אריינגעגנב׳עט צו אראבעללא׳ן אין פאלאץ, און האָט דאָן געגעבען די מעגליכקייט זיין פריינד גאסטאָן זשינערס אויך אריינקומען אהין.

אראבעללא איז א ווײלע געשטאנען ווי פערשטיינערט, די אויסגעגלאָצטע אויגען אויף דאָמיניק אויסגעשטעלט. דאָך פלוצלונג האָט זי א טרייסעל געטהאָן מיט איהרע גאָלדענע האאר, האָט זיך א לאָז געטהאָן צום טהיר און אויסגעשריען:

— וואָס וויל מען פון מיר? איך קען אייך ניט?

גאסטאָן זשינערס האָט איהר פערשטעלט דעם וועג און פאפיאָל האָט זי אָנגעכאפט ביים נאקעטען אָרעם, וואָס זיין ווייסע סאמעט-הויט איז איהם אזוי גוט בעקענט געווען, און האָט זי צוריקגעשלעפט צום באנק, אויף וועלכען זי איז פריהער געזעסען.

— בלייב דאָ. ווען דו ווילסט, קענסטו שרייען. איך האָב ניט מורא. ווען די געסט וועלען זיך צונויפלויפען, וועל איך זיי דערצעהלען א געשיכטע. דו מיינסט, אז זיי וועלען מיר ניט גלויבען? הא! די מענשען גלויבען אימער די וואָרהייט, בעזאָנדערס ווען זי איז עהנליך צו א פערליימדונג... איך וועל זיך אויך ניט שעהמען צו קושען דיך פאר דער גאנצער וועלט.

זי האָט פערבאָרגען איהר פנים צווישען איהרע אָרעמס, דאָן צווישען

איהרע קניע, אקוראט ווי זי וואָלט געזוכט אַן אָרט, וואו צו בעהאַלטען זיך, וואו צו פערשווינדען.

— הא, דו האָסט מיך יענע נאַכט אויסגענאַרט, מיך איבערגעלאָזען אַליין אין מיטען פעלד. א דיענער איז גוט, אבער א באַנקיער איז נאָך בעסער. אזוי, הא? איצט ביזטו גליקליך און שפּיעלסט די וואַזשנע, טוגענדהאַפטע פרוי? איך בין אָבער דאָ. איך האָב אריינגעשפּרונגען צווישען דיין גליק און טוגענד. און דו געפעלסט מיר, דו ביזט איצט דיקער, שעהנער. אבער קוק נור מיך אָן! ווי זיצט אויף מיר דיין ליוורעע?

ער האָט זיך צוגעבויגט צו איהר און האָט זי מיט געוואַלד געוואָלט צווינגען, איהם אין געזיכט א קוק צו טהון.

דאָך גאַסטאָן זשינערס איז צוגעלאָפען צו איהם.

— דאָמיניק, — האָט ער געזאָגט — איהר זייט ברוטאַל.

מיט אַן אינסטינקטיווער בעוועגונג האָט אַראַבעללאַ זיך אָבגערוקט אויף איהר פּלאַץ. זי האָט אויסגעשטרעקט איהרע ביידע אָרעמס צו זיך און האָט אויסגעשריען:

— וואָס ווילט איהר פון מיר? וואָס ווילט איהר פון מיר?

גאַסטאָן זשינערס האָט שנעל אונטערגעכאַפּט:

— הערט נור, מאַדאַם, איך וויל אייך די זאַך קלאָר מאַכען. איהר זייט אין אונזערע הענד. איהר קענט אונז ניט אַרויסיאָגען. וואָרום ווי נור איהר וועט אונז וועלען אַרויסיאָגען, אזוי גלייך דערצעהלען מיר אַלעס, און דאַן זייט איהר פערלאָרען. אויסער דעם זיינען פאַראַן גענוג צייטונגען, וואָס וועלען מיט פערגניגען דרוקען אזא סקאַנדאַל. קורץ, פאַר אייך בלייבט איצט צוויי זאַכען: אָדער ערקלערען פאַר דער גאַנצער וועלט אייער שאַנדע, אָדער ערפילען אונזער פערלאַנג. און איצט הערט, וואָס מיר ווילען. די ערשטע זאַך מוזט איהר שלום מאַכען צווישען מיר און מיין ברודער און איהר מוזט מיר פערשאַפען א געהעריגע שטעלע, וואָס זאָל פּאַסען פאַר מיר.

— מאַכען שלום צווישען אייך און מיין מאַן, א שטעלע אייך פערשאַפען, דאָס איז אונמעגליך! — האָט אַראַבעללאַ אויסגעשריען.

— עס איז יאָ מעגליך, ווען איהר וועט נור וועלען. — האָט גאַסטאָן זשינערס זיך אָבגערופען — איבערהויפּט ווען איך געהער צוויי מאָל צו מיין ברודער'ס פאַמיליע: איינמאָל אַלס ברודער און דעם צווייטען מאָל

אלס דער צוקינפטיגער מאַן פון דער יונגער, שעהנער רייכער מיידעל אַנזשעליס, וועלכע האָט זיך אויפגעהאָדעוועט ביי מיין ברודער אין הויז. זי קען מיך נאָך פון פריהער. מאַדאַם, איהר וועט זיך מטריח זיין און זעהן, אַז יענע מיידעל זאָל חתונה האָבען מיט מיר.

— איהר זייט אַ פערברעכער און אין דערזועלבער צייט זייט איהר משוגע אויך. — האָט אַראַבעללאַ אויסגעשריען, אויפהייבענדיג פּלוצלונג שטאָלץ איהר קאָפּ.

— אין פערלויף פון די נעקסטע דריי טעג, מאַדאַם, וועל איך אין אייער הויז אויפגענומען ווערען. — האָט גאַסטאָן זשינערס געזאָגט מיט אַ טייפעלשען שמייכעל.

— ניין!

— אין פערלויף פון דיזען מאָנאַט וועל איך זיין אַנזשעלים׳ם מאַן. — האָט ער ווידער געזאָגט.

— ניין!

פּאַפּיאָל, וועלכער איז געשטאַנען פון וויטען, האָט דערהערט אַ גערויש פון טריט. ער האָט זיך געכאַפּט, אַז מען בעשעפטיגט זיך מיט איהם צו וועניג און איז צוגעטראָטען צו זיי נעהנטער.

— איהר וועט שפּעטער דורכקומען. — האָט ער געזאָגט — איך האָב דיר עפּעס צו זאָגען, אַראַבעללאַ. איך וויל גאָרנישט, נור דיך אַליין. איך בין צו דיר געקומען, דו וועסט צו מיר קומען. מאָרגען אַבענדס אום 9 אוהר ערוואַרט איך דיך אין האָטעל „בערלין“, נומער 26, וועסט פרעגען אַלאַדין.

און מיט דיזע ווערטער איז ער פערשוואונדען פון גאָרטען.

גאַסטאָן זשינערס איז געבליעבען שטעהן נעבען איהר מיט אַ טייפלישען שמייכעל. אַראַבעללאַ האָט פערדעקט איהר פּנים מיטביידע הענד און געוזמען ציטערן מיט׳ן גאַנצען קערפּער.

זי האָט פּלוצלונג דערפיהלט, ווי אין קאָפּ האָט איהר גענומען מישען און דאָס הארץ אין איהר ברוסט האָט גענומען קלאַפּען שטאַרק, שטאַרק.

פּאַפּיאָל׳ם קול, זיינע לעצטע ווערטער האָבען אויף איהר געמאַכט אַ מערקווירדיגען איינדרוק. די קראַנקהאַפטע געפיהלען פון אַמאָל האָבען זיך ווידער אין איהר אויפגעכאַפּט, ווי אַ פייער פון אונטער אַ קופּע אַש. זי האָט זיין כישוף אויף זיך. זי האָט ווידער דערפיהלט

אז אין איהר לעבט נאָך די ליידענשאַפט צו איהם און זי האָט זיך דערשראָקען.

— רעטעט מיך פון דיזען מאַן. — האָט זי ארויסגעשעפּצעט, אויפ־הייבענדיג דעם קאָפּ און אָנקוקענדיג מיט פערצווייפעלטע אויגען גאַסטאָן זשינערס׳ן.

— איך וועל אייך רעטען פון איהם —האָט גאַסטאָן זשינערס געענט־פערט — ווען איהר וועט ערפילען מיין פערלאַנג.

— גוט, איך וועל קריגען פאַר אייך אַ גוטע שטעלע. — האָט זי געזאָגט.

— ווייניג.

— איך וועל מאַכען שלום צווישען אייך און אייער ברודער.

— ווייניג! — האָט ער געשמייכעלט.

— וואָס דען ווילט איהר? — האָט זי ארויסגעשעפּצעט מיט אַ רחמנות׳דיג קול.

— איך פערלאַנג, אַז פרייליין אַנזשעלים זאָל זיין מיין פרוי.

— דאָס וועט קיינמאָל ניט געשעהן! — האָט זי אויסגעשריען.

— איך בין בערייט זאָגאַר צו ווערען אַ מערדער פאַר אייך, אויב אַנזשעל...

—ניין, ניין, ניין! — האָט זי אויסגעשריען פערצווייפעלט און, אַ כאַפּ טהוענדיג זיך פון אָרט האָט זי זיך אַ לאָז געטהאָן לויפען פון גאַרטען, איז אריינגעלאָפען צו זיך אין בודואַר, פערשלאָסען די טהיר הינטער זיך און אַ וואָרף געטהאָן זיך אויפ׳ן בעט.

זי האָט זיך איצט געפיהלט ווי אין אַ טשאַד. אין קאָפּ האָט איהר געדרעהט און געקלאַפּט, ווי אַ מיהל־ראָד וואָלט דאָרט געארבייט. פאַר איהרע אויגען האָט זיך געטראָגען פּאַפּיאָל, ווי זי האָט איהם געקענט אַמאָל אין די ליידענשאַפטליכע מינוטען און איהר גאַנצער קערפּער האָט זיך געריסען און געצויגען צו איהם, ווי אַמאָל, אַמאָל...

זי האָט שיער ניט גענומען שרייען: ראַטעוועט מיך, איך ווער משוגע! עס ציהט מיך ווידער צום אַבגרונד! ראַטעוועט מיך פון מיין זינדיגען קערפּער!"

און זי האָט זיך אריינגעשצימעט מיט די צייהן אין קישען און געקרעכצט, און געשלוכצט פערשטיקט.

זאָל זי אריינרופען איהר מאַן און אויף די קניע פאַר איהם אויסגיסען

דאָס האַרץ, אַלעס איהם דערצעהלען, אַלעס — ניין, דאָס וואָלט געווען צו שרעקליך; דאַן וואָלט ביי איהם געפאַלען אַ חשד אויפ'ן קינד, אויף סעבאַסטיאַנען.

ניין, ניין, דאָס וואָלט געווען דאָס גרעסטע אונגליק, דאָס וואָלט זי ניט איבערגעלעבט.

— אַראַבעללאַ, אַראַבעללאַ! — האָט זי געשלוכצט — דו ביזט שוין געווען אַזוי גליקליך, אַזוי רוהיג; דו האָסט שוין געדענקט, אַז דיין גאַנץ לעבען וועט איצט דורכלויפען ריין און זויבער, אין כבוד און אין אַכטונג, ערשט דו האָסט זיך ניט געקענט! אַראַבעללאַ, וואָס וועסטו איצט טהון? וועלען ביי דיר כאַפּען קרעפּטען?...

— איך וועל זיך בעסער ערמאָרדען. —האָט זי זיך אַליין געענטפערט— פער'סמ'ען זיך, דערטרינקען זיך, איידער צו האָבען ווידער מיט יענעם צו טהון. איך וועל זיך די אויגען אויסקראַצען, דאָס האַרץ ארויסרייסען! אוי, אוי, אוי! — האָט זי פערצווייפעלט געריסען אויף זיך די האָאַר, ווי אונגליקליך איך בין, ווי אונגליקליך!

מען האָט אַנגעקלאַפּט אין טהיר; אַראַבעללאַ האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן, געוואָלט פרעגען ווער דאָס איז, דער קול אַבער האָט איהר ניט געדיענט.

דאָס קלאַפּען האָט זיך ווידער דערהערט.

אַראַבעללאַ האָט זיך מיט געוואָלט בעהערשט.

— ווער איז דאָרט? — האָט זי געפרעגט.

— איך. — האָט זיך דערהערט דער קול פון איהר קאַמערמעדכען.

— וואָס פערלאַנגט איהר?

— מאַדאַם, העדר זשינערם פרעגט אויף אייך. — האָט יענע געזאָגט הינטער'ן טהיר.

— זאָגט איהם, אַז איך קום גלייך אַרונטער. — האָט זי געזאָגט.

דאַן האָט זי זיך אויפגעהויבען פון בעט, איז אַרונטער, צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל און טראַכטענדיג: „מען מוז זיך בעהערשען; איך וועל זיך בעהערשען“, האָט זי פעררוכט די גאָלדענע האָאַר אויפ'ן קאָפּ און האָט פערלאָזען דעם בודואַר.

נאָכ'ן באַלל, ווען די אַלע געסט זיינען זיך צוגאַנגען, איז אַרבעללאַ אַריין צו זיך אין בודואַר, און נאָכדעם, ווי איהר קאַמערמעדכען האָט זי

אויסגעטהאָן, האָט זי זיך געלעגט אין בעט און זיך געסטאַרעט איינצושלאָפען. זי האָט אָבער ניט געקענט. אַ שרעקליכער קאַמפּף איז פאָרגעקומען אין איהר נשמה: פון איין זייט האָט אין איהר ווידער אויפגעפלאַמט די אַלטע ליידענשאַפט צו פּאַפּיאָל'ן און פון דער אַנדער זייט האָט זי געוואוסט, אַז ווען זי זאָל טהון דעם מינדעסטען שריט צו זעטיגען איהר ליידענשאַפט, דאַן איז אַלעס, וואָס זי האָט אויפגעבויט פאַר די גאַנצע צייט זינט זי איז מאַדאַם זשינערס, פערלאָרען; דאַן איז איהר גאַנצעס לעבען פערלאָרען. אין דער זעלבער צייט אָבער האָט זיך איהר אויך געדאַכט, אַז דאָס אמת'ע לעבען, דאָס גליקליכע לעבען איז נור דאָרט ביי איהם.

וואָס זאָל זי טהון? זי האָט זיך געפיהלט ווי אין אַ פיעבער. זי איז דערשטיקט געוואָרען פון איהרע אייגענע געפיהלען. זי האָט געפיהלט, אַז זי מוז טהון עטוואָס אַזוינס, וואָס זאָל זי אין גאַנצען אָבשניידען פון פּאַפּיאָל'ן.

דאַן איז זי אַנשלאָפען געוואָרען.

אויף מאָרגען איז זי אויפגעשטאַנען מיט אַ פעסטען בעשלוס צו טהון אַן ענטשיעדענעם שריט און צו בעקעמפּפען פּאַפּיאָל'ן.

ניינטער קאַפּיטעל.

אויפגענומען דעם קאַמפּף.

הערר גיבאָן, דער שעף פון דער פּאַריזער געהיים־פּאָליציי, האָט היינט געהאַט אַ שלעכטען טאָג. ער האָט אַרויסגעשיקט זיינע צוויי בעסטע דעטעקטיוו, אום אויסצוגעפינען אַלאַדין און גאַסטאָן זשינערס, וועלכע האָבען זיך יענעם טאָג געדאַרפט מעלדען אין פּאָליציי, און האָבען זיך זייט צוויי טעג געמאָלדען. די דעטעקטיווס האָבען זיי ניט געקענט אויסגעפינען. הערר גיבאָן האָט זיך זעהר שטאַרק געערגערט און האָט געזידעלט דיביידע דעטעקטיווס.

און ווען ער איז געווען אַזוי בייז אויפגעלעגט, האָט מען איהם געמעלדעט, אַז אַ דאַמע וויל איהם זעהען.

— שיקט זי אריין! — האָט ער בעפוילען מיט כעס.

אראבעללא איז אריינגעקומען מיט א פערשלייערטען פנים.

הערר גיבאָן האָט איהר מיט א האנד אָנגעוויזען אויף א שטוהל נעבען שרייבטיש. זי האָט זיך געזעצט.

— מיין הערר, — האָט זי אָנגעהויבען — איך קום צו אייך, ווייל איהר זייט זעהר מעכטיג, זעהר געשיקט און זייט אימער בערייט צו טהון אייער פפליכט.

הערר גיבאָן האָט זיך א נייג געטהאָן און גאָרנישט געזאָגט.

— עס האנדעלט זיך וועגען די עהרע פון א פרוי, — האָט זי ווייטער גערעדט — דאָס גליק פון א גאנצער פאמיליע שטעהט אין געפאהר. עס מוז געהאנדעלט ווערען שנעל און שטיל. קיין נאָמען דארף דערביי ניט דערמאָנט ווערען.

— אפילו אייער נאָמען אויך ניט? — האָט הערר גיבאָן געפרעגט.

— מיין נאָמען דארף אפילו פאר אייך אליין בלייבען אונבעקאנט. — האָט זי געענטפערט.

— דערצעהלט, מאדאם, וואָס איז אייער פערלאנג. — האָט ער געזאָגט.

— א דאמע פון דער הויכער געזעלשאפט האָט אמאָל א פעהלער בעגאנגען...

— וועלכען דאָס געזעץ בעשטראָפט? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, — האָט אראבעללא געענטפערט — וועלכען דאָס געוויסען בעשטראָפט... דאָס געהיימניס פון דיזער פרוי וויסען צוויי מענער, וועלכע שטעלען איהר שרעקליכע בעדינגונגען פאר פערשווייגען דאָס דאָזיגע געהיימניס.

— זיי ווילען אויספרעסען געלד? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, נאָך ערגער.

— וואָס פערלאנגען זיי?

— די פרוי איז אין זייערע הענד: זיי קענען מיט איין וואָרט טויטען איהר עהרע.

— איך פערשטעה. איהר פערלאנגט איך זאָל די ביידע מענער צושליסען דאָס מויל?

— יא.

— און דעם נאָמען פון יענער פרוי זאָל איך ניט וויסען?

— איהר טאָרט ניט וויסען. — האָט זי שטיל געענטפערט.

— אפשר טאָר איך ניט וויסען די נעמען פון די צוויי מענער אויך? — האָט גיבאָן געפרעגט.

ער האָט גענומען שטארק הוסטען, אום צו פערשטיקען אין זיך דאָס געלעכטער. דאן האָט ער זיך בעהערשט און ארויסגערעדט:

— פערצייהט מיר, מאדאם, אבער אייער פערלאנג קלינגט זעהר מאָדנע. די פאריזער פאָליציי איז ניט קיין ראָמאַן־פאָליציי. איך בין א שעף פון דער געהיים־פאָליציי, אבער ניט קיין ווילדער מענש. א קלאגע פון אימיצען אָהן א נאָמען איז ניט גענוג פאר מיר, אום צוויי מענשען צו פערפאָלגען. אבער לאָמיר זיך דורכרעדען נאָך אביסעל. פיליכט וועל איך אייך דאָך מיט עפּעס קענען העלפען. רעדט מיט מיר אָפען. ווי הייסען יענע מענער פאר וועלכע איהר האָט אזוי מורא, הייסט ניט איינער פון זיי אלאדין?

— ניין. — האָט זי געענטפערט.

— דערזעלבער הייסט אויך פּאפּיאל און דאָמיניק.

— דאָמיניק! — האָט זי אויסגעשריען, אויפשפּרינגענדיג פון אָרט.

— בערוהיגט זיך, מאדאם. ווי איך זעה האָב איך געטראָפען. יא, דאָמיניק אָדער אלאדין, נאָכדעם ווי ער איז אנטלאָפען פון געפענגניס, האָט אלאדין אונטער דעם נאָמען דאָמיניק געדיענט ביי אן אלטען ערדלמאן אין הויף...

אראבעללא האָט ארויסגעשטאמעלט מיט שרעק:

— ווי? איהר ווייסט...

— יא, איך ווייס אלעס. נו, זייט אזוי פריינדליך, ווערטהע מאדאם זשינערס, — האָט גיבאָן גערעדט וויטער מיט אן איראָנישען שמייכעל — און דערצעהלט מיר, אויב אלאדין און גאסטאָן זשינערס האָבען אייך געסטראשעט מינדליך אָדער דורך בריעף?

אראבעללא איז איבערראשט געוואָרען פון דעם וואָס גיבאָן ווייסט זי און קען איהר פערגאנגענהייט.

זי האָט א ווייל געשוויגען און דאן האָט זי ארויסגעשעפּצעט:

— דאָמיניק איז ביי מיר נעכטען געוועזן.

— דאמיניק איז אלזא אין פאריז? — האָט הערר גיבאָן מיט התפּעלות אויסגעשריען.

— יאַ — האָט זי געזאָגט.

— בראוואָ! און גאסטאָן זשינערס איז אויך מיט איהם?

— יאָ, מיט איהם.

— זעהר גוט! דאַן האָב איך זיי אין מיינע הענד! — האָט דער פּאָליציי־שעף אויסגעשריען — מיר שטעלען אוועק די קערלען וויעדער פאַר'ן געריכט און מיר פערשיקען זיי וויעדער אין געפענגנים.

— אלזאָ, ווילט איהר מיך רעטען, מיין הערר? — האָט אראבעלא אויסגעשטאמעלט, און איהר קול איז פערשטיקט געוואָרען פון טרעהרען.

— איהר ווייסט דאָך, מאדאם, אז יעדע זאך האָט זיך איהרע פאָרמאַליטעטען. און אין דיעזען פאַל פאָדערט די פאָרמאַליטעט, איהר זאָלט זיי עפענטליך פערקלאָגען אונטער אייער נאָמען.

— דאָס קען איך ניט. — האָט זי געבליפּעט.

— דאַן ווענדעט זיך צו אַ פערזאָן, וואָס פערנעהמט אַ הויכע שטעלונג אין דעם רעגיערונגס־קרייז. איהר האָט דאָך פערבינדונגען מיט אַזוינע פערזאָנען. אַן אָרדער פון אַזאַ פּערזאָן וועט אַלע שטערונגען, אַלע הינדערנישע און שוועריגקייטען בעזייטיגען.

— און ווען איהר וועט בעקומען אַזאַ אָרדער?

— וועל איך איהם אויספיהרען — האָט ער געענטפערט.

אראבעלא האָט אַ נייג געטהאָן צו איהם מיט'ן קאָפּ און האָט פערלאָזען זיין אָפיס. גיבאָן האָט זי בעגלייט ביז דער טיהר.

פון דאָרט איז אראבעלא גלייך אוועקגעפאָהרען צו דער רוסישער פירסטין סאנאף.

די פירסטין האָט זיך דאָן, ווען אראבעלא איז אריינגעקומען צו איהר אין פּאלאַץ, געפונען אין באדע־צימער. ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אז אראבעלא איז דאָ, האָט זי צו איהר געשיקט איהר קאמער־מעדכען, בעטען איהר, זי זאָל אריינקומען צו איהר אין באדע־צימער. די פירסטין האָט זי געהאַלטען פאַר די אינטימסטע פריינדין איהרע און דערפאַר האָט זי זיך מיט אראבעלא'ן גאָר ניט צערעמאָניעט.

— גוט מאָרגען, מיין ליעבע — האָט זי אויפגענומען אראבעלא'ן, בעת די לעצטע איז אריין אין באדע־צימער — ווי קומט עפּעס וואָס איהר זייט אַזוי פריה אַרויס? און נאָכ'ן באַל נאָך! ווען האָט איהר צייט געהאַט צו

שלאָפען? דאָס קען זיך נור אזא פּאָליטיקערין, ווי איהר. זעצט זיך צו אַט דאָ. איהר זעהט? איך נעהם אייך אויף אָהן צערעמאָניעס. איהר ווערט מיט מיר פריהשטיקען?

אראבעלא האָט געשמייכעלט, וועהרענד זי האָט אין הארצען דעם טוידט געהאַט.

זי, וועלכע האָט געליטען, ווייל זי האָט געוואָלט עהרליך זיין, איז איצט געקומען צו אַ פרוי, וועלכע האָט געביטען איהרע געליעבטע נאָך אָפטער, ווי איהרע קליידער. און וועגען וואָס נאָך איז זי צו איהר געקומען, בעטען ביי איהר הילף, זי זאָל קענען פערבלייבען אַן עהרליכע פרוי.

זי האָט זיך געפיהלט בעליידיגט און דאָך האָט זי געמוזט מאַכען אַ פרעהליכע מינע און שמייכלען צו דער פירסטין.

דען אין פירסטין סאנאַף׳ס הענד איז געלעגען איהר רעטונג.

— ווי שעהן איהר זייט, סאָניא — האָט זי ארויסגערעדט מיט אַ וויי־כען קול.

דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי האָט אָנגערופען די פירסטין ביי איהר ער־שטען נאָמען, און דאָס האָט די פירסטין שטאַרק געשמייכעלט.

— איז דאָך טאקע גוט, וואָס איהר זיינט די יעניגע מיר דיעזען קאָמ־פּלימענט צו מאַכען, אראבעלא, אָבער איך בין נאָך ווייט ניט אַזוי שעהן, ווי איהר — האָט די פירסטין איהר צוריק געמאַכט אַ קאָמפּלימענט. ניי, וואָס מאַכט איהר? ווי פיהלט איהר זיך נאָך נעכטיגען באָלל? איהר ווייסט, ווען איך וואָלט געווען אַ מאַן, וואָלט איך זיך נעכטען פערליעבט אין אייך ביז משוגעת. אַזוי שעהן זייט איהר נעכטען געווען, טהייערע אראבעללא!

אראבעללא האָט זיך געצוואונגען צולאַכט.

— איז דאָך טאקע גוט, וואָס איהר זייט ניט קיין מאַן, ליעבע סאָניא.

— וואָלט איהר דען ניט געוואָלט, אַז מענער זאָלען זיך אין אייך פער־ליעבען? — האָט די פירסטין געפרעגט.

— ניין, איך וואָלט עס ניט געוואָלט. — האָט אראבעללא געענטפערט.

— איך גלויב עס ניט.

— איך פערזיכער עס אייך, סאָניא.

— דאַן זייט איהר ניט קיין פרוי, מיין ליעבע! — האָט די פירסטין אויסגעשריען.

— דענקט איהר, אז יעדע פרוי וויל, אז מענער זאָלען זיך אין איהר פערליעבען? — האָט אראַבעללאַ זיך אָבגערופען.

— איך בין איבערצייגט אין דעם. סיידען די פרוי איז ניט נאָרמאַל. ביי דער נאָרמאַלער פרוי איז ליעבע די לופט, דאָס לעבען אין גאַנצען.

— אראַבעללאַ האָט אַ זיפץ געטהאָן.

— וואָס זיפצט איהר, מיין טהייערע?

— איך האָב צו אייך אַ ביטע. — האָט פּלוצלונג אראַבעללאַ ארויס־גערעדט.

— אַ ביטע צו מיר? אדרבה, זאָגט, וואָס איז אייער ביטע?

אראַבעללאַ האָט אָבגעקעהרט דעם קאָפּ, אום צו פערבאָרגען איהר פּנים פון דער פירסטין'ס אויגען, און דאַן האָט זי געזאָגט:

— עס האַנדעלט זיך ניט וועגען מיר, — האָט זי געזאָגט, אָבכאַפּענדיג דעם אָטהעם — איך וויל, איהר זאָלט העלפען מיינער אַ פריינדין.

— אַך, פאַר אייערע אַ פריינדין? ווי הייסט זי?

אראַבעללאַא האָט געשוויעגען.

— אייער פריינדין וויל ניט, מען זאָל איהר נאָמען וויסען? אַ שאַד, איך בין זעהר נייגיעריג.

— איך קען אייך ניט זאָגען איהר נאָמען, מיין טהייערע. — האָט אראַבעללאַ זיך אָבגערופען — איהר וועט זי קענען רעטען ווען איהר ו'עט אפילו איהר נאָמען ניט וויסען. ווען איהר וועט עס ניט טהון פאַר איהר, וועט יענע פרוי פערלאָרען געהען.

— גוט. און ווער וועט מיר דערפאַר בעדאַנקען? — האָט די פירסטין געפרעגט.

— איך. — האָט געזאָגט אראַבעללאַ.

— דאָס איז גענוג פאַר מיר. — האָט די פירסטין זיך אָבגערופען — רעדט, איך וויל הערען...

אראַבעללאַ האָט איהר גענומען דערצעהלען מיט אַ פערקלעמטער שטימע אַ לאַנגע געשיכטע. זי האָט איהר דערצעהלט וועגען אַ פרוי, איהרע אַ פריינדין, וועלכע האָט אַמאָל געליעבט אַן אונווירדיגען מאַן. דיזער מאַן, אונטערשטיצט פון זיינעם אַ חבר, פערפאָלגט איצט יענע פרוי מיט העסליכע סטראַשונקעס און ווען מען זאָל דער פרוי ניט העלפען, איז זי פערלאָרען.

— וואָס קען איך אין דעם טהון ? — האָט די פירסטין געפרעגט.

— איהר קענט פיעלעס טהון אין דעם. — האָט אראבעללא זיך אָבגערופען — איהר קענט ארויסקריגען אַן אָרדער צו ארעסטירען יענע צוויי מענער. אונשעדליך זיי מאכען. יענע מענער פערדיענען ניט קיין מיטלייד.

דערווייל איז די פירסטין ארויס פון וואגע, האָט זיך איינגעוויקעלט אין אַ ליילעך און זיך אויסגעצויגען אויף אַ ווייכער זאָפא, וואָס איז דאָרט געשטאַנען.

— אַך, מיין גאָט, — האָט זי אויסגעשריען — אָבער דאָס איז שרעקליך! איך בעדויער אייער פריינדין פון טיעפען הארצען. איך שטעל זיך פאָר, ווי אונגליקליך אייער פריינדין מוז זיין, בעזאָנדערס ווען זי איז אַ פרוי מיט אַ נאָמען און ווען זי איז פערהייראטה. איך וועל איהר העלפען. באלד וועל איך זיך זעהן מיט איינעם, איך וועל יענעם דערצעהלען די גאנצע געשיכטע, און איך בין זיכער, אַז איך וועל דעם אָרדער בעקומען. יא, ווען זאָל דער אָרדער צוגעשטעלט ווערען ?

— דעם שעף פון דער געהיים־פּאָליציי, הערר גיבאָן. — האָט אראבעללא געענטפערט.

— זעהר גוט. ווייסט הערר גיבאָן, וואָס ער האָט צו טהון ווען ער וועט דעם אָרדער בעקומען ?

— ער ווייסט עס.

— אויב אַזוי, קענט איהר זיכער זיין, טהייערע אראבעללא, אַז אייער פריינדין איז געראַטעט. נו, טהוט מיר אַ קוש, מיין ליעבע.

אראבעללא האָט זיך ארויפגעוואָרפען איהר אויפ'ן האלז. זי האָט איהר געדאנקט ערנסט און פון טיעפען הארצען.

די פירסטין האָט אָנגעקלונגען. דאָס קאַמער־מעדכען איז ארייגעקומען.

— מאשא, אָנטהון זיך! — האָט זי געזאָגט — איך מוז גלייך פאָהרען אין אַ פּלאַץ.

דאָס קאמער־מעדכען האָט איהר געהאָלפען אָנטהון זיך, האָט איהר געקעמט איהרע לאנג פעך־שווארצע האאר, האָט איהר פערשנורט דעם קאָרסעט אויף איהר וואונדערבאר שלאנקער טאַליע און האָט איהר פערשפּילעט די שיך אויף די קליינע פיסלעך.

זי איז געוועזן אונגעוועהנליך שעהן, די רוסישע פירסטין, און איהרע שווארצע אויגען האבען געברענט, ווי א פּאאר טהייערע ברילּיאנטען.

זי האט געהאט אלס ליעבהאבער א מיניסטער, א רייכען באנקיר און א בעריהמטען זינגער. די לעצטע צייט האט זי זיך נאך פערליעבט אין א יונגען אקטיאר, צו וועמען זי האט געשיקט ליעבע־בריוועלעך. היינט האט זי דעם זעלבען אקטיאר ערווארטעט ביי זיך אין פּאלאץ. וועגען דעם ראזיגען וויזיט האט געוואוסט בלויז איהר קאמער־מעדכען, וועלכע איז בעקאנט געוועזן מיט אילע איהרע געהיימניסע.

פּלוצלונג האט די פירסטין א מאך געטהאן מיט א האנד צו איהר קאמערמעדכען, זי זאל ארויסגעהן. און ווען זי איז דאן ווידער געבליעבען מיט אראבעללא'ן אליין, האט זי זיך אבגערופען:

— ניין, ניין, איך קען עס ניט טהון, ווען איהר וועט מיר ניט זאגען דעם נאמען פון אייער פריינדין.

אראבעללא איז בלייך געווארען און א וואנק געטהאן אויף איהרע פיס.

— ווארום? — האט זי ארויסגעשטאמעלט.

— ווארום? ווארום? — האט די פירסטין ארויסגערעדט — ווען איך וועל ניט אנרופען דעם נאמען פון יענער דאמע, וועט מען זאגען אז דאס בין איך אליין...

— דעם נאמען פון מיין פריינדין קען איך אייך ניט זאגען. — האט אראבעללא געשטאמעלט, ציטערנדיג מיט'ן גאנצען קערפּער.

— דאן, מיין טהייערע, קען איך גאר נישט טהון. — האט די פירסטין זיך אבגערופען — איך מוז זיין זעהר פּארזיכטיג מיט מיין אייגענער עהרע. ווען מען פרעגט מיך דעם נאמען פון יענער פרוי, קען איך דאך ניט זאגען, אז איך ווייס ניט.

— איהר וועט דערצעהלען די וואהרהייט. — האט אראבעללא געזאגט.

— די וואהרהייט וועט פאר יענעם, צו וועמען איך דארף זיך וועגען דעם ווענדען, קלינגען ווי א ליגען. — האט זי געזאגט — זאגט מיר דעם נאמען פון יענער פרוי.

— איך קען ניט. — האט אראבעללא ארויסגעשעפּצעט — איך האב קיין רעכט ניט. אדיע!

זי האט דערלאנגט דער פירסטין די האנד און האט פערלאזען איהר הויז.

— דאָס מוז זיין זי אַליין. — האָט די פירסטין א טראַכט געטהאָן — אבער איך וועל עס שוין דערגעהן.

אין דיזער צייט איז דאָס קאַמערמעדכען אריינגעלאָפען צו איהר מיט התפעלות.

— פירסטין, הערר ראָשפּאָר איז דאָ!

— הערר ראָשפּאָר? — האָט פירסטין סאַנאָף זיך א כאַפּ געטהאָן און איז אין גאַנצען רויט געוואָרען — פיהר איהם אריין אין דאָס רויטע צימער.

— גוט. — האָט דאָס קאַמערמעדכען זיך אָבגערופען און געוואָלט ארויסגעהען.

— וואַרט, מאַשאַ! ווי — זעה איך אויס?...

— זעהר שעהן, פירסטין. — האָט מאַשאַ געענטפערט.

— זאָל איך זיך אפשר אָנטהון אין ווייס, מאַשאַ?

— איהר זייט אין דעם סוט אויך שעהן. — האָט מאַשאַ געשמייכעלט.

— איך וויל זיין זעהר שעהן, מאַשאַ. — האָט די פירסטין זיך אָבגערופען מיט ליידענשאַפט אין קול — איך וויל, אז ראָשפּאָר זאָל זיך אין מיר פערליעבען, שטאַרק פערליעבען, אזוי ווי ער האָט זיך פערליעבט אין זיין ראָלע אויף דער ביהנע אין דער שעהנער אַקטריסע. ער איז שעהן, מאַשאַ, ניט אמת? אזוי יונג, אזוי ליעב איז דאָס געזיכט ביי איהם, ווי ביי א נאַאיוועד, אונשולדיג מיידעלע. איך האָב ליעב אזוינע, מאַשאַ!

מאַשאַ איז געשטאַנען און האָט זיך צוגעהערט צו איהר מיט א שמייכעל.

און די פירסטין האָט גערעדט ווייטער.

— יענע האָבען מיר שוין לאַנג דערעסען. אָבגעלעבטע מענשען, אַלטע און קאַלטע. און איך וויל לעבען, איך וויל פייער, איך וויל שטורמדיגע לאַסקעס, ברענענדיגע קושען און ליעבע, ליעבע, ליעבע! און איצט געה, מאַשאַ, פיהר איהם אריין אין דאָס רויטע צימער, לאָז ארונטער די שטאָרעס און ברענג מיר מיין ראָזעווע מאָרגען-קלאָד, איך וויל זיך איבערטהון.

דאָס קאַמערמעדכען איז ארויס און די פירסטין האָט אַליין, ניט וואַרטענדיג אויף די הילף פון מאַשאַ'ן, גענומען ארונטערוואַרפען פון זיך די קליידער און אין א ווײַלע ארום, ווען מאַשאַ איז אריינגעקומען מיט'ן מאָרגענקלייד, איז שוין די פירסטין פאַרטיג געווען עס אָנצוטהון אויף זיך.

עלפטער קאפיטעל.

הערר זשינערס.

ווען אראבעללא איז געקומען אהיים, האט זי דאס קאמערמעדכען בעגעגענט מיט די ווערטער:

— עס איז אנגעקומען א בריעף פאר אייך.

— גוט. ברענג מיר איהם אריין אין מיין בודואר. — האט אראבעללא געזאגט.

זי איז אריין אין בודואר און זיך פונאנדערגעטהאן.

דאס קאמערמעדכען האט איהר אריינגעטראגען דעם בריעף און איז גלייך אוועק.

אראבעללא האט דעם בריעף געעפענט און גענומען איהם לעזען.

„טהייערע ארבעללא! אין האטעל צו מיר זאלסטו ניט קומען, נור אין שענק „דער גרויסער אדלער“. איך וועל דיך דארט ערווארטען אום ניין. געדענק, אז דו מוזט קומען. ווענסטו ניט קומען צו מיר, וועל איך זיך בעמיהען צו קומען צו דיר. דען איך האב דיך שוין לאנג ניט געקושט. און דו ביזט פאר דער צייט פיעל שעהנער געווארען. ווי עס שיינט, לעבסטו זיך גאנץ גוט מיט דיין מאן. מיט מיר אבער וואלסטו זיך געלעבט בעסער. אויב ניט רייכער, פרעהליכער אודאי. אלזא, איך האף, אז דו וועסט זוכען אויסצומיידען סקאנדאלען און וועסט קומען צו מיר. דיין מאן האט דיך שוין געגנוג געהאט, איצט וויל איך דיך האבען. אויב דיין מאן וועט מיר בעצאהלען, קען ער דיך אויך האבען.

דיין דאמיניק.“

זי האט ארויסגעלאזען דעם בריעף פון די הענד און האט א ווייל־ע געקוקט מיט פערשטארטע אויגען, ווי ביי א משוגענער. דאן האט זי זיך אנגעכאפט פאר׳ן שטערן, גענומען איהם דריקען און ארויסגעשעפצעט:

— גאט, איך ‏יועל משוגע ווערען! איך וועל משוגע ווערען!

וואס זאל זי טהון? פאר איהר האט דער אבגרונד ווידער געעפענט ברייט זיין פרעסער און געסטראשעט זי צו פערשלינגען.

ניין, זי וועט קעמפפען! זי מוז קעמפפען. זי מוז!

זי האט אויפגעהויבען דעם בריעף פון דער פאדלאגע און איהם צוריסען מיט א קרעכץ.

— מאדאם, דער גנעדיגער הערר וויל אייך זעהן. ער בעט אייך, איהר זאָלט אריינקומען אין סאלאָן.

אראבעללא האָט זי אָנגעקוקט מיט צוטראָגענע אויגען, און דאן ארויס־גערעדט:

— זאָגט דעם הערר, אז איך קום גלייך.

געבליעבען אליין, האָט זי גענומען טראכטען:

יא, ווען זי זאָל אלעס דערצעהלען איהר מאן, קען זיין... איהר עהרע איז דאָך זיין עהרע אויך. וואָס עס איז איהר אונמעגליך צו טהון, ועט איהם אפשר מעגליך זיין. ווען איהם איז טהייער איהר עהרע, וועט ער אויס־נוצען זיין איינפלוס, אום זי צו רעטען. געווים וועט איהר שווער זיין מודה צו זיין זיך פאר איהם. אָבער האָט ער א רעכט צו מאכען איהר פאָרווירפע? ליעבט ער זי? האָט ער זי אמאָל געליעבט? ער האָט מיט איהר חתונה געהאט, ווייל ער האָט געוואָלט מען זאָל זאָגען, אז ער האָט א שעהנע פרוי, אזוי ווי ער האָט געקויפט זיין פאלאַץ, אום מען זאָל זאָגען, אז ער האָט א שעהנעם פאלאַץ. ער האָט זי טאקע רייך געמאכט, אבער זי האָט איהם בעריהמט געמאכט: זיי זיינען קוויט... איצט איז זייער ביידענס עהרע, זייער ביידענס נאָמען אין געפאהר, עס איז זיין זאך דאָס צו בעשיצען.

און טראכטענדיג אזוי, איז זי מיט לאנגזאמע טריט אריין אין סאלאָן, וואו איהר מאן האָט געווארט אויף איהר, זיצענדיג אויפגעוואָרפען אין א קרעסלא.

הערר זשינערס איז געוועזען א הויכער, ברייטער מאן מיט א גלאטען פנים, מיט א היבשען פליך אויפ'ן קאָפּ און מיט בלויע אויגען.

— איך האָב אייך געוואָלט זעהען. — האָט אראבעללא זיך אָבגערופען, אריינגעהענדיג אין סאלאָן — ווייל איך וויל מיט אייך רעדען וועגען עפּעס א וויכטיגע זאך.

— זעץ זיך, מאדאם, — האָט זשינערס זי אונטערבראָכען — און הערט מיך אויס.

מיט אן אונגעדולדיגער בעוועגונג האָט אראבעללא זיך אנידערגעזעצט אויף דער זאָפא.

— מאדאם, — האָט זשינערס ווידער אָנגעהויבען — אייער עהרע איז אין געפאהר.

אראבעללא איז אויפגעשפרונגגען צושראָקען.

— ווי ? די גאַנצע וועלט ווייס שוין איהר געהיימנים ? ווי אזוי ווייסט איהר מאַן ? ווער האָט עס איהם דערצעהלט — דער פּאָליציי־בעאַמטער אָדער די צוויי שורקען ?

— מיין עהרע ? — האָט זי ארויסגעשעפּצעט.

— מען האָט געוואָלט פערעפענטליכען וועגען א דיענער, וועלכער איז א מאָל געווען אייער געליעבטער. איהר זעהט : איך ווייס אַלעס ; לייקענט ניט. וואָלט איך איצט ניט בעצאָהלט קיין 50 טויזענד פראַנק א צייטונג, וואָס האָט געוואָלט דרוקען די דאָזיגע סענזאַציאָנעלע שטיקעל נייעס, וואָלט מאָרגען מיט דעם געקאָכט גאַנץ פּאַריז, און אייער עהרע וואָלט דאַן געווען אויף אייביג טוידט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און גענומען געהן איבער'ן צימער הין און צוריק.

— א שעהנע געשיכטע, כ'לעבען ! — האָט ער אויסגעשריען מיט א בייסענדען געלעכטער — די געבילדעטע פריילין, די טאָכטער פון אן אלטען עדעלמאַן האָט געהאט א געליעבטען, א שטאַלקנעכט ! מאַדאַם, איהר פערדיענט מיין קאָמפּלימענט !

דיזע ווערטער האָבען איהר ווייניג געאַארט. נאָך די ביטערע יסורים פון איהר אייגענעם געוויסען, האָט די בייסענדיג איראָניע פון איהר מאַן ווייניג אויף איהר געווירקט. וואָס זי האָט איצט געוואָלט איז געווען איין זאַך : צורייסען דעם נעץ, אין וועלכען זי האָט זיך געצאַפּעלט. יא, זי האָט זיך טיעף אין איהר הארצען זאָגאר דערפרעהט, וואָס דער מאַן אליין האָט וועגען דעם גענומען רעדען. פערשפּאָרט איהר אליין צו עפענען איהר וואונד.

— מיין הערר, — האָט זי אין א ווײלע אַרום זיך אָבגערופען — איהר זייט ניט איינער פון יענע מענער, וואָס האָבען א רעכט צו פאָרדערן דין וחשבון פון א פרוי פאַר איהר פערגאַנגענהייט. אונזביידע פערבינדט ניט די ליעבע, נור אנדערע אינטערעסען. ווען איך בין פערלאָרען, זייט איהר אויך פערלאָרען. איהר מוזט מיך פערטהיידיגען, אום זיך צו רעטען. איהר האָט אָנגעפאַנגען, רעדט ווייטער. הערט מיך אויס...

ער האָט זיך אוועקגעשטעלט פאַר איהר, האָט א קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פויסט איבער'ן טיש און אויסגעשריען :

— ניין, איך וויל מעהר גאָר ניט הערען! איך האָב בעצאָהלט פופציג טויזענד פראנק. איך האָב עס ניט געדאַרפט טהון, און וועל מעהר גאָר נישט טהון. טהוט וואָס איהר ווילט אָהן מיר. אויף מיר קענט איהר זיך ניט פערלאָזען.

— אבער ווען מיין עהרע איז בעשמוצט איז אייער עהרע אויך בעשמוצט.

— ניין. — האָט ער געזאָגט — מיין עהרע וועט עס ניט שאַדען. איך וועל בלייבען דאָס וואָס איך בין איצט, אַן עהרענמאַן. ווי באַלד די וועלט וועט זיך דערוויסען וועגען אייער שאַנדע, צושייד איך זיך מיט אייך. איך דאַרף אייך ניט מעהר.

און מיט דיזע ווערטער האָט ער פערלאָזען דעם סאַלאָן.

— איצט איז אַלעס פערלאָרען! — האָט זי אַ טראַכט געטהאָן.

— זי איז אַריין מיט וואַנקענדיגע טריט צוריק אין איהר בודואַר און האָט זיך דאָרט פערשלאָסען.

זי האָט בעשלאָסען צו שטאַרבען נאָך דיזע נאַכט.

זי האָט זיך אָוועקגעזעצט ביים שרייב־טיש און האָט אָנגעשריעבען עטליכע בריעף. אַ בריעף צו איהר מאַן:

„איך בעפריי אייך און פערלאַנג פון אייך בלויז צוויי זאַכען: מיין אַנדענקען זאָל ריין בלייבען פאַר מיין טאָכטער און זי זאָל ערצויגען ווערען אין ליעבע און אַכטונג צו איהר אונגליקליכער מוטער...“

צו איהר אַלטען פאַטער האָט זי אַזאַ בריעף געשריעבען:

„פּאַפּאַ, איך האָב דיר אַנפערטרויט מיין קינד. פּאַפּאַ, ערציה זי בעסער, ווי דו האָסט דיין טאָכטער ערצויגען. פערשאַפף איהר געזעלשאַפט, זאָל זי ניט וואַקסען, ווי אַ ווילדע בלום אויפ׳ן פעלד, וואָס יעדער ביהן קען קומען און אויסזויגען איהר זאַפט. אָה, מיין קינד, אָה, מיין טאָכטער, בעהיט דיך גאָט פון דיין מוטער׳ס שיקזאַל!... געדענק דיין מוטער, געדענק די אונגליקליכע, וואָס שטאַרבט מיט איין געדאַנק וועגען דיר, מיין סעבאַסטיאַנע!....“

און צו הענרי קאַרדאַץ האָט זי אָנגעשריעבען אַזאַ בריעף:

„איך געה פון דאַנען, מיין פריינד, און קום ניט צוריק. אַנזשעלים ליעבט אייך; פערגעסט יענע, וואָס פערלאָזט די לעבעדיגע; ליעבט די וואָס בלייבט צווישען די לעבעדיגע און וועלכע איז פיעל בעסער און

רייַנער פֿון מיר. זי איז רייַך, אָבער האָט ניט חתונה מיט איהר רייַכ־
טהום. אַנזשעלים מעג איהר גאַנצען רייַכטהום איבערלאָזען איהר אַפּעקון
הערר זשינערס׳ן. איך גלויב, אַז הערר זשינערס וועט ניט זיין דאַגעגען
אייער שידוך. זייט אָרעם, גוט און גליקליך!..."

דאַן האָט זי אָנגעקלונגען און איהר קאַמערמעדכען אין אַריין.

דיזע בריעף זאָלט איהר היינט אָבענד אַבשיקען דורך פּאָסט. — האָט
אַראַבעללאַ זיך צו איהר געווענדעט — וואָס עס זאָל ניט געשעהען, וואָס איהר
זאָלט ניט הערען: אין מיין צימער זאָלט איהר ביז מאָרגען פריה ניט אַריינ־
קומען. איך בין מיעד און וויל שלאָפען.

דאָס קאַמערמעדכען האָט פערלאָזען דעם בודואַר און אַראַבעללאַ האָט
ווידער צוגעשלאָסען די טהיר. זי האָט אַרונטערגעצויגען די פאָרהאַנגען
און האָט אַרויסגענומען פון אַ קעסטעלע אַ קליינעם קינזשאַל.

מיט אַ פעסטער האַנד האָט זי פונאַנדערגעשפּילעט די בלוזע אַזוי, אַז
איהר שעהנע, מאַרמאָר־ווייסע ברוסט האָט אַרויסגעקוקט.

זי האָט גענומען קוקען אויף דיזעם זינדיגעם פלייש, זינדיגעם און שווער
בעשטראָפטעם פלייש, און האָט זיך פערשעהמט פאַר די שעהנקייט.

זי האָט אַ כאַפּ געטהאָן דעם קינזשאַל און האָט זיך מיט איהם אָנגע־
מאָסטען אויף דעם פּלאַץ צווישען איהרע ביידע צאַרטע בריסט.

פּלוצים איז איהר בליק געפאַלען אויף אַ בריעף, וואָס איז געלעגען אויף
אַ זילבערנעם טעצעל, און וועלכען זי האָט פריהער ניט בעמערקט. דעם
בריעף האָט מען מסתמא איהר געבראַכט, בעת זי האָט געהאַט איהר אונטער־
רעדונג מיט איהר מאַן אין סאַלאָן. זי האָט דערקענט איהר פאַטער׳ס האַנד־
שריפט אויפ׳ן קאָנווערט. מסתמא עפּעס וועגען איהר טאָכטער שרייבט ער.

זי האָט אַ כאַפּ געטהאָן דעם בריעף און גענומען לעזען:

„מיין ליעבע טאָכטער! דיין קינד סעבאַסטיאַנע איז קראַנק. דער
דאָקטאָר פערשטעהט ניט איהר קראַנקהייט. זי רעדט זעלטען. האַלט
זיך פערבעהאַלטען פון מענשען און צייטענווייז הייבט זי אָן צו רעדען
שנעל און אָהן אַן אָבהאַלט ווערטער, וואָס קיינער פערשטעהט ניט, און
וויינט, אַז עס איז ניט אויסצוהאַלטען. ביינאַכט קען זי ניט שלאָפען
און שרייט אַלץ, אַז אימיצער וויל זי צו׳גנב׳ענען. מיין ליעבע טאָכטער,
איך האָב מורא, צי איז דאָס קינד ניט געריהרט. עפּעס מוז געטהאָן

ווערען, וואָס — ווייס איך ניט. קום גיך צו פֿאָהרען, אפשר וועסטו זי קענען ראַטעווען.   דיין פֿאטער גוזעביאוס.“

אַראבעללא איז געבליעבען זיצען, ווי א פערשטיינערטע.

— גאָט, — האָט זי ארויסגעשעפּצעט — וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? אפילו שטארבען קען איך אויך ניט!

ניין, ניין, זי וועט זיך ניט טויטען, זי טאָר זיך ניט טויטען! זי וועט לעבען, זי מוז לעבען, אום איהר קינד זאָל ניט שטאַרבען! זי וועט נאָך היינט אבענד פֿאָהרען צו איהר קינד... היינט אבענד? עס איז, דאכט זיך, שוין צו שפּעט. דער לעצטער צוג איז שוין, דאכט זיך, אוועק. אבער מאָרגען פריה. מאָרגען פריה האָט זי שוין איהר עהרע פערלאָרען. ווען זי געהט ניט היינט ביינאכט אין דעם אָרט פון שאנדע, וואו דאָמיניק האָט איהר בעשטעלט.

— אין שענק „דער גרויסער אדלער“. — האָט זי געעשפּצעט — אין שענק! אין שענק!

דאָך האָט זי זיך פּלוצים אויפגעהויבען. מיט א ציטערדיגער האנד האָט זי צוגעקנעפּעלט איהר בלוזע, האָט אָנגעטהאָן אויף זיך א לאַנגען מאַנטעל און האָט פערלאָזען דאָס הויז.

צוועלפטער קאַפּיטעל.

אין שענק.

עס איז געווען ארום צעהן ביינאכט, ווען אראבעללא, אין שווארצען אָנגעטהאָן, איז אריין אין דעם גרויסען זאאָל פון שענק, וואו ביי א טישעל זיינען געזעסען פּאַפּיאָל און גאַסטאָן זשינערס און האָבען זיך געשפּאַרט, צי אראבעללא וועט קומען אָדער ניט.

ווען פּאַפּיאָל האָט זי דערזעהען, האָט ער זיך צולאכט.

— איך האָב געוואוסט, אז זי וועט קומען. — האָט ער אויסגעשריען — איך קען שוין מיין אראבעללא'ן. בּראַוואָ, דו לאָז אונז זיצען אליין. דו קענסט ניט האַלטען קיין סוד...

גאסטאָן זשינערס איז ארויס פון זאאל, און אראבעללא האט זיך אוועק־געזעצט ביים טיש, וואו פאפיאל איז געזעסען.

— דאָ בין איך. — האָט זי געזאָגט.

— זעהר גוט. — האָט ער זיך אָבגערופען שכור'לעך — איך האָב געוואוסט, אז דו וועסט קומען מיין שעהנהייט.

ער האָט זי אָנגענומען ביים נאקען, אריינגעקוקט איהר אין די אויגען מיט זיינע ברענענדיגע אויגען אזוי, אז זי האָט אין גאנצען א ציטער געטהאָן, און ער האָט צוגעלעגט:

— דו שעהנע מכשפה'לע, טהו מיך א קוש.

— ניט דאָ. — האָט זי ארויסגעשעפּצעט.

— אויך רעכט, מיר וועלען שפּעטער געהן אין אנאנדער פּלאץ. — האָט ער געזאָגט — דערווייל לאָמיר רעדען וועגען געשעפט.

— ווי איהר ווילט, דאָמיניק. — האָט אראבעללא געענטפערט.

— די ערשטע זאך מוזטו זעהן, אז גאסטאָן זשינערס זאָל חתונה האָבען מיט דער מיידעל, וואָס האָט צוויי מיליאָן נדן. דאָס מוזטו זעהן אויסצו־פיהרען.

— יא, איך וועל דאָס אויספיהרען. — האָט אראבעללא געזאָגט.

— זעהר שעהן. און וואָס אנבעלאַנגט מיר, וויל איך אויך האָבען א גוטע שטעלע.

— אַלס דיענער? — האָט זי געפרעגט.

— אַלס דיענער גאָר? — האָט ער זיך א כאפּ געטהאָן — וואָס פאלט דיר איין? טאקע אמת, ביי דיר איז א דיענער אויך קיין בראַק ניט, אבער ביי מיר איז א דיענער א בראַק. איך וויל עפּעס זיין מעהר ווי א דיענער. דו ביזט א רעספּעקטפולע דאַמע און איך וויל דיך ווערטה זיין.

— אַלזאָ, וואָס ווילט איהר?

— איך וויל ווערען א קאַסיר.

— א קאַסיר?

— יא, ביי דיין מאַן אין געשעפט.

— אך, יא, — האָט זי ארויסגערעדט מיט א שמייכעל — איך פערשטעה.

— ניין, דו פערשטעהסט נים. — האָט ער זיך א כאפּ געטהאָן — דו

טראכסט צו שלעכט פון מיר. איך בין איצט אן ארענטליכער מענש און וויל ווערען אן ארענטליכער קאסיר.

— נו, נו, איך וועל אלעס טהון פאר אייך, וואס נור איהר פערלאנגט פון מיר. איך וועל איבעררעדען מיט מיין מאן און איהר וועט די שטעלע קריעגען.

זי איז אנשוויגען געווארען, האט זיך אומגעקוקט אויף אלע זייטען און ארויסגערעדט מיט א צעריטליכען קול.

— דאמיניק!

— וואס?

— איך בין איצט אין אזא מוטה. — האט זי ארויסגעשעפצעט.

— אהא, איך פערשטעה, — האט ער זיך צולאכט — ווילסט בלייבען מיט מיר אויג אויף אויג... באלד! איך וועל פריהער עפעס אויסטרינקען. ועסט עפעס טרינקען?

— יא, צוליעב אייך. — האט זי געענטפערט — וואס טרינקען יענע לייט פון די שיסלען?

— זיי טרינקען גליהענדיגען וויין. אזוי טרינקט מען דא, פון די שיסלען. — האט ער געענטפערט — ווילסטו, וועל איך אויך בעשטעלען א שיסעל וויין.

— יא, איך וואלט וועלען פרובען. — האט זי געזאגט.

— דו ביזט א פרעכטיגע פרוי! — האט ער אויסגעשריען — קעלנער! א שיסעל וויין און צוויי גלעזער!

ווען די שיסעל מיט דעם הייסען געטראנק, פון וועלכען עס האט געשלאגען א פארע, איז געשטאנען אויפ'ן טיש, האט פאפיאל געכאפט דאס לעפעל און געוואלט אנגיסען די גלעזער, אבער אראבעללא האט איהם ניט געלאזט.

— ניין, געהט בעסער רופט צום טיש אייער פריינד גאסטאן זשינערס, און איך וועל דא דערווייל אנגיסען די גלעזער.

זי האט צוגערוקט צו זיך די שיסעל וויין און אונבעמערקט אריינגעשאטען אהין א פראשעק.

פאפיאל האט עס ניט בעמערקט. ער האט זיך אויפגעהויבען פון ארט, איז אריבער אויף דער אנדערער זייט טיש, וואו אראבעללא איז געזעסען,

און האָט זי געשמאַק אַ קוש געטהאָן אויף די ליפּען.

אין דערזעלבער צייט האָט ער פון הינטען געקראָגען אַ שטאַרקען קלאַפּ אין פּאַטילניצע.

— עלענדער! — האָט ער דערהערט הינטער זיך אַן אויפגערעגטע שטימע.

פּאַפּיאַל האָט ארויסגעלאָזען אראבעללאַ'ן פון זיינע אָרעמס, ווערענד אראבעללאַ האָט אויסגעשריען מיט שרעק:

— הענרי קארדאַץ!

— ווי? וואָס? — האָט פּאַפּיאַל אויסגעשריען — וואָס וויל דער יונגערמאַן פון אונז? ווער איז ער? איך קען איהם ניט! דיינער אַ געליעבטער, אראבעללאַ, האַ? ווארט, איך וועל זיך באַלד מיט איהם בעקענענען.

און ווי אַ ווילדע, צורייצטע חיה האָט ער זיך ארויפגעוואָרפען אויף הענרי'ן און גענומען איהם שלאָגען.

אראבעללאַ איז געפאַלען אין חלשות נעבען טיש.

דער אקראָבאט און דער בחור'ל האָבען זיך געראַנגעלט. אָבער ניין, דאָס איז ניט קעווען קיין ראנגלען זיך. הענרי איז געווען אַ שפּיעל־באַלל אין די הענד פון פּאַפּיאַל'ן. ער האָט פון פּאַפּיאַל'ס קלעפּ פערלאָרען דעם בעוואוסטזיין.

— קום, איך וועל דיך אָבמינטערען, — האָט פּאַפּיאַל דאַן אויסגעשריען, האָט אַ כאַפּ געטהאָן הענרי'ן ארויפגעלעגט איהם אויפ'ן טיש, וואו אראבעללאַ איז געזעסען אַ גע'חלש'טע, האָט איהם מיט געוואַלט געעפענט דעם מויל און אריינגעגאָסען אהין מיט אַ לעפעל דעם הייסען וויין פון שיסעל.

די ארומיגע שיכורים האָבען זיך הויך צולאַכט און גענומען קלאַפּען „בראוואָ".

אין דיזער מינוט איז אין שענק אריינגעקומען איינער פון יענע דעטעקטיווס, וואָס האָבען געזוכט פּאַפּיאַל'ן; ער איז צוגעגאַנגען צו איהם, ארויפגעלעגט איהם די האַנד אויפ'ן אַקסעל און האָט איהם פריינדליך אריינגעקוקט אין פּנים.

— הערר אלאַדין, עס פרעהט מיך אייך צו זעהען. — האָט ער געזאָגט. אלאַדין האָט דערזעהן דעם דעטעקטיוו און זיך פערנייגט פאַר איהם:

— צו דיענען, מיין הערר! — האָט ער געזאָגט.

און אין א ווײַלע ארום האָט מען פּאַפּיאָל'ן, הענרי'ן און אראבעללאַ'ן ארעסטירט און אוועקגעפיהרט אין פּאָליציי־הויז.

אין פּאָליציי־הויז האָט דער עלטסטער בעאַמטער זיך געזעצט שרייבען דעם פּראָטאָקאָל.

— ווי הייסט איהר? — האָט ער זיך געווענדעט צו פּאַפּיאָל'ן.

— אָה, איהר ווייסט ווי איך הייס. — האָט פּאַפּיאָל געענטפערט — הלואי וואָלט איהר אַזוי ניט געוואוסט.

— אַלאַדין. — האָט דער בעאַמטער ווידער געזאָגט.

— ווייסט איהר דאָך, הײַנט וואָס פרעגט איהר. — האָט פּאַפּיאָל כלומרשט געשמייכעלט. אין הארצען אָבער איז ער געווען זעהר שטארק ניט צופריעדען און האָט זיך געטראַכט:

— איצט וועל איך מסתמא ווידער קריעגען א דריי מאָנאטען. עך, טייפעל!

דער בעאַמטער האָט זיך דאַן געווענדעט צו הענרי'ן:

— ווי איז אייער נאָמען?

— הענרי קאַרדאַץ; — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט א לאָאָ־סטודענט.

און דערביי האָט ער איהם אויך געזאָגט די אדרעסע פון זיין וואוינונג.

— איהר זייט געווען אין שענק „דער גרויסער אדלער“? האָט דער בעאַמטער געפרעגט.

— יא, מיין הערר, מיט דיזער דאַמע.

— ווי? מיט דיזער דאַמע?

— יא, מיין הערר. מיר זיינען פארבייגעגאַנגען דעם שענק. פּלוצים איז אונז אָנגעפאַלען א זאָנדערבאַרע אידעע, ארייַנגעהן אין שענק. מיר האָבען ניט געוואוסט, וואָס פאַר אן אָרט דאָס איז: מיר זיינען ערשט ניט לאַנג אין פּאַריז.

— איהר האָט געטרונקען מיט דעם מאַן? — האָט דער בעאַמטער ווידער געפרעגט.

— ניין, מיין הערר. איך האָב די דאַמע אויף א ווײַלע פערלאָזען, אום צו פערדרויכערן א סיגאַר. ווען איך האָב זיך אומגעקוקט, האָב איך דערזעהן,

ווי יענער הערר רעדט צו דער דאמע אין אזא פרעכער שפראך, אז איך בין געצוואונגען געווען צו פראטעסטירען. דאן האט זיך אנגעהויבען צווישען אונז א שטרייט, און אזוי ווי איך בין שוואך, האב איך פערלארען מיין בעוואוסטזיין.

פאפיאל האט געקוקט מיט גרויסע אויגען אויף הענרי'ן, האט זיך אבער איינגעהאלטען, וועלענדיג זעהן, וואס וועט פון דעם ארויסקומען.

אראבעללא האט אויך פערוואונדערט געקוקט אויף דעם יונגען מאן, וואס האט געזוכט צו רעטען איהר רעפוטאציאן.

— איהר קענט פערקלאגען דעם מאן. — האט דער בעאמטער געזאגט, ווענדיגענדיג זיך צו הענרי'ן.

— ניין, מיין הערר, — האט הענרי זיך אבגערופען — מיר זיינען גענוג בעשטראפט געווארען פאר אונזער נארישע נייגיערינקייט, צו וועלען זעהן דעם שענק. קיין קלאגעס וועלען מיר ניט פיהרען געגען יענעם מאן. ווען איהר וועט אונז ערלויבען, וועלען מיר געהן אויף אונזער קווארטיר.

און ווען ער האט עס געזאגט, האט זיך אראבעללא אויפגעהויבען פון ארט, וועהרענד הענרי קארדאיז, וועלכער האט זעהר בלייך אויסגעזעהן, האט איהר זיין ארעם דערלאנגט.

— וואס ? — האט פאפיאל ארויסגעברומט צווישען די צייהן — זי געהט אוועק און מיך פערהאלט מען דא ? מיר וועלען נאך זעהען !

ער האט זיך אויפסגעהויבען צורייצט און אויפגערעגט, האט געוואלט אנרופען אראבעללא'ס נאמען, דערצעהלען אלעס, נור אין דיזער מינוט האט עפעס אזוינס פאסירט, וואס האט ארויפגעטריעבען א שרעק אויף אלעמען.

צוגעהענדיג מיט אראבעללא'ן צום טהיר, האט זיך הענרי פלוצים אומגעקעהרט, האט אנגעקוקט די אנוועזענדע מיט א ווייט-אפענעם, לאכענדיגען מויל און האט אויסגעשריען, פערברעכענדיג די הענד:

— איהר זאלט וויסען, איהר מענשען, אז מיר אלע זיינען משוגע !...

וואס אזוינס האט מיט איהם פאסירט ? ער האט זיך געסטארעט צו בעהערשען, האט זיך געריבען מיט דער האנד דעם שטערן, וועלכער איז אין גאנצען בעדעקט געווען מיט שוויים.

— וואס איז עס מיט מיר ? — האט ער געמורמלעט — איך האב דאך

ניט געטרונקען. וואָס איז עס? האָט אימיצער מיר געגעבען ווײַן טרינקען, בעת איך בין געלעגען א גע׳חלש׳טער.

און פּלוצים האָט ער זיך צולאַכט ווילד, משוגע, און וועהרענד ער האָט געלאַכט, האָבען זײַנע אויגען אַרויסגעטראָטען גרויסע און גליהענדיגע, ווי צוויי פייערדיגע קוילען.

דאָס איז געווען ניט קיין גלאַטע געשיכטע. פון טרינקען בלויז ווײַן האָט מען זיך אַזוי ניט געקענט פיהלען.

— שליסט צו די טהירען! — האָט דער פּאָליציי־בעאַמטער בעפוילען — און רופט אַ דאָקטאָר.

דער דעטעקטיוו, וואָס האָט אַרעסטירט אַלאַדינען און די איבריגע, איז צוגעאַנגען צום בעאַמטען און האָט געזאָגט:

— הערר קאַפּיטאַן, די געשיכטע איז זעהר אַן ערנסטע. איך האָב געזעהען, ווי אַלאַדין האָט איהם מיט געוואַלט געגאָסען ווײַן אין מויל, ווען ער איז געלעגען אין אָהנמאַכט.

אַ דאָקטאָר איז געקומען, און בעטראַכטענדיג הענרי׳ן, האָט ער אַרויס־געדערט:

— דער יונגער מאַן איז פערגיפטעט.

— אַלאַדין האָט איהם מיט׳ן ווײַן פערגיפטעט! — האָט דער דעטעקטיוו אויסגעשריען.

— לויפט אין שענק „גרויסער אדלער“, — האָט דער בעאַמטער אויס־געשריען — און ברענגט אָהער דעם ווײַן, וואָס אַלאַדין האָט איהם געגעבען טרינקען.

דער דעטעקטיוו איז אַרויסגעלאָפען.

הענרי איז געפאַלען אויף די פּאָדלאָגע און האָט זיך אַרומגעוואָרפען אין קרעמפּפען. דער דאָקטאָר האָט טעלעפאָנירט נאָך אַן אַמבולאַנס.

אַראַבעללאַ איז געשטאַנען ווי פון אַ דונער דערשלאָגען און האָט ניט געקענט אויכרעדען אַ וואָרט. זי האָט איצט פערשטאַנען, אַז דאָס גיפט, וואָס זי האָט אָנגעגרייט פאַר פּאַפּיאָל׳ן און זײַן חבר, האָט פער׳סמ׳ט דעם אונשולדיגען הענרי׳ן.

זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צום דאָקטאָר מיט אַ פערצווייפעלטען געשריי:

— רעטעט איהם, לאָזט איהם ניט שטאַרבען!

פּאַפּיאָל איז געשטאַנען און ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר א וועלט ער איז...

דרייצעהנטער קאַפּיטאַל.

גאַסטאָן זשינער'ס טייפלישער פּלאַן.

עס איז געווען אַרום צעהן ביינאַכט. די טרויִמענדע אַנזשעלים איז געזעסען אין איהר צימער און האָט גע'חלום'ט פון איהר ליעבע צו הענרי'ן.

פּלוצים איז אַריינגעקומען צו איהר אין צימער איהר קאַמערמעדכען און האָט געזאָגט:,

— פרייליין, א מאַן וויל אייך זעהן.

— ווער?

— א מאַן, א הערר.

— אונמעגליך. ווי שפּעט איז איצט?

— צעהן.

— האָט איהר פון דעם געלאָזט וויסען מאַדאַם זשינערס? — האָט אַנזשעלים געפרעגט.

— די מאַדאַם איז אַוועק פאַרנאַכט און האָט זיך נאָך ניט צוריקגעקעהרט אַהיים.

— נו, לאָזט וויסען דעם הערר זשינערס.

— דער גנעדיגער הערר איז אין זיין קלוב, ווי יעדען אַבענד.

— אבער איך קען דאָך ניט אויפנעהמען א פרעמדען אַזוי שפּעט ביינאַכט! ווער איז ער? האָט ער אייך געזאָגט זיין נאָמען?

— ער האָט געזאָגט, אַז ער הייסט גאַסטאָן זשינערס און וויל אייך זעהר נויטיג זעהן.

— גאַסטאָן זשינערס! — האָט אַנזשעלים זיך א כאַפּ געטהאָן — האָט ער זיך שוין צוריקגעקעהרט פון זיין רייזע? אַך, ווי לאַנג מיר האָבען זיך שוין ניט געזעהן! איך בין נאָך געווען גאַנץ קליין, ווען ער, שוין א היבשער

באַי, פּלענט מיך אויף זיינע פּלייצעס טראָגען. אַך, ווי הערר זשינערס וועט זיך פרעהען, וואָס זיין ברודער האָט זיך צוריקגעקעהרט! ראָזעטטע, בעט איהם, ער זאָל ווארטען, איך קום גלייך ארויס צו איהם!

ראָזעטע איז ארויס און אַנזשעלים האָט זיך מיט פרייד געכאַפּט אָנטהון איהרע קליידער.

ווי קומט גאַסטאָן זשינערס אהער? בעת אראַבעללאַ איז אין שענק אריין און פּאַפּיאָל האָט איהם געבעטען, ער זאָל זיי איבערלאָזען אליין, איז איהם איינגעפאַלען אַ טייפלישער געדאַנק אין מוח: פּרובען גועהען צו זיין ברודער אין פּאַלאַץ און פערפיהרען אַנזשעלים. זיין רעכנונג איז געווען אזא: זיין ברודער, האָט ער געוואוסט, פערברענגט די אבענדען אין קלוב, אראַבעללאַ איז אין שענק, וועט ער קומען צו זשינערס'ן אהיים אַלס שליח פון אראַבעל־לאַ'ן און דאַן...

וואָס וועט דאַן זיין האָט ער נאָך קלאָר ניט געוואוסט...

און עס איז איהם געלונגען אריינצו'גנב'ענען זיך צו זיין ברודער אין פּאַלאַץ.

ער האָט אבער ניט בעמערקט, אז אין דער צייט, ווען ער האָט דעם שענק פערלאָזען, זיינען הינטער איהם נאָכגעגאַנגען צוויי דעטעקטיווס...

איצט האָט ער געווארט אין דעם סאַלאָן אויפ'ן ערשטען שטאָק.

עס איז איהם ניט אויסגעקומען צו ווארטען. באַלד איז אין סאַלאָן אריינגעלאָפען די שעהנע, אונשולדיגע אַנזשעלים און האָט זיך איהם געוואָרפען אויפ'ן האַלז.

— גאַסטאָן! גאַסטאָן! — האָט זי אויסגעשריען — איהר זייט צוריקגעקומען? זייט ווען?

— זייט היינט מאָרגענס. — האָט ער איהר געענטפערט אין טאָן — ווי איהר זייט אויסגעוואַקסען אַנזשעלים! — האָט ער צוגעלעגט — אַ פּראַכט־פאָלע בלום.

— ווארום זייט איהר פריהער ניט געקומען, גאַסטאָן? — האָט זי געסוויסטשעט ווי אַ פויגעלע.

— איך האָב קיין צייט ניט געהאַט. איצט וואָלט איך אויך ניט געקומען.

— האָט ער געענטפערט — נור איך האָב געמוזט קומען. מאַדאַם זשינערס האָט מיך אהער געשיקט צו אייך.

— מאדאם זשינערס? צו מיר? — האָט זי אויסגעשריען פער־וואונדערט — וואו איז זי?

זי האָט געהערט אַז איך האָב זיך צוריקגעקערט פון מיין רייזע, איז זי געקומען צו מיר אין האָטעל אויף בעזוך. דערווייל איז איהר דאָרט ניט גוט געוואָרען, וואהרשיינליך, פון היץ, איך האָב גלייך געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט פערבאָטען זי צו ריהרען פון אָרט, ביז מאָרגען אין דער פריה. דערפאַר האָט מאדאם זשינערס מיך געשיקט צו אייך, איך זאָל אייך בעטען צו קומען צו איהר. זי וויל ניט אַליין נעכטיגען אין האָטעל.

אנזשעלים האָט געקוקט אויף איהם מיט צושרקאָענע אויגען.

— און וואָס מאַכט זי איצט?

— אָה, גאַנץ גוט. זי דאַרף נור עטוואָס אויסרוהען.

— מען האָט געדאַרפט וועגען דעם לאָזען וויסען הערר זשינערס'ן, — האָט אַנזשעלים געזאָגט.

— זי וויל נים. זי האָט מורא איהם איבערצושרעקען. — האָט גאַסטאָן זשינערס געזאָגט.

— קומט שנעל! — האָט זי געזאָגט — איז עס וויט?

— ניין. ביי צעהן מינוט גאַנג פון דאַנען.

און זיי ביידע זיינען ארוים פון פאַלאַץ.

ער איז געגאַנגען נעבען איהר מיט פעסטע טריט, אַקוראַט ווי אַ מאַן, וואָס ווייסט וואוהין ער געהט.

ער האָט ניט בעמערקט ווי הינטער זיי געהען גאָר אַנדערע צוויי מענער.

ער האָט איהר דערלאַנגט זיין אָרעם, וועלכען זי האָט, פון צוטרויען צו איהם, גענומען.

זעהט זי אויס בלייך? — האָט אַנזשעלים געפרעגט.

— זעהר בלייך.

— איך האָב מורא, אַז זי איז זעהר קראַנק, ווען זי האָט געשיקט נאָך מיר. — האָט אַנזשעלים ארויסגערעדט מיט אונרוה אין קול.

— דער דאָקטאָר פערזיכערט, אַז זי איז ניט געפעהרליך. — האָט גאַסטאָן זשינערס זיך אָבגערופען, און זי אַ גלעט געטהאָן איבער די בלאָנדע האָאר — שרעקט זיך ניט, קינד, זי וועט געזונד ווערען.

ער האָט איהר אַריינגעקוקט אין פּנים מיט פייערדיגע אויגען, און דאַן האָט ער ווידער געזאָגט:

— ווי שעהן איהר זייט אויסגעוואקסען, אַנזשעליס, ווי פּרעכטיג, ווי ליעב!

זי איז רויט געוואָרען און האָט זיך פערשעהמט.

פיערצעהנטער קאַפּיטעל.

אַנזשעליס אין געפאהר.

ענדליך זיינען זיי צוגעגאַנגען צו אַ הויז אין אַ זייטיגען געסעל.

— דאָ איז עס. — האָט גאַסטאָן זשינערס געזאָגט — דאָס הויז איז מיינע. איך האָב זי אין גאַנצען אָבגעדונגען און אַ נאָמען געגעבען האָטעל גאַסטאָן־זשינערס.

ער האָט געעפענט מיט אַ שליסעל די גאַס־טהיר, האָט פריהער דורכ־געלאָזען אַנשעליס, דאַן איז ער אַליין אַריין און צוגעמאַכט הינטער זיך די טהיר.

ווען ער האָט אָנגעצונדען די גאַז, האָט אַנזשעליס זיך דערזעהן אין אַ גרויסען סאַלאָן, וועלכער איז געווען אָרעם און איינפאַך מעבלירט.

— וואו איז אַראַבעללאַ? — האָט אַנזשעליס געפרעגט.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר איהר, אַ גלעט געטהאָן איהר קעפּעלע און האָט זיך אָבגערופען:

— איז עס מעגליך, אַז איהר האָט גאָר נישט בעמערקט?

— בעמערקט? וואָס?

— אַז איך ליעב אייך. — האָט ער געענטפערט — און אַז איך האָב אייך אַהער פערפיהרט.

— אַראַבעללאַ! וואו איז אַראַבעללאַ — האָט דאָס יונגע מיידעל אויס־געשריען.

— וואָס ווייס איך? אַראַבעללאַ קימערט מיך ניט. איך ווייס נור, אַז איהר זייט דאָ ביי מיר, איהר, וואָס איהר זייט שעהנער און ריינער פון די

טרוימען פון מלאכים, און אז איהר וועט געהערען מיר. דען איהר מוזט מיר געהערען, איהר מוזט! אויף די קניע בעט ביי אייך!

און ער האָט זיך געוואָרפען פאר איהר אויף די קניע.

זי האָט פערשטאַנען אַלעס, אבער ניט קלאָר, ווי נור די ריינע אונשולד קען דאָס בייזע פערשטעהן. זי האָט זיך דערשראָקען און גענומען שטאַמלען:

— אָה, מיין גאָט! גאַסטאָן! גאַסטאָן! וואָס ווילט איהר פון מיר?

און מיט וואַנקענדיגע קניע, ציטערנדיג מיט'ן גאַנצער קערפּער, איז זי צוגעלאָפען צו אַ פאָרהאַנג, וועלענדיג זיך הינטער איהר בעשיצען.

ער אָבער איז געבליעבען שטעהן ווייטער אויף די קניע און גערעדט ווייטער:

— איך וויל, איהר זאָלט מיך ניט האַסען. וואָס איך האָב געטהאָן, איז טאַקע זעהר שלעכט; אבער ווען איהר וואָלט וויסען, ווי איך ליעב אייך, ווי איך ווער משוגע פאר אייך. איך האָב אייך געמוזט זעהן און מיט אייך רעדען. אין מיין ברודער'ס הויז האָב איך דאָס ניט געקענט, ווייל איך בין מיט מיין ברודער צוקריעגט. איך ליעב אייך, אַנזשעלים, איך ליעב אייך אַזוי, אַז ווען איהר זאָלט פאָרדערן פון מיר, איך זאָל געגען דער גאַנצער וועלט קעמפּפען פאר אייך, וואָלט איך עס געטהאָן. מיין האַלז בין איך אויך בערייט צו לאָזען זיך שניידען פאר איין בליק אייערן. אַנזשעלים, איהר זייט מיין לופט, מיין לעבען, און איך וועל שטאַרבען, אויב איהר וועט מיך אויך ניט ליעבען!

— הערר גאַסטאָן, — האָט זי איהם געענטפערט — איך מוז אוועק, און גלייך. איך וועל אייך קיין פאָרווירפע ניט מאַכען; אבער איך מוז אוועק אהיים. מען וועט דאָרט בעמערקען, אַז איך בין ניטאָ, וועט מען זיך איבערשרעקען. און אייך קען איך ניט ליעבען און וועל ניט ליעבען, ווארום איך ליעב אַן אנדערען. נו, און איצט לאָזט מיך געהן אהיים, איך האָב די גאַנצע וואהרהייט ארויסגעזאָגט.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון די קניע. זיין פּנים איז געוואָרען בלייך, ווי דער טויט, און ער האָט אויסגעשריען מיט אַ צאָרנדיגער שטימע:

— איהר ליעבט אַנאַנדערן? ווּעמען?

דיזער געשריי האָט זי נאָך מעהר איבערגעשראָקען.

— ויאָס קימערט עס אייך? לאָזט מיך געהן אהיים.

— אהיים ? — איצט, ווען איך וויים, אז איהר ליעבט אן אנדערען ? איך זאל אייך אנאנדערען איבערלאזען ? ניין, דאס וועל איך ניט טהון !

ער האט אויסגעזעהן שרעקליך; זי האט פערשטעלט דאס געזיכט מיט ביידע הענד און האט זיך געדריקט אין וואנד. מיט גרויסע שריט איז ער געגאנגען איבער'ן צימער הין און צוריק. ער האט געזעהן זיין גאנצען פלאן צושטערט. די צוויי מיליאנען וועט ער שוין ניט קריעגען און צוזאמען מיט זיי וועט ער ניט קריעגען דיזעס פרישעס, ריינעס קינד, וואס איז שעהנער געוועזען פון אלע פרויען, וועלכע ער האט ווען־עס־איז געהאט. איהם איז איינ־געפאלען אז די געוואלט אליין קען איהם מאכען פאר א הערשער איבער אנזשעלים און זי פערזיכערן איהם פאר די צוקונפט אויך.

— איווע ! — האט ער ווידער אויסגעשריען — איך פערגעטער אייך. איך וויל אייך האבען, איך מוז אייך האבען און איך וועל אייך האבען ! איהר מוזט געהערען מיר און קיין אנדערען. א־ניט וועל איך פון זינען ארונטער ! איך בין איצט ניט ביי מיין זינען ; עס וועט אייך ניט העלפען אייער קאמפף, אייער געשריי, קיינער וועט אייך ניט הערען. איהר זייט אליין מיט מיר, אין מיינע הענד ; אייער געליעבטער איז ניטא, ער וועט אייך פערטהיידיגען ניט קענען. איווע ! דו מוזט זיין מיינע, דו מוזט ! דו ביזט מיינע, מיינע !

זי האט געוואלט אנטלויפען, האט געזוכט הינטער די פארהאנגען טהירען. קיין טהירען זיינען אבער ניט געוועזן. ער האט זי גענומען פערפאלגען, זי פאר א האנד אנגעכאפט און צוגעצויגען זי א ציטערנדיגע, א האלב־טויטע צו זיך.

זי האט גענומע שרייען. זיינע הענד האבען שוין געהאט ארונטער־געריסען פון איהר די קליידער. זיינע אויגען האבען שוין איהר ראזעווע לייב דערזעהן, אבער פלוצים האבען זיך דערהערט שטארקע קלעפּ אין טהיר, וועלכע איז באלד אויפגעבראכען געווארען, און אין צימער זיינען אריינ־געלאפען די צוויי דעטעקטיווס מיט פיסטאלעטען אין די הענד און מיט א געשריי :

— שורקע, האלט !...

אין א ווײלע ארום האט גאסטאן זשינערס געהאט אויף זיינע הענד

קייטלעך און צוזאַמען מיט דער האַלב־גע׳חלש׳טער אַנזשעלים אַבגעפירט געוואָרען אין פּאָליציי־הויז.

זעכצעהנטער קאַפּיטעל.

העגרי קאררדאַץ.

אין האָספּיטאל האָט מען הענרי קארדאַץ געראַטעוועט, דאָך איז ער נאָך א לאַנגע צייט אַבגעלעגען קראַנק.

איינמאָל, דאָס איז געווען אין א פּאָאַר מאָנאַטען שפּעטער, איז הענרי געשטאַנען א בלייכער און א שוואַכער ביים פענסטער אין זיין צימער און האָט מיט אונגעדולד ארויסגעקוקט אין דרויסען.

ער האָט געוואַרט אויף זיין ברודער, וועלכער האָט געדאַרפט קומען פון געריכטס־הויז, וואו מען האָט היינט גע׳משפּט אראַבעללאַ׳ן און פּאַפּיאָל׳ן פאר וועלען איהם פערגיפטען מיט׳ן וויין. די טהיר האָט זיך געעפענט און זיין ברודער איז אריין.

— נו? — האָט זיך הענרי א וואָרף געטהאָן צו איהם.

— מען האָט זי געפונען שולדיג. — האָט דער ברודער געזאָגט — מען האָט זי פער׳משפּט צו צעהן יאהר געפענגניס.

— זי איז ניט געווען שולדיג! — האָט הענרי אויסגעשריען.

— דאָך, דער פאַקט, אז פון דעם פערגיפטעטען וויין האָט ניט געטרונקען ניט אַלאַדין און ניט זי, רעדט שטאַרק געגען זיי...

— דאָס האָט אַלאַדין געטהאָן! — האָט הענרי אויסגעשריען.

— און אַלאַדין איז געווען איהר געליעבטער, האָט זיך ארויסגעוויזען אין געריכט. — האָט הענרי׳ס ברודער געזאָגט.

הענרי האָט א קרעכץ געטהאָן און ארונטערגעלאָזען זיך אויף א שטוהל.

— און אַלאַדין׳ן האָט מען פער׳משפּט צום הענגען. — האָט הענרי׳ס ברודער ווייטער דערצעהלט.

אין דיזער צייט איז אין צימער אריינגעלאָפען אַנזשעלים, וועלכע האָט די לעצטע צוויי מאָנאַטען ניט אַבגעטרעטען פון דעם קראַנקען הענרי׳ס בעט.

— זי איז פערלאָרען, די אָרימע אראבעללאַ! — האָט זי, אריינגלויפענ־דיג, זיך צואווײנט.

זיעבצעהנטער קאַפּיטעל.

די לעצטע ערניעדערונג.

דריי מאָנאַטען געפענגנים און די עפענטליכע שאַנדע האָט אַראבעללאַ'ן צוברָאָכען.

— רעכט אויף מיר. — האָט זי געטראַכט — איך האָב דאָס כשר פערדיענט. אבער מיין קינד, מיין אונגליקליכע סעבאַסטיאַנע, פאַר וואָס זאָל זי, נעבעך, ליידען?

און זי האָט ביטער געוויינט אויף דעם שיקזאל פון דער אונשולדיגער סעבאַסטיאַנע, וואָס האָט געליטען פאַר פרעמדע זינד...

איינמאָל איז אַ וועכטער אריינגעטרעטען אין איהר קאַמער.

— קומט מיט מיר אין ביוראָ, דער דירעקטאָר וויל אייך זעהן.

— צו וואָס?

— איך ווייס עס ניט.

אין ביוראָ פון דעם דירעקטאָר איז זי אַ ווײלע געבליעבען אַליין. דאַן האָט זיך די טהיר געעפענט, און איהר מאַן הער זשינערס איז אריינגעקומען.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן און איהם אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען.

— מאַדאַם, — האָט ער זיך אָבגערופען — איך האָב אייך געבראַכט די בעגנאַדיגונג. אין אַ שטונדע אַרום וועט צופאָהרען צום געפענגנים אַ וואָגען און וועט אייך אָבפיהרען צום וואָקזאַל. דאָרט מוזט איהר נעהמען אַ טריין און צוריקפאָהרען צו אייער פאַטער. אַן אייער געזעלשאַפטליכען לעבען מוזט איהר פערגעסען, ווי די געזעלשאַפט האָט אָן אייך פערגעסען.

— איהר ווילט מיך, הייסט עס, פערשיקען אין וואַלד? — האָט זי שטיל אַרויסגעשעפּצעט.

— דאָרט איז אויך אייער קינד. — האָט ער געזאָגט.

— יא, אונזער אַרעמע טאָכטער. — האָט זי אונטערגעכאַפּט.

— ניין, ניט אונזער טאָכטער, מאַדאַם! —האָט ער אַ געשריי געטהאָן— איך בין ניט איהר פאָטער...

— דאָס איז אַ ליגען!

— דאָס איז די וואהרהייט, מאַדאַם. דערמאָנט זיך נור: סעבאַסטיאַנע איז זעקס מאָנאַטען נאָך אונזער האָכצייט געבאָרען געוואָרען...

— איז זי שולדיג?

— איך געוויים ניט.

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט רחמנות׳דיגע אויגען און כמעט וויינענדיג האָט זי אַרויסגעשעפּצעט:

— סעבאַסטיאַנע איז אייער טאָכטער. זי טראָגט אייער נאָמען.

— דעם נאָמען האָט איהר ביי מיר גע׳גנב׳עט, מאַדאַם! דיזעס ווילדעס קינד מיט די משוגענע אויגען און מיט די געדיכטע האָאָר איז די טאָכטער פון דעם אַקראָבאַט, וועלכער איז געזעסען מיט אייך אויף איין אַנקלאָגע־באַנק!...

מיט אַ מורא׳דיגען געשריי איז אַראַבעללאַ געפאַלען אויף אַ שטוהל און האָט צוגעדעקט דעם פּנים מיטביידע הענד.

ער האָט אַ ווײלע געשוויגען, איבערלאָזענדיג זי ביי איהר פערצווייפלונג. דאַן האָט ער ווידער אַרויסגערעדט:

— נו, זייט איהר צופריעדען אָנצונעהמען די בעגנאַדיגונג?

— יא, יא! — האָט זי זיך אַ כאַפּ געטהאָן — צוליעב מיין קינד, צוליעב מיין סעבאַסטיאַנע. איך וועל מיט איהר ערגעץ אַוועקפאָהרען, קיינער וועט פון אונז מעהר ניט הערען, קיינער וועט פון אונז מעהר ניט רעדען.

אַכטצעהנטער קאַפּיטעל.

אַרבעללאַ׳ס סוף.

אויף מאָרגען פאַרנאַכט איז אַראַבעללאַ שוין געווען אויפ׳ן בעקאַנטען וועג, וואָס האָט געפיהרט אין גוזעביאוס׳ הויף.

זי איז געזעסען אין איהר פאטער'ס קארעטע, וועלכע האָט זי בעגעגענט ביים סטיישאָן, און האָט געברענגט פו אונגעדולד צו זעהע איהר קינר.

וויפיעל לעבענס־כחות עס זיינע נאָך ביי איהר פערבליעבען האָט זי בעשלאָסען אָבצוגעבען איהר קינד. אין די געפיהלען פון מוטערליעבע האָט אראבעללא איצט געוואָלט איהר רוה געפינען. איהר טאָכטער פאַר אַ גוטע פרוי האָט זי געוואָלט ערציהען, אָהן די קרענקליכע טרוימען, אָהן די שטורמ־דיגע ליידענשאפטען — דאָס איז פון איצט אָן געווען דער צוועק פון איהר לעבען.

— ויען איך וועל אָנקומען, וועט שוין נאכט זיין. — האָט אראבעללא געטראכט — דאן וועט זי שוין שלאָפען. איך וועל צו איהר בעטעלע צוגעהען און זי קושען. מאָרגען פריה וועלען מיר פּלוידערן. זי מוז שוין זיין אַ גרויסע מיידעל!

און ארויסבויגענדיג זיך פון קארעטע האָט זי דערזעהען דעם דאך פון איהר פאטער'ס הויז, וועלכעס איז איינזאם און שטיל געשטאנען אויף אַ בערגעלע. די רויטע שטראָהלען פון דער פערגעהענדיגער זון האָבען זיך אָבגעטונקט אויף דעם בלישצענדיגען דאך.

אראבעללא'ן האָט פּלוצים פערקוועטשט דאָס הארץ. ווארום? פון וואָס? איז עס אפשר געווען אָן אהנונג, אַ פאָרגעפיהל וועגען עפּעס ניט גוטעס, וואָס האָט זי דאָרט ערוואַרטעט, אין איהר פאָטערס הויז? ווער קען וויסען די געהיימניסע פון אַ מענשליכער נשמה!... אָבער סעבאסטיאנע האָט געמוזט ווערען בעסער. די צייט, וואָס זי, אראבעללא, איז אין געפענג־ניס געזעסען, האָט זי געקראָגען עטליכע גוטע בריעף וועגען איהר טאָכטער'ס געזונד.

ווען די קארעטע האָט זיך געבען הויז אָבגעשטעלט, איז די זון שוין געווען אין גאנצען אונטערגעגאַנגען און די פאסאד פונ'ם הויז איז איינ־געוויקעלט געווען אין אַ גרויען פאַרנאַכטיגען ליכט. ביים אָנבליק פון דעם דאָזיגען הויז האָט אין אראבעללא'ן ערוואכט די עראינערונג אָן איהר גאנצער שרעקליכער פערגאַנגענהייט.

וועט זי וואגען אריינצוטרעטען אין דאָס הויז, וואו זי איז אזוי ניעדריג און עלענד געווען? אין דיזער מינוט האָט זי זיך געפרעגט: ווי אזוי האָט זי אהער גֿעקענט שיקען איהר טאָכטער...

מיט שנעלע טריט איז זי דורכגעגאנגען דעם בעקאנטען גאָרטען, איז ארויף אויפ'ן גאניק, האָט די טהיר געעפענט און איז אריין אין זאאַל, וואו איהר פאטער גוזעביאוס, געעלטערט און געבויגט, איז געזעסען ביי א טיש און זיך געגראָבען אין עפּעס פּאַפּיערען.

— פאטער! — האָט זי אויסגעשריען.

דער אַלטער גוזעביאוס האָט לאנגזאם אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האָט זי אָנגעקוקט און האָט גאָר נישט געזאָגט. זיינע אויגען זיינען געווען פער־לאָשען. די אונטערשטע ליפּ האָט ארונטערגעהאנגען שלאַף, בלייך, אָהן א טראָפּען בלוט.

אראבעלאַ'ן איז קלאָר געוואָרען, אז איהר פאטער איז געווען א לעבעדי־גער טויטער. די עלטער און די איינזאמקייט האָבען דעם לעצטען פונק פון פערשטאַנד אין איהם אויסגעלאָשען. פון דיזען אונגליקליכען גרייז האָט זי ניט געקענט ערווארטען קיין גרוס. זי האָט געוואָלט איהר טאָכטער זעהן. א קינד רעדט, זינגט, ווארפט זיך איינעם אויפ'ן האלז, און פרעהט זיך, און לאכט. אראבעללאַ האָט געכאַפּט דאָס גלעקעל, וואָס איז אויפ'ן טיש געשטאַנען, און האָט גענומען הויך קלינגען.

— מאריעטטא! — האָט זי גערופען.

מאריעטטא איז אריינגעקומען, דאָס זעלבע מיידעל, צו וועלכער זי איז א מאָל געווען אייפערזיכטיג. איצט איז מאריעטטא געווען אַן אַלטע מויד, מיט אַן איינגעבויגענעם רוקען און מיט א צוקנייטשטען פּנים.

— אה, מאַדאַם! — האָט דאָס מיידעל אויסגעשריען.

— יא, איך בין עס, מאריעטטא. איך בין געקומען צוריק אַהיים. סעבאסטיאַנע שלאָפט שוין געווים? וואו איז איהר צימער? פיהרט מיך אריין צו איהר.

— סעבאסטיאַנע? — האָט ארויסגערעדט דאָס מיידעל צומישט.

— יא. וואו איז זי?

— איך ווייס ניט. — האָט מאריעטטא געענטפערט.

— וואָס הייסט? וואו איז מיין קינד? — האָט אראבעללאַ אויס־געשריען פערצווייפעלט.

— מאַדאַם, מיר ווייסען ניט, וואו זי איז. — האָט מאריעטטא געענטפערט.

און, שטאמלענדיג, האט זי איהר גענומען דערצעהלען, אז עטליכע טעג נאכאנאנד האט סעבאסטיאנע וויעדער געהאט נערוועזע אנפעלע. דער דאקטאר האט געזאגט, אז זי איז משוגע.

— מיין טאכטער איז משוגע! — האט אראבעלא אויסגעשריען מיט א פערשטיקטען יאמער.

און מאריעטטא האט דערצעהלט ווייטער:

— מיר האבען ניט געוואוסט, וואס מיר זאלען אנהייבען מיט איהר צו טהון. איך פערזיכער אייך, מאדאם, אז מיר אלע האבען זיך פאר איהר געשראקען. מיט איהרע רויטע און גאלדען־ברענענדיגע אויגען איז זי ארומ־געשפרונגען פון ווינקעל צו ווינקעל, ווי א ווילדע קאץ, וועלכע איז בערייט ארויפצוואורפען זיך אויף אייך מיט איהרע נעגעל. און האט גערעדט אזוינע שמוציגע ווערטער, וועלכע מען קען גאר ניט הערען פון א קינד אין איהרע יאהרען. און אנומעלט, אין גארטען, האט זי זיך ארויפגעווארפען אויף מיר מיט א שער, וועלכע זי האט גע'גנב'עט ביים גערטנער, און האט מיט די ווערטער „גאלד! גאלד!" אבגעשארען א הויפען האאר פון מיין קאפ. מיר האבען זי פערשפארט. וואס אנדערש האבען מיר געקענט טהון? אונזער אלטער הערר האט אויך זיין פערשטאנד פערלארען. היינט אין דער פריה, ווען איך האב איהר געבראכט פריהשטיק, האב איך געפונען איהר צימער לעדיג. איך פערשטעה ניט וואו זי איז אוועק און ווי אזוי. אפשר דורכ'ן פענסטער. מיר האבען זי א גאנצען טאג געזוכט און ניט געקענט געפינען.

— רופט צונויף אלע דיענער! צינדט אן לאמטערנעס! קומט, איך וועל זי שוין געפינען! — האט אראבעללא אויסגעשריען.

אין עטליכע מינוט ארום האבען זיך אלע דיענער און דיענסטען צוזאמענ־געקליבען, פערוואונדערט, וואס אראבעללא איז געקומען.

און זיי זיינען אוועק זוכען סעבאסטיאנען. אראבעללא אין פאראויס.

און זיי האבען זי געזוכט אין הויז, אין גארטען, אין דעם קליינעם וועלדעל, האבען זי גערופען — אומזיסט, זי איז ניט געווען!

אויסגעמאטערט און פערצווייפעלט האט זיך דאן אראבעללא צוריק־געקעהרט, צוויי דיענער האבען זי געמוזט אונטערהאלטען, אזוי שלעכט האט זי זיך געפיהלט. זי האט געבעטען מען זאל זי ארייגפיהרען אין איהר קינד'ס

צימער. דאָרט האָט זי געוואָלט שלאָפען. דאָך, ווען זי האָט דערזעהן די מעבעל, די בעט, האָט זי גענומען שוידערן. אויף דיזער בעט איז סעבאַסטיאַן געשטאָרבען...

זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן מיט פערמאַכטע אויגען אויפ'ן בעט אין איהרע קליידער. זי האָט איינגעשלאָפען מיט אַ שווערען שלאָף. דאַן האָט זיך איהר אויסגעוויזען שטילע טריט איבער דער פּאָדלאָגע פון צימער; דאַן אַ שטילעס קרעכצען פון בעט, אַזוי ווי אימיצער וואָלט זיך נעבען איהר אוועקגעלעגט. דאַן האָט זיך איהר אויסגעוויזען, ווי עפּעס וואָלט געבלישצעט פאַר איהרע צוגעמאַכטע אויגען, און באַלד האָט זי דערפיהלט ווי עפּעס קאַלטעס און גלאַטעס וואָלט זיך געגליטשט איבער איהר שטערן, שלייפען און נאַקען.

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטהאָן און זיך אומגעקוקט אין צימער, וואו דער לאָמפּ האָט נאָך געברענט, און זי האָט דערזעהן, ווי אַ קליין מיידעלע איז ארויסגעלאָפען דורך די אָפענע טהיר.

זי האָט אַרונטערגעשפּרונגען פון בעט און געלאָזט זיך יאָגען נאָכ'ן קינד דורכ'ן קאָרידאָר, פון די טרעפּ, אויפ'ן גאַניק, און פון דאָרט דורכ'ן גאָרטען.

— סעבאַסטיאַנע; סעבאַסטיאַנע! וואַרט! אַנטלויף ניט! — האָט זי גערופען, לויפענדיג מיט אַן אימפּעט.

דאָס קינד האָט זיך אָבער ניט אָבגעשטעלט, און עס איז פערשוואונדען צווישען די דונקעלע בוימער.

די אונגליקליכע מאַמע האָט זיך געיאָגט אַלץ ווייטער און ווייטער. פּלוצים האָט זי זיך אָבגעשטעלט. אונטער דער שיין פון דעם אויסגעשטערנ־טען הימעל האָט זיך אין איהרע אויגען אַ וואָרף געטהאָן אַ ווייסע מצבה איבער אַ קבר און ניט ווייט פון קבר האָט זי דערקענט אַן אַלטען בוים, וואו זי האָט פיעל מאָל פערבראַכט מיט דאָמיניק'ען...

— ווער רוהט דאָ אויף דעם דאָזיגען אָרט פון איהר שמאָך און שאַנדע?...

און זי האָט איבערגעלעזען אויף דער ווייסער מצבה די פאָלגענדע ווערטער, געצייכענט מיט רויטע בוכשטאַבען:

„דאָ רוהט סעבאַסטיאַן. געשטאָרבען אין עלטער פון 17 יאָהר. — וואַנדערער, בעט פאַר זיין נשמה!“

בעטען ? קען זי בעטען ? האָט זי א רעכט צו בעטען ? !...

אָבער א שטורמדיגער שלוכצען האָט זיך פון איהר ברוסט ארויס־געריסען. געבראָכען איז זי אויף די קניע געפאלען אויף די טיעפע גראָז איבער סעבאסטיאן'ס קבר.

פלוצים האָט זי דערהערט א קורצעס, ווילדעס לאַכען.

צושראָקען האָט זי זיך אומגעקוקט. ווער קען לאַכען אויף דיזען אָרט ? סעבעסטיאַנע ! ! !

פון הינטער דער מצבה האָט א בלייך קינד ארויסגעקוקט מיט ווילדע, רויט־פינקעלדיגע אויגען און קורצע, שווארצע, געקרויזטע האָאר. דאָס קינד האָט געקוקט אויף אראבעללא'ן און געלאַכט.

די מוטער האָט ניט געוואגט זי צו רופען : „מיין טאָכטער !"

און ווירקליך, עס איז געווען ניט איהר טאָכטער ; עס איז געווען דאָמיניק'ס קינד. אין גאנצען ער !

און דאן איז עפּעס שרעקליכעס געשעהן : דאָס קינד האָט ארומגענומען די מצבה מיט איין אָרעם און מיט דער אנדערער האנד האָט זי געשאָטען איבער'ן קבר הויפענס גאָלד־רויטע לאָקען פון אראבעללא'ס האָאר...

איז עס א חלום ? ניין. ווען אראבעללא האָט געשלאָפען, האָט דאָס קינד ביי איהר פון קאָפּ גאנצע זשמוטעס האָאר מיט א שערעלע אָבגעשאָרען. דערפאר האָט זיך אראבעללא'ן פריהער געדאכט, אז עפּעס קאלטעס און גלאטעס גליטשט זיך ביי איהר אויפ'ן שטערן און נאקען.

סעבאסטיאַנא האָט אָבער געלאַכט, מיט דעם געלעכטער פון משוגעת...

און דאן... און דאן האָט אראבעללא דערפיהלט ווי אויך צום לאַכען, ווי איהר טאָכטער, און זי האָט זיך אָנגעכאפּט פאר'ן קאָפּ און אויסשצירענדיג איהרע אויגען, גרויסע, גרויסע, ווילדע און ברענענדיגע, האָט זי אויך גענומען לאַכען, און קלאַפּען איבער'ן קבר, און שרייע :

— סעבאסטיאן, קום ארויס, איך וועל מיט דיר חתונה האָבען ! סעבאסטיאן, די חופה ווארט אויף אונז ! סעבאסטיאן, סעבאסטיאן ! כא ! כא ! כא !...

און מיט דעם האָט געענדיגט די שעהנע אראבעללא !...

ע נ ד ע.

לעצטע שריפטען

— פון —

מענדעלי מוכר ספרים.

(ש. י. אבראמאוויץ)

דיא לעצטע שריפטען איז א זאמלונג פון פערשיעדענע זשורנאלען אונד צייטונגען וואו דער פאטער פון דער אידישער ליטעראטור ש. י. אבראמאוויץ האט אין דער לעצטער צייט געשריבען.

יעדע פון די שריפטען איז א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דעם אידישען לעבען אונד ווירקען אין רוסלאנד, אונד אין דער זעלבער צייט איז עס פול מיט הומאר, וויטץ אונד שארפזינן אונד זעהר אינטערעסאנט אונד שפאנענד צו לעזען.

אין איינע פון דיא שריפטען ווערט געשילדערט מיט דער קראפט פון מענדעלי'ס פעדער די לעצטע אידישע צרות אונד פאגראמען אין רוסלאנד, אונד דיעזע שילדערונג איבערשטייגט אליין אללעס וואס ער האט פֿאָרהער געשריבען, אפילו פון זיינע צוויי בעריהמטע ווערק ווי דיא „קליאטשע" אונד „פישקע דער קרומער" עס איז א קונסט ווערק אונד עס איז ווערטה צו לעזען אונד שטודירען.

פרייז 35 סענט (פארטא פרייא)

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street New York.

— דער —

אידיש אמעריקאנער רעדנער

א ריעזען ווערק אין אונזער מאמע לשון.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט 600 זייטען אנגעפילט מיט דיא בעסטע און פאפולערסטע רעדעס געשריבען אין די שעהנסטע און דייטליכסטע אידיש, פון די גרעסטע אידישע רעדנער אין אמעריקא, ווי אויך פון דיא בעריהמטע אידישע שריפטשטעללער, וועלכע האבען ספעציעל געשריבען פאר דיעזע ענציקלאפעדיע פון רעדנער קונסט וואס וועט בלייבען אלס דער שעהנסטער מאנומענט פון קונסט אין אונזער מאמע לשון.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט א גרויסע הקדמה איבער די קונסט פון האלטען א רעדע וויא אויך פיעלע רעדעס צו האלטען ביי א ברית, א מזל־טוב, א פדיון הבן, א בר מצות, א תנאים, א חתונה, זילבערנע און גאלדערנע האכצייטען, ביי א לויה, שטעלען א מצבה, חנוך הבית א. ז. וו.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, ענטהאלט אויך פרעכטיגע רעדעס פיר לאדזשעס, פעראיינען, קלאבס, געבורטס־טאג פארטיעס, סיום התורה און ציוניזמוס, רעדעס פיר יוניאנס און העכסט בעקעהרענדע פאטריאטישע רעדעס פיר אללע אידישע ימים־טובים צו האלטען אין שוהל און אין האלל, וויא אויך א בוקעט הומאריסטישע רעדעס צום לאכען ביי געוויסע געלעגענהייטען.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער, איז רעדאקטירט פון פראפעסאר ג. זעליקאוויץ, (סמבטיון, ליטווישער פילאזאף) וועלכער האט אלס רעדאקטאר פון בוך, אליין אויך געשריבען צעהנדליגע רעדעס פיר יעדע געלעגענהייט.

ענגלישע רעדעס.

דער אידיש אמעריקאנער רעדנער האט אויך א ביילאגע פון פערשיעדענע ענגלישע רעדעס, פיר אמעריקאנאזירטע אידען וועלכע קענען שוין רעדען אין דער לאנד'ס שפראכע, דיעזע ענגלישע רעדעס זיינען גענומען פון די בעסטע אוי גרעסטע אמעריקאנער רעדנער ביכער און בעארבייטעט נאכ'ן אידישען געשמאק.

בר־מצוה רעדעס.

א בעזונדער מתייל פון דעם אידיש אמעריקאנער רעדנער, איז געווידמעט פיר בר־מצוה רעדעס, וואס יעדע פון וויא איז א פערל, און געשריעבען פון דיא גרעסטע פאבליים און פעדאגאגען. די בר מצות רעדעס זיינען אין 3 פערשיעדענע שפראכען אין אידיש ענגליש און העבראאיש.

פרייז פיר דעם אמעריקאנער רעדנער מיט דיא בר מצוה רעדעס	150
פרייז פיר די בר־מצוה רעדעס אליין, פאפיער באנד 35, קלאטה באנד,	50

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער,

היברו פאבלישינג קאמפאני,

83־85־87 קאנאל סטריט, ניו־יארק.

אידישע ליטעראטור.

אונטער דיעזען נאמען זיינען ביי אונז יעצט ערשיענען די פאלגענדע אויסגעוועהלטע ווערקע פון די בעסטע אידישע ליטעראטען און פאָעטען.

אברהם אבינו'ס לעבענס=בעשרייבונג, א. ראזענבערג,	3
אויפגעקומענער גביר, שלום=עליכם,	3
אז מען זאָגט משוגע, גלויב, י. ל. פרץ,	3
אידען אין פרס ומדי, א. טאנענבוים,	3
איזאבעלא'ס נשמה, ל. ראבינאוויץ	3
אייזיק'ל שוחט, י. ל. פרץ,	3
אינדיען (דאָס לאַנד), י. דינעזאהן,	5
אין שטוב און אין גאַס. מ. ספעקטאר,	3
אין שטראָם פון רעוואלוציאן, מ. דאַנצים,	5
דער אלטער און דער נייער דור (דור הולך ודור בא), א. גאָלדפאַדען,	15
ארץ־ישראל פושקע, מ. ספעקטאָר,	3
בארדיטשעווער טהעאַטער, שלום=עליכם,	5
בארדיטשעווער טראַמוואַי און האָטעלען, שלום=עליכם,	5
באשערט אנ'אונגליק, שלום=עליכם,	3
בבל (דאָס לאנד), י. דינעזאהן,	5
ביי'ם דאָקטאָר, שלום=עליכם,	3
בלינדער בעטלער, א. באראף,	3
בן יחיד, ב. גארין,	3
בשעת מגפה, י. ל. פרץ,	3
גאלדעלע, מ. ספעקטאָר,	3
גיטעלע'ס יום־כפור, י. דינעזאָהן,	3
גימנאזיע, שלום=עליכם,	3
געלד און לעבען, ד. עדעלשטאט,	3
דור הפלגה, א. גאָלדפאדען,	3
היינריך היינע, נ. מ. באבאד,	3
הכנסת כלה, י. ל. פרץ,	3
אַ וויגרישנער בילעט, שלום=עליכם,	5
ווילדע מענשען אין אויסטראַליען, א. קאָטיק,	3
וועגס=לייט, בילדער פון מ. ספעקטאָר,	5
ווערא, ד. עדעלשטאט,	3
זעלדע געהט אין טהעאַטער, ב. גאָרין,	3
חינא (דאָס לאַנד), י. דינעזאָהן,	5
דער חלום, י. ל. פרץ,	3
חסידישע מעשה'לעך, י. ל. פרץ,	10
דאָס טעפעל, שלום=עליכם,	3
יאַנקעל פעססימיסט, י. ל. פרץ,	3
יודישע עשירות, מ. ספעקטאָר,	3
יודישער נחת, מ. ספעקטאָר,	3
ירחמיאל'קע,	3
אַ כעס פון אַ יודענע, י. ל. פרץ,	3
ל"ג בעומר, שלום=עליכם,	3
ליטעראַרישע בריעף, ג. זעליקאָוויץ,	5
דער לץ, י. ל. פרץ,	10
מאַן און ווייב, מ. ספעקטאָר,	3
דער מאהלער, ד. עדעלשטאט,	3
מענדעל בריינעס, י. ל. פרץ,	3
מעשה'לעך און חלומות, י. ל. פרץ,	3
מעשה'לעך פון דול=הויז, י. ל. פרץ,	3
משופע, י. ל. פרץ,	3
משוגענער בטלן, י. ל. פרץ,	3
משוגענער פילאָזאָף, א. גאָלדפאַדען,	15
די מוסרים, ב. גארין,	3
דער משולח, י. ל. פרץ,	3
ניט קיין גלייכע פּאָר, בן אביגדור,	3
נייער ראַבינער, ש. פרוג,	3
נעבאך, ב. גארין,	3
נעילה, י. ל פרץ,	3
די נשמה, י. ל. פרץ,	3
עגיפּטען (דאָס לאַנד), י. דינעזאָהן,	5
ערקעלטונג און קאַטאַר, א. טאנענבוים,	3
אַנ'עצה, שלום=עליכם,	3
פּאָעזיע, י. ל. פרץ	15
דאָס פינטעלע יוד, א. גאָלדפאַדען,	5
אַ פעקעל בריעף, י. ל. פרץ,	5
פערעלע, שלום=עליכם,	3
פרעה'ס יורשים, י. ל. פרץ,	3
פונ'ם פריזיוו, שלום=עליכם,	3
פישעל דער מלמד, שלום=עליכם,	3
אַ פערשטערטער שבת, י. ל. פרץ,	3
דער פעטער שכנא, י, ל, פרץ,	3
דער פעטער פיני מיט דער מוהמע רייזע, שלום עליכם,	3
פריינקעל'ס שריפטען,	5
צו וואָס טויג טהעאַטער, ב פייגענבוים,	3
צוויי קברים, ש ראַבינאָוויץ,	3
צוויי פעסלאך ווייז, מספעקטאָר,	3
צווישען ווייטע און נאהענטע, מ. ספעקטאָר	3
דער קאר קאָנדוקטאָר, ד עדעלשטאט,	3
קליינע מעשה'לעך, י ל פרץ	10
רומענישע אידען אין אַמעריקא, הערמאלין,	3
רייזע בילדער, י ל פרץ,	5
דאָס שטריימעל י ל פרץ	3
שלום=פיוווישקע, מ ספעקטאָר,	3
שמשן שלמה מיט זיינע פערד, י. דינעזאָהן,	3
שמעריל'ס שמחה, מ ספעקטאָר,	3
שרה פעסי, מ ספעקטאָר,	3
שרה'לע, מ ספעקטאָר,	3

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער ווי אויך ביי די פערלעגער:

היברו פאבלישינג קאמפאני,

83-85-87 קאנאל סטריט, ניו-יארק.